STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05174

YIDISHE NEKOMEH

Fishl Sheneurson

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פישל שניאורסאָן

יידישע נקמה

(פון דער עקסטערן־וועלט)

ווילנע
ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

צום אָנדענק
פֿון מיין זעליגער מוטער
ג י ט ל ש נ י א ו ר ס אָ ן

PRINTED IN POLAND

Fiszl Sznejurson. — „Jidisze nkomo"
Drukarnia Wyd. Wileńskie B. Kleckina, Wilno

אינהאַלט:

קאַפּיטל איינס	כּאַרפּלייצעניש	5
קאַפּיטל צוויי	טשעקאַווער צוזאַמענשטויס	18
קאַפּיטל דריי	אומגעריכטע פרילינג-געשעענישן	27
קאַפּיטל פיר	אומהיימלעכע קאָנפליקטן	43
קאַפּיטל פינף	אַ חופּה אויפן בית-עולם	81
קאַפּיטל זעקס	דער יום-הדין	118
קאַפּיטל זיבן	דער גרויסער וואונדער-עקסטערן	154
קאַפּיטל אַכט	יידישע נקמה.	186

1.

פאַרפלייצעניש

די גאַנצע שטאָט איז געווען אויפגערודערט דורך די מאָדנע מעשים, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט מיט יידישע בחורים אין דער רוסישער מלוכה־גימנאַזיע. אַ צייט־לאַנג האָבן זיך וועגן דעם אין דער גאַנצער געגנט געוועבט לעגענדעס. פאָרגעקומען איז דאָס אין אָנהייב פון היינטיקן יאָר־הונדערט.

גאָר נישט ווייט פון מיטן שטאָט, אין דער רעכטער זייט פון דעם שטאָט־גאָרטן, האָט זיך גיגאַנטיש־שטאָלץ און זיכער אויפגעהויבן דער ווייסער מויער פון דער מלוכה־גימנאַזיע. דער גרעסטער און שענסטער בנין אין דער גאַנצער געגנט — ס׳איז טאַקע צו אים גאָר קיין גלייכן נישטאָ. נישט נאָר די איינגאָרנדיקע הייזער און הייזלעך מיט זייערע געפּאַרבטע לאָדנס אָדער אַפילו די זעלטענע צווייגאָרנדיקע געמויערטע הייזער, נאָר דער פּריצישער קלוב מיט זיין ברייטן פּאַסאַד, די פּריצישע הייזער, וועלכע האָבן זיך געצויגן, ווי אויסגעפּוצטע לאַלקעס, אויף דער סאַדאָווער גאַס — אַלע האָבן זיך שטיל געבויגן פאַר דעמדאָזיקן ווייסן גיגאַנט. צו אים שמייכלען פון פאַרשיידענע גאַסן די בלויע געוועלבן פון די קלויסטערס, וועלכע אַליין דערלאַנגען מיט זייערע שפּיצן צו דער הייך פון ווייסן מויער.

אין שטאָט האָט עס אַפילו דער לעצטער בטלן געוואוסט, אַז אָט דער ווייסער מויער ציט צו זיך ווי אַ מאַגנעט יידישע

קינדער, וועלכע ער לאָזט אָבער אַריין נאָר אין אַ באַשטימט
קליינעם פּראָצענט — „פּראָצענט־נאָרמע". די, וואָס זענען „זוכה"
אָנצוקומען, זענען די אויסגעוויילטע קינדער פון ווייסן פּאַלאַץ —
גימנאַזיסטן אין גרויע מונדירן מיט זילבערנע קנעפּ, בלויע
היטלען מיטן גימנאַזיסטישן הערב. אומגעהייער גרויס איז אָבער
די צאָל פון די, וואָס ווערן פון ווייסן מויער נישט אויפגענומען
טאַקע דורך דער „פּראָצענט־נאָרם", אָדער מ'האָט זיך צו שפּעט
געכאַפּט פאַר די ביכלעך. שטייען זיי פון דרויסן — „עקסטער־
נעס" — און ציען זיך פאַרצווייפלט אין ווייסן מויער, וואוהין
זיי ווערן אַריינגעלאָזט איינמאָל אין יאָר צו פרילינגס־עקזאַמענס
און כאָטש זיי פאַלן אָפּט דורך אויף די עקזאַמענס, ווערן זיי
נישט מיד, קומען נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל — ביז זיי באַקומען
אַ פּאַפּירל פון ווייסן מויער. אָט די עקסטערנעס, אָט די צעפּאַ־
טעלטע, פאַרשמאַכטע בחורים אין שוואַרצע קורטקעס אויף בלויע
רוסישע העמדלעך האָבן ווייניק וואָס אינטערעסירט די שטאָט
און מ'האָט זיך אויף זיי אין אַלגעמיין נישט אומגעקוקט. איז
אָבער אָט וואָס פאָרגעקומען.

אין איינעם אַ ווינטער, אַ קנאַפּע פּאָר חדשים פאַרן
גוישן ניי־יאָר, זענען מיטאַמאָל אָנגעפאָרן אין שטאָט אַזאַ גרוי־
סע מחנה עקסטערנעס, דאָס כמעט אין יעדער דריטער שטוב האָט
געוואוינט אַן עקסטערן. ס'האָט אויסגעזעען ווי בשעת אַ מאָבילי־
זאַציע, ווען מען צעשטעלט סאָלדאַטן אין פּריוואַטע הייזער. די
סיבה פון אָט דער אָנלויפעניש איז אין פלוג געווען אַ גאַנץ
נאַטירלעכע. דער דירעקטאָר פון גימנאַזיע, קורניצקי, אַ רייכער
גוט־באַזיצער, איז פּריציש לייכטזיניק און האָט שטאַרק ליב דעם
טרונק. האָט ער אַזוי אָפּגעלאָזט די לייצעס אין גימנאַזיע, דאָס
נישט נאָר גימנאַזיסטן, נאָר אויך עקסטערנעס האָבן אָפּט זייער
לייכט געקאָנט דורכמאַכן די עקזאַמענס. און כאָטש די עקסטער־
נעס זענען, דאַכט זיך, ווי שטויב צעשפּרייט איבער פאַרשידענע
עקן פון לאַנד, האָבן דאָך זייערע בידנע אינטערעסן, גאָט ווייסט
ווי אַזוי, זיי אינערלעך פאַרבונדן. און די ידיעה וועגן דער „גוי־
טער" גימנאַזיע האָט זיך ווי אַ בליץ צעשפּרייט אין דער גאַנצער

עקסטערן־„וועלט“. און פון די ווייטסטע שטעט און שטעטלעך האָט מען זיך דאָס אַהער אַ לאָז געטון. איז אָבער דער אָנגע־לאָפּענער עולם אַזוי גרויס און פילפאַרביק און וואַרפט זיך אַזוי אין די אויגן, דאָס די גאַנצע שטאָט האָט וועגן דעם גערעדט. אַלע האָבן געפילט, אַז דאָס קאָן גלאַט נישט דורכגיין. אין גימ־נאַזיע האָט מען זיך באַלד דערוואוסט וועגן דעם אָנגעלאָפענעם עולם און מ'האָט דאָרט אַרויסגעהאָנגען אַ מעלדונג, אַז ביי עקס־טערנעס וועט מען אָננעמען פּאַפּירן צו די פרילינגס־עקזאַמענס בלויז ביז צום 10־טן דעצעמבער.

די עקסטערנעס האָבן טאַקע אין גרויס איילעניש אָנגע־הויבן דערלאַנגען זייערע פּאַפּירן אויף אַ חודש פריער. און דורך די שיין־געטאַקטע מאַסיווע טירן פון ווייסן מויער האָט אַנטאָן, דער שווייצער, איצט יעדן טאָג אַריינגעלאָזט אַ גרויסן עולם עקסטערנעס. אַנטאָן, אין דעם לאַנגן גרינעם מאַנטל פון אַ שוויי־צער, אַ מיטלוואוקסיקער מיט אַ בלאָנדער באָרד און גוטמוטיקע גרויע אויגן, איז שוין פון יאָרן־לאַנג אַ טרייער דינער פון ווייסן מויער. און כאָטש אַפילו ער האָט די אומגעוויינלעכע געדולד פון אַ געניטן איבערגעגעבענעם שווייצער, האָט ער זיך דאָך שטאַרק אויפגערעגט אין דעם פול געפּאַקטן וועסטיביול, וואו ס'האָבן זיך געשטופּט פאַרשידנאַרטיקסטע מענטשן. מיינסטנס זע־נען דאָ געווען געוויינלעכע עקסטערנעס אין קורטקעס אָדער פּאַלטנס מיט אויפגעשטעלטע קעלנער. ס'זענען אָבער אויך געווען עלעגאַנטע גבירישע זינדלעך, איינציקע ישובה־בחורים און רבנישע קינדער אין קאַפּאָטקעס ביז צו די קני, אַלטע און יונגע מיידלעך, איינציקע עלטערע מענטשן מיט און אָן בערד.

אין משך פון אַ קאַרגער וואָך האָבן זיך אָנגעמעלדעט צו עק־זאַמענס אַרום צוויי הונדערט מענטשן. נישט אַזוי די צאָל, ווי דער גאַנצער געדרענג פון דעם פילפאַרביקן עולם האָט געמאַכט אין גימנאַזיע דעם שווערן איינדרוק פון אַ מין יידישער פאַרפלייצע־ניש. דירעקטאָר און לערער האָבן גלייך איינגעזעען, אַז זייער גימנאַזיע האָט שוין אומעטום דעם נאָמען פון אַ „גרינגן“ אָנ־שטאַלט. האָבן זיי שוין פשוט מורא געהאַט, מ'זאָל זיך וועגן

דעם נישט דערוויסן אין די העכערע ספערן. די גימנאַזיע איז געוואָרן אויפגעבראַכט. דער דירעקטאָר האָט געקריצט מיט די ציין, ווי אַ לייכטזיניקער מענטש, ווערט ער זייער שנעל אויפגעבראַכט און כאַפּט איבער די מאָס סיי אין גוטן, סיי אין בייזן. אויף אייניקע עקסטערנעס, וואָס האָבן אים דערלאַנגט זייערע פּאַפּירן, האָט ער געשריגן און געטופּעט מיט די פיס; ער וועט אָן רחמנות „שניידן" אויף די עקזאַמענס ביז צום לעצטן. ער וועט . . . צווישן די עקסטערנעס איז, פאַרשטייט זיך, געוואָרן אַ גרויסע פּאַניק. אייניקע זענען טאַקע אין אַנגסטן באַלד אָפּגעפאָרן, די מערסטע זענען אָבער געבליבן, ווייל ס'איז שוין געווען צו שפּעט זוכן אַן אַנדערע גימנאַזיע. הויפּטזעכלעך אָבער האָט אויפגעהאַלטן די אינערציע פון דער איינגערעדטער האָפענונג, וואָס האָט זיך נישט געלאָזט אונטערגעבן. און טאַקע בשעת דעם דערלאַנגען די פּאַפּירן האָבן זיך געטראָפן מיט אַ פּאָר עקסטערנעס טשיקאַווע מעשות, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן, אַז דער דירעקטאָר איז בלויז אַ לייכטזיניקער כעסן, אָבער בעצם אַ גוטמוטיקער מענטש און ס'קאָן נאָך אומגעריכט אַלץ גוט ווערן. דידאָזיקע מעשות זענען פאָרגעקומען מיט די צוויי „פּרומאַקעס", וואָס האָבן זיך אַזוי אויסגעטיילט צווישן די עקסטערנעס.

די ערשטע טשעקאַווע מעשה איז פאָרגעקומען מיטן עקסטערן ליובינסקי, וואָס איז אַ געוועזענער ישיבה־בחור אַרום וואָלאָזשין און האָט דאָרט געהאַט דעם נאָמען פון אַן עילוי. קוים דריי און צוואָנציק יאָר אַלט, איז ער אַ זודיקער בחור מיט טיפע שוואַרצע אויגן און אַ שפּראָצידיקן שוואַרץ בערדל. נאָך פאַראַיאָרן האָט ער אויסגעהאַלטן עקזאַמען פאַר אַכט קלאַסן, מ'האָט אים אָבער דערנאָכדעם נישט אויפגענומען אין אוניווערזיטעט מחמת דער דאָרטיגער „פּראָצענט־נאָרם". איז ער געקומען איצט אַהער האַלטן נאָך אַמאָל די זעלבע עקזאַמענס פאַר אַכט קלאַסן, כדי צו באַקומען אַ נייעם אַטעסטאַט מיט בעסערע אויסצייכנונגען, וואָס וועט אים פאַרשאַפן „אפשר" אַ לייכטערן צוגאַנג צום אוניווערסיטעט. און כאָטש ער האָט נאָך מיט יאָרן צוריק אָנגעהויבן שטודירן, איז ער נאָך התלהבותדיק פרום און

פון יעדער תּנועה שטעקט אַרויס דער זודיקער ישיבה־בחור. און אָט איז ער געקומען אין גימנאַזיע און דערלאַנגט דעם דירעקטאָר די פּאַפּירן. ער האָט נאָר אַרויסגעזאָגט אַ פּאָר ווערטער, איז דער דירעקטאָר פּלוצים אויפגעזאָדן, איז אויף אים אָנגעפאַלן מיט אַ כּעס און געליאַרעמט: ווי האָט ער, ליובינסקי, געוואַגט צו קומען אין אַ רוסישער גימנאַזיע אויף עקזאַמענס, ווען ער רעדט רוסיש מיט אַ הונדערטפּודיקן יידישן אַקצענט. כאָטש טראָג אַרויס אַלע איקאָנעס! אַ שרעק! דער דירעקטאָר האָט זיך אַזש פאַרכלינעט פון כּעס. האָט ער אָבער געכאַפּט אַ בליק אויף די דערלאַנגטע פּאַפּירן, איז ער גאָר געוואָרן דערשטוינט און אויפגערעגט:

— וואָס ווילט איר דען — איר האָט דאָך שוין אַן אַטעסטאַט אויף אַכט קלאַסן?

דערציילט אים ליובינסקי, אַז ער וויל פאַרבעסערן דעם אַטעסטאַט, כּדי אָנצוקומען לייכטער אין אוניווערזיטעט און...

אין רעכטן מיטן כּעס האָט זיך דער דירעקטאָר פּלוצים צעשמייכלט און איז מיטאַמאָל לוסטיק געוואָרן.

— אפשר וואָלט איר אויך מאַכן אויף זיך נאָכאַמאָל אַ באַשניידונג (אַ ברית), כּדי אָנצוקומען לייכטער אין גן־עדן, כאַ־כאַ־כאַ...

דער דירעקטאָר האָט זיך צעלאַכט אויף אַ קול. ער האָט אָבער שוין גאָר פריינטלעך אַ קלאַפּ געטון ליובינסקין אויף דער פּלייצע און אומגעריכט אַ זאָג געטון:

— פאַר אַזאַ געדולד דאַרף מען בייגן דעם קאָפּ. קומט ברודערקע, צו עקזאַמענס, כ'וועל זיך פאַר אייך שטענדיק איינשטעלן...

נאָך אינטערעסאַנטער איז געווען די מעשה מיט דעם צווייטן „פּרומאַק" שאַפּיראָ. אַ יונגער רב פון ערגעץ אַ שטאָט, וואָס איז געקומען אַהער צו האַלטן עקזאַמענס אויף אַכט קלאַסן, כּדי צו באַקומען רעכט אויף ווערן אַ ראַבינער. שאַפּיראָ איז אַ הויכער, זייער בכבודיקער מענטש מיט אַ קליינער שוואַרצער באָרד און גאָר אַ גרויסן פאַרנעם. ער שטאַמט פון גרויסן רבינישן יחוס און כאָטש ער איז נאָך גאָר אַ יונגערמאַן, איז ער שוין באַקאַנט

פאַר אַ גרויסן למדן, אַ שאַרפן קאָפּ, און ווי ליובינסקי, זוכט ער אויף זיין שטייגער אַריינציען די קראַפט פון בילדונג אין זיינע רבינישע הענט. ער האָט אַפּנים אין זיין שטאָט גרויס אָנזעען און באַנעמט זיך טאַקע דורכויס ווי אַ געהויבענער מורה־הוראה. טראָגט ער אַ שיינעם פוקסענעם פעלץ, זיין שוואַרצע קאַפּאָטע און דער רבינישער סאַמעטענער זשילעט זענען מאָדנע ציכטיק, כמעט עלעגאַנט. און אין יעדן קער ווייזט זיך ביי אים אַרויס אַן אומגעוויינלעכע, אָבער דורכויס נאַטירלעכע געהויבנקייט. געלאַסן, מיט געמאָסטענע טריט, איז ער אַריין אין גימנאַזיע מיט אַזאַ פּאַרנעם, דאָס אַנטאָן, דער שווייצאַר, האָט אים געמאַכט אַ וואַרע, אים אויסגעטון דעם פוקסענעם פעלץ און מיט דרך־ארץ אים געעפנט די טיר אין דעם דירעקטאָרס חדר. ווי נאָר אָבער דער דירעקטאָר האָט אים דערזעען, איז ער אויפגעשפרונגען פון שטול און באַמערקנדיק אין שאַפּיראָס האַנט פּאַפּירן, האָט ער אויף זיין שטייגער, מעשה מבוהל, אויפגעזאָדן:

— ווי קומט איר אַהער? וואָס איז דאָ, אַ סינאַגאָגע? נישט אַנדערש, אַז איר זענט דאָ אַלע גערירט פון זינען און...

אָנשטאָט עפּעס צו ענטפערן האָט שאַפּיראָ גאַנץ רואיק, אָבער שטרענג, אַ קוק געטון אויפן דירעקטאָר. אין איין רגע האָט ער אַ רוק געטון אַ שטול, זיך ברייט אַנידערגעזעצט און אָנשפּאַרנדיק די רעכטע האַנט אויפן טיש, האָט ער שווייגנדיק אויפגעהויבן צום דירעקטאָר זיינע שטרענג־בלישטשענדיקע אויגן. דער דירעקטאָר האָט זיך פאַרוואונדערט אויף אים אומגעקוקט, האָט גלייך אין אים דערפילט עפּעס אַ חשובע, הויכגעשטעלטע פּערזאָן. ער האָט זיך איבערראַשט צוריקגעזעצט אויף זיין שטול און אין רעכטן מיטן כעס איז ער ווייטער אויף זיין לייכטזיניקן שטייגער באַלד אַריינגעפאַלן אין ציגענע התפעלות. שאַפּיראָ האָט זיך צו אים אַ קער געטון און שאַרף, אָבער רויק, אַ זאָג געטון:

— דאָס רוסישע געזעץ וויל עס, דאָס אַ ראַבינער זאָל האָבן פריער אויסגעהאַלטן עקזאַמענס. איך באַדויער עס נאָך מער, ווי איר, וואָס דידאָזיקע עקזאַמענס מוז מען האַלטן נישט אין

סינאַגאָגע, נאָר אין גימנאַזיע, וואו מ׳האָט נישט אַלעמאָל אַ שיינע באַגעגעניש...

— איר מוזט מיר אַנטשולדיקן, הער ראַבינער, כ׳האָב עס גאָרנישט אַזוי געמיינט. גייסטלעכע זענען מיר, פאַרקערט, זייער סימפּאַטיש. אין מיינע סטודענטן-יאָרן האָב איך זייער ליב געהאַט די סעמיטישע שפּראַכן, אַ צייט-לאַנג האָב איך זיך אינטערעסירט מיט דער אַראַמייאישער שפּראַך. כ׳האָב אפילו ליב געהאַט אַמאָל צו בלעטערן די משונה-גרויסע פאָליאַנטן פון תלמוד. זאָגט מיר נאָר, איר האָט טאַקע אויפן קאָפּ דעם גאַנצן תלמוד, אָט די אַלע פאָליאַנטן, וואָס...

שאַפּיראָ האָט אים מיט אַ שמייכל איבערגעריסן די רייד. ס׳האָט זיך אומגעריכט פאַרקאָכט אַ גרויסאַרטיקער שמועס. נאָר אָט איז שאַפּיראָ פּלוצים אויפגעשטאַנען, זיך אַ נייג געטון צום געזעגענען און דערלאַנגט די האַנט דעם דירעקטאָר, וועלכער האָט אים אַרויסבאַגלייט מיט יענעם אייגנאַרטיקן דרך-ארץ, וואָס פּריצים ווייזן אַרויס פאַר הויכע גייסטלעכע פּערזאָנען. ער האָט אפילו געהאָלפן שאַפּיראָן אָנטון דעם פוקסענעם פּעלץ און האָט אים באַגלייט ביז צו דער פּאַראַד-טיר.

ס׳איז אויך פאָרגעקומען אַ טרויעריקער פאַל מיט דעם עקסטערן ישראל ראַבינאָוויטש, ליובינסקיס אַ חבר נאָך פון די פריערדיקע ישיבה-יאָרן. אַ שעמעוודיקער און אַ שטילער, זייער אַ קרענקלעכער, האָט ער אַלע זיינע יאָרן געאַרבעט מיט אַ מין האָרעפּאַשנער איבערגעגעבנהייט און איז געווען באַרימט צווישן די עקסטערנע מיט זיינע אויסערגעוויינלעכע קענטעניש. ער האָט שטאַרק געליטן אויף טובערקולאָזיס, וואָס האָט די לעצטע יאָרן אונטערגעגראָבן זיינע כוחות. אויף דעם בלויל עך בלאַסן פּנים האָבן זיינע שוואַרצע אויגן אַרויסגעקוקט מיט אַ דערשרעקנדיקן גלאַנץ פון באַהאַלטענער פאַרפאַלנקייט. און אָט קומט ער אויך אין גימנאַזיע דערלאַנגען די פּאַפּירן. שטיל און געדולדיק וואַרט ער אין דער רייע און קומט אָן דער לעצטער צום דירעקטאָר. ער גייט אין אָן אַלטן אָפּגעריבענעם פּאַלטאָ און דער האַלז איז ביי אים אַרומגעוויקלט מיט אַ לאַנגן טונקל-פאַרביקן שאַרף.

אין דער לינקער האַנט האַלט ער דאָס אַראָפּגענומענע היטל און מיט דער רעכטער דערלאַנגט ער די פּאַפּירן, וועלכע זענען, אַפּנים פון לאַנגן געברויך, עטוואָס שוואַרצלעך, און אין איינ־קע ערטער קלעפּיק. דער דירעקטאָר נעמט מיט פּאַראַכטונג די פּאַפּירן, וואַרפט אַ בליק אויף זיינע צעשויבערטע האָר און ווערט אויף זיין שטייגער אויפגעקאָכט:

— וואָס קריכט איר, אַזאַ חורבה, אין גימנאַזיע. מיט אַזאַ אויסזעען שעמט מען זיך דאָך אפילו אין אַ באָד אַריינ־צוקומען...

ישראל ענטפערט נישט. ער בייט זיך נאָר אין פּנים און די שוואַרצאַפּלען ווערן ביי אים קליין. אפּנים פון אויפרעגונג, צעהיסט ער זיך פלוצים און קאָן דעם אָטעם נישט כאַפּן. ער וויל נאָר מיט אַלע כוחות איינשטילן דעם הוסט, וועלכער שטיקט אים אָבער אַלץ שטאַרקער... די ליפּן ווערן אים בלוי, ער האָט זיך שוין קוים געקאָנט האַלטן אויף די פיס. דער דירעקטאָר האָט זיך דערשראָקן, האָט אים אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול און אים אַליין אונטערגעטראָגן קאַלט וואַסער. דער אָנבליק פון טויט־ליידן מאַכט שטום די גרעסטע אויפרעגונג. ביי דעם דירעקטאָר האָט דאָס האַרץ פאַרקוועטשט פון שרעק און רחמנות, ער האָט שוין גאָרנישט געוואוסט וואָס צו טון מיט דעם עלנטן עקסטערן.

— באַרויקט זיך, יונגערמאַן, ס'וועט אַלץ זיין גוט. איך וועל פאַר אייך טון אַלץ...

ערשט אין אַ ווײַלע אַרום איז ראַבינאָוויטש געקומען צו זיך. אויף דעם דירעקטאָרס באַפעל, האָט אים אַ שווייצאַר אָפּגע־פירט אַהיים. דער דירעקטאָר האָט זיך אפילו געמערקט זיין אַדרעס פון די דערלאַנגטע פּאַפּירן און אין עטלעכע שעה אַרום געשיקט צו אים דעם גימנאַזיע־דאָקטאָר.

דידאָזיקע טשעקאָווע מעשות, וואָס האָבן זיך געטראָגן איבער דער גאַנצער שטאָט. האָבן אויפגעהויבן דעם מוט ביי די עקסטערנעס, וועלכע האָבן נאָך געהאָפּט אויף אַן אומגעריכטער ווענדונג. זיי אַרבעטן דאָך תמיד אַ גאַנצענקע יאָר און האָבן

אַלע מאָל מער האָפֿענונג, ווי זיכערע שאַנסן, אויסצוהאַלטן די עקזאַמענס בײַ די פֿרעמדע גוייִשע גימנאַזיע־לערער, וואָס קוקן מערסטנס אויף די עקסטערנעס מיט שפּאָט און פֿאַראַכטונג. ווי געפֿערלעכע אַזאַרט־שפּילער זענען זיי שוין געוואוינט געוואָרן צו שטעלן אַ גאַנץ יאָר אַרבעט אויף דעם קאָן פֿון אויגנבליקלעכע פֿרעמדע אָדער גאָר פֿײַנטלעכע לערער־קאַפּריזן.

אָבער אין אַ קורצער צײַט אַרום האָבן זיך געטראָגן פֿון דער ווײַסער מויער אַלץ טרויעריקערע קלאַנגען. עלטערע גימנאַזיסטן האָבן זיך דערוואוסט און בסוד דערציילט, דאָס פֿון צענטער זענען אָנגעקומען אין גימנאַזיע שטרענגע אָנווייַזונגען און אַז מ׳שיקט אַראָפּ פֿון צענטער אַ נײַעם לערער פֿון מאַטעמאַטיק, וואָס זאָל האָבן גלײַכצײַטיק די פֿולמאַכט אַ נעם צו טון די גימנאַזיע אין אײַזערנע הענט. ס׳האָט זיך אויך געטראָגן אַ קלאַנג, אַז מ׳רופֿט אַרויס אַליין דעם דירעקטאָר אין צענטער אָפּגעבן דערקלערונגען.

ס׳איז געוואַקסן אַלץ אַ גרעסערע פּאַניק צווישן די עקסטערנעס, וועלכע האָבן נישט בײַ קיינעם צו זוכן קיין הילף און ס׳איז לחלוטין נישטאָ ווער זאָל זיך פֿאַר זיי אײַנשטעלן. כאָטש נעם און וואַרף לכתחילה אויפֿן פֿײַער אַ גאַנץ יאָר אַרבעט און לעבן פֿון הונדערטער יונגעלײַט. די עקסטערנעס אַליין צווישן זיך זענען ווי מענטשן־שטויב נישט פֿאַראייניקט און פֿון קיינעם נישט אָנערקענט אַלס וועלכע ס׳איז געזעלשאַפֿט. האָט זיך אַ גרופּע עקסטערנעס צונויפֿגענומען און אַוועקגעגאַנגען צו דאַווידאָוון, יענער איז אויך אַ ייִדישער עקסטערן פֿון באַקו, אַ קאַווקאַזער „גויעץ״ פֿון אַ יאָר דרײַסיק, מיט געגאָלטע באָרד און וואָנסעס, אַ געריבענער אַרטיסט און דעקלאַמאַטאָר. די ערשטע וואָך נאָך זײַן אָנקומען איז ער שוין אויפֿגעטראָטן אין פּריצישן קלוב, האָט שטאַרק נושא חן געווען בײַ די פּריצים, וועלכע האָבן זיך מיט אים געצאַצקעט. ער האָט שוין אפֿילו, אַזוי זאָגט מען, מיטן דירעקטאָר אַליין געשיכורט. דאַווידאָוו וואוינט בײַם ייִדישן באַנקיר לעווענשטיין אויף סאַדאָווע גאַס און ווײַכט אויס יעדע באַרירונג מיט די עקסטערנעס. פֿאַרשטייט זיך אָבער, אַז

דאַווידאָוו וואָלט געקאָנט רעדן מיטן דירעקטאָר און כאָטש וויפיל ס'איז ראַטעווען די געשפּאַנטע לאַגע.

און אָט איז אַ ווינטער אָוונט, אַרום זעקס אַ זייגער, זענען עקסטערנעס אַרויפגעגאַנגען אין לעווענשטיינס הויז. אין פּאָדער־צימער האָבן זיי באַגעגנט דעם דינער, ביי וועלכן זיי האָבן גע־פרעגט אויף דאַווידאָוון. דער דינער איז פאַרשוואונדן און אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז אַרויס צו זיי לעווענשטיינס טאָכטער, ראָזע, אַ הויכע, אַ שלאַנקע מיט בלויע אויגן. זי וויל עס וויסן, וועגן וואָס דאַרפן זיי דאַווידאָוון. וועגן וויכטיקע גימנאַזיע־זאַכן, האָט מען איר געענטפערט. די צעפּאַטלטע עקסטערנעס זענען נאָך יונג געווען און ביי זיי אינעווייניק קלינגט אָפּ אַזוי מאָדנע דאָס קול פון דעם שלאַנקן מיידל, וואָס איז באַקאַנט מיט איר שיינקייט אין דער גאַנצער שטאָט. אָט דאָס איז זי, הייסט דאָס, ראָזע לעווענשטיין. ערשט אין אַ ווייַלע אַרום איז אַרויסגעקומען דאַווידאָוו, האָט זיי נישט געגעבן די האַנט און אַריינגעבעטן אין אַ זייטיקן צימער. און אַז מ'האָט אים דערציילט וועגן וואָס מ'איז געקומען, האָט ער מעשה אַרטיסט אויף זיי אָנגעשטעלט אַ טראַגישן בליק.

— נישט איך, נישט קיינער קאָן אייך העלפן. למאי קריכט איר ווי די ווערים אין די גימנאַזיעס, וואָס ווילן אייך נישט ליידן. און איצט האָט איר זיך אַ לאָז געטון ווי אַ מבול אויף דער שטאָט. וואָס איז דאָס? איר וואָלט זיך בעסער פאַרנומען מיט אַ מלאכה, אָדער ווי אין די פריערדיקע יאָרן געשטונקען אין בית־המדרש, איר וואָלט דאָך...

און דאָ האָט פּלוצים געטראָפן עפּעס אומגעריכטס. צווישן די עקסטערנעס האָט זיך פּלוצים אַרויסגערוקט ליפּנער, אַן עקסטערן אין אַ גרויער קורטקע מיט פאַנאַטיש שאַרפע אויגן אויף אַ בלאַס באַוואַקסן פּנים. אַ פּאַרטייאישער חברהמאַן, האָט ער געדאַרפט האָבן דעם אַטעסטאַט גאָר צוליב פּאַרטייאישע צוועקן און האָט זיך געהיט מיט קיין זאַך נישט וואַרפן זיך אין די אויגן. איז ער אָבער אַ בחור, אַ גבר, אַ פאַנאַטיקער, אַ ווילדער מענטש, און בשעת אַ כעס, איז ער פּשוט געפערלעך.

און אָט איז ער האַרט צוגעגאַנגען צו דאַווידאָוון און ווי אַ ווילדע חיה, אַ בלישטשע געטון אויף אים מיט די אויגן. דאַווי-דאָוו איז דערשראָקן אָפּגעטרעטן עטוואָס צוריק, איז אים אָבער ליפּנער האַרט נאָכגעגאַנגען און ממש אין פּנים אַריין אים געשריגן:

— אפשר ביסטו, פּאַן דאַווידאָוו, אַ צווייפּיסיקער וואָרעם, אַ צוויי פּי-סי-קעררר...

און נאָך איידער דאַווידאָוו האָט זיך אומגעקוקט, האָט אים ליפּנער פעסט אָנגעכאַפּט פאַר ביידע אָרעמס און געטרייסלט מיט אים אין דער לופט.

— צוויי—פּי—סי—קעררר...

דאַווידאָוו האָט אָנגעהויבן שרייען, ס'זענען זיך אָנגעלאָפן מענטשן פון אַלע חדרים. די עקסטערנעס אָבער זענען דורכן פּאָדערצימער, ווי אַ בליץ, פאַרשוואונדן.

די עקסטערנעס זענען געווען אויסער זיך: אָט דער ליפּנער וועט דורך זיין ווילדקייט אויפרייצן אַלע בייזע הינט. אַנומלט אין גימנאַזיע, בשעת ער האָט דערלאַנגט דעם דירעקטאָר די פּאַפּירן און יענער האָט אויף אים אָנגעהויבן שרייען, איז ער האַרט צוגעגאַנגען צום דירעקטאָר, אַ בלישטשע געטון אויף אים מיט די אויגן און נישט מיט זיין קול אַ געשריי געטון: וואָס שרייט איר, פּאַן דירעקטאָר, אויף פרידלעכע בירגער? דער דירעקטאָר האָט אים פאַרוואונדערט אָנגעקוקט און אים קיין וואָרט נישט געענטפערט. טאַקע אַ געפערלעכער מענטש אָט דער ליפּנער.

אין דעם זעלבן אָוונט, אַרום ניין אַ זייגער, איז זיך צו-נויפגעקומען ביי ראָזע לעווענשטיין די „גאָלדענע" יוגנט — עלטערע גימנאַזיסטן און גימנאַזיסטקעס פון אַכטן קלאַס און פאַרשידענע אַנדערע עלעגאַנטע יונגעלייט. דאַווידאָוו איז שוין לאַנג געקומען צו זיך און געפּרוווט נאָכמאַכן אַרטיסטיש די פאָרגעקומענע סצענע, וואָס האָט אָבער אויף אַלעמען געמאַכט אַ שווערן איינדרוק. האָט מען אָנגעהויבן רעדן וועגן עקסטער-נעס, וועגן אָט די אומהיימלעכע ברואים, וואָס ווערן נישט מיד

צו וואַנדערן פון שטאָט צו שטאָט און שטורמען מיט אַזאַ אימ־פעט מלוכהשע גימנאַזיעס. דערביי טרייבט מען זיי דאָך ווי די הינט און די מערסטע האָבן דאָך קוים מיט וואָס אַ טאָג איבער־צולעבן. אַנומלט, דערציילט איינער אויף אַ טשיקאַוועס, האָט ער געזען עטלעכע עקסטערנעס אין טעאַטער. בשעת די אַנטראַקטן פאַרקלייבן זיי זיך אין אַ ווינקל, נעמען אַרויס פון אַ זייטן־קע־שענע אַ לאַטייניש ביכל און לערנען. קיין מינוט ווילן זיי נישט פאַרלירן, אָט די אומרויקע גייסטער. עפּעס אַ מין פייערדיקער אימפּעט פון פאַרביסענער התמדה. עמעצער האָט דערמאָנט די מעשות פון ליובינסקי און שאַפּיראָ, וואָס האָבן אויסגעזען פאַר אָט דער יידיש־גוישער יוגנט ווי פאַרצייטיקע רעטזעל. דאַווידאָוו האָט שפּאָטיש געלאַכט און געוואָלט עפּעס אַ זאָג טון. האָט זיך אָבער פּלוצים אָפּגעוויקלט אַ מאָדנע שטיפעריי. יאַניע העפּנער איז פּלוצים אויפגעשטאַנען פון שטול און אַלע האָבן זיך צו אים אַ קער געטון. יאַניע איז אַ שיינער פאַרטרוימטער גימנאַזיסט פון אַכטן קלאַס, האָט אַ שטאַרקע דיכטערישע באַגאַבונג און שעמט זיך נישט אײַנמיטן אַ שמועס צו אימפּראָוויזירן. מ׳האָט זיך שוין צו דעם צוגעוואוינט און מ׳פלעגט אים האַלב־איראָניש, האַלב־ערנסט אויסהערן. און אָט איז ער געשטאַנען לעבן דער שטול, דער קאָפּ עטוואָס אין אַ זייט, און מיט אַ שמייכל אימפּראָ־וויזירט יינגליש־נאַיווע פרישע רוסישע פערזן:

„פון געהיימע סינאַגאָגעס, פון יידישע קעלערס,
קומען פאַרשמאַכטע אומגעזעענע כּוחות
און שטורמען אַרומיקע פעסטונג,
זיי פאַלן און קריכן, פאַרפלייצן און...“

האָט ראַזאַ לעווענשטיין אויף איר לוסטיקן שטייגער אַ גע־שריי געטון:

— יאַניע, יאַניע, שווייג א ווײַלע — כ׳וועל דיר צוקלויבן אַקאָרדן...

זי האָט זיך געזעצט אַרום קלאַוויר. יאַניע האָט זיך פאַר־

טרוימט געלאָזט טראָגן פֿון די ערשטע אַקאָרדן און אָנגעהויבן ווידער אימפּראָוויזירן, אָבער נאָך די ערשטע געהויבענע אַקאָרדן האָט זיך ראָזע כּיטרע־אומבאַמערקט אַרויסגעגליטשט אין אַ לוסטיקן וואַלס. דער עולם האָט זיך צעלאַכט און יאַניע איז אַ פֿאַרשעמטער אַוועקגעגאַנגען פֿון קלאַוויר. דער לוסטיקער וואַלס האָט אַלץ שטורמישער פֿאַרטריבן יאַניעס ייִנגלשע חלומות און ווי אַלעמאָל האָט מען לוסטיק געטאַנצט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

2.

אַ טשעקאַווער צוזאַמענשטויס

ווי שווערע קאָנפליקטן אין פּריוואַטן פאַמיליען-לעבן ווערן אָפּט ביי טראַגישער צושפּיצונג אַרויסגעטראָגן דורך דעם געריכט אין דער עפנטלעכקייט און האַלטן אין אָטעם אַ גאַנצן געגנט, אַזוי האָבן אין משך פון דעם יאָר די געשעענישן אין ווייסן מויער פאַרכאַפּט די גאַנצע שטאָט.

און אָט אין דעם ערשטן טאָג למודים נאָך דעם גוישן ניי-יאָר איז אין דעם ווייסן מויער פאָרגעקומען אַ טשעקאַווער צוזאַמענשטויס, וואָס האָט געהאַט אַ ווייטגייענדיקע ווירקונג און אַרויסגערופן אין שטאָט אַ מין סענסאַציע.

פאָרגעקומען איז עס אָט ווי אַזוי.

דער פריערדיקער לערער פון מאַטעמאַטיק איז טאַקע אַראָפּ פון זיין שטעלע. און אויף זיין אָרט איז אַראָפּגעשיקט געוואָרן פון צענטער סערגעי אַלעקסאַנדראָוויטש גראַניעוויטש, אַ שטרענגער און געלערנטער מאַטעמאַטיק, וואָס האָט אויך געהאַט די אויפגאַבע, אַזוי זאָגט מען, צו „ריייניקן" די גימנאַזיע.

נישט נאָר עקסטערנעס, נאָר אויך גימנאַזיסטן און זייערע עלטערן, זענען געווען שטאַרק אויפגערעגט. אַ נייער לערער אין אַ גימנאַזיע איז אַלעמאָל אַ געשעעניש. גימנאַזיסטן מוזן זיך די ערשטע צייט אָנשטרענגען, כדי צוצופּאַסן זיך צום נייעם לערער אָדער אפילו אויסהאַלטן אַ געוויסן קאַמף מיט אים, ווען ער

פרוווט שטערן אָדער שטאַרק ענדערן דאָס געוויינלעכע גימנאַ־
זיסטישע לעבן. באַזונדערס זענען אָבער געווען אויפגערעגט די
גימנאַזיסטן פון אַכטן קלאַס, וועלכע האָבן דאָך שוין היינטיקן
יאָר אין מאַי געדאַרפט ענדיקן. מער פעלט זיי נישט, ס'זאָל
נאָך קומען אַ נייער שד און זאָל זיי פאַרביטערן די לעצטע
חדשים, אָדער זאָל גאָר איבערלאָזן נאָך אויף אַ יאָר אין גימ־
נאַזיע. אַליין דער געדאַנק וועגן אַזאַ מעגלעכקייט ברענגט זיי אין
שרעק. איז מען שוין געווען נייגעריק צו וויסן, ווער איז אָט דער־
דאָזיקער גראַניעוויטש, וועגן וועלכן ס'האָבן זיך געטראָגן אַזוינע
פאַרשידענע קלאַנגען.

גראַניעוויטש איז היינט צום ערשטן מאָל געקומען אין גימ־
נאַזיע און די ערשטע שעה האָט ער געזאָלט געבן אין אַכטן
קלאַס. גימנאַזיסטן האָבן נייגיריק און מאָדנע אויפגערעגט אויף
אים געוואַרט.

גראַניעוויטש, אַ מיטלוואוקסיקער מיט עטוואָס איינגעהויקערטע
פלייצעס, איז אַריינגעקומען אין קלאַס מיט גיכע זיכערע טריט,
גלייך ווי נישט צום ערשטן מאָל איז ער געקומען. אַריינגייענדיק
האָט ער זיך קוים אַ בייג געטון צום קלאַס, האָט זיך גלייך גע־
זעצט אויף דער לערער־שטול און געשווינד פונאַנדערגעלייגט
פאַר זיך די ליסטע פון דעם קלאַס. אויף זיין געלבלעך־בלאַס
געגאָלט פנים האָבן זיך אויסגעטיילט גרויסע שוואַרצע וואָנסעס
און דערהויפט די עטוואָס פאַנאַטיש פינקלדיקע שוואַרצע אויגן,
וואָס האָבן שטרענג און שאַרף געקוקט פון אונטער דעם הויכן
פליכעוואַטן שטערן. גימנאַזיסטן האָבן זיך שטום איבערגע־
קוקט און שמייכלענדיק מיט דעם קאָפּ געשאָקלט, גלייך
ווי זיי וואָלטן זאָגן: „מיר וועלן שוין, דאַכט זיך, ביי אים פיין
אויסזעען".

— פילקאָווסקי! — האָט גראַניעוויטש קוקנדיק אין ליסטע
אַרויסגערופן אַ גימנאַזיסט צום טאַפעל.

און דאָ האָט שוין געטראָפן אַן אומאַנגענעמקייט. גראַניע־
וויטש האָט אָנגעהויבן שטעלן פראַגן פון אַלגעבראַ. אָבער שוין

אויף דער ערשטער פראַגע האָט פילקאָווסקי געענטפערט, אַז דאָס איז מען נאָך אין אַכטן קלאַס נישט דורכגעגאַנגען.

— קאָן דאָס זיין ? — האָט גראַניעוויטש שטרענג אומצופרידן געפרעגט. — קאָן דאָס זיין ?

פילקאָווסקי האָט געשוויגן און געקלערט, אַז סוף-כל-סוף וועט מען מוזן דעמדאָזיקן חברהמאַן דערציילן, דאָס דער פריערדיקער לערער פון מאַטעמאַטיק איז געווען אַן אַלטער עברבטל, מיט וועלכן מ'האָט מער געמאַכט שפּאַס, ווי געלערנט.

אויף דער צווייטער פראַגע האָט פילקאָווסקי אַ ווײַלע געשוויגן און נאָכדעם געענטפערט, אַז דאָס האָט מען ביים פריערדיקן לערער תמיד איבערגעהיפּט.

האָט זיך שוין אַ בייז פייערל אָנגעצונדן אין גראַניעווישעס אויגן. ער האָט זיך שווייגנדיק אָנגעלענט אויף זיין שטול און דרייענדיק נערוועז מיט דער רעכטער האַנט זיינע וואָנסעס, האָט ער שטרענג געקוקט אויפן גימנאַזיסט, וועלכער האָט שוין גאָרנישט געוואוסט, ווי אַרויסצוגיין פון דערדאָזיקער לאַגע. און אָט האָט זיך גראַניעוויטש שווייגנדיק אויפגעהויבן פון שטול, איז צוגעגאַנגען צום טאַפעל, האָט שווייגנדיק אָנגעשריבן אַן אַלגעברישע אויפגאַבע. ער האָט פאָרגעלייגט די אויפגאַבע דעם גימנאַזיסט, פון וועלכן ער האָט שוין ווייטער קיין אויג נישט אַראָפגענומען.

פילקאָווסקי האָט אַ ווײַלע געקלערט, נאָכדעם גענומען אומזיכער דאָס קרייד און אָנגעהויבן אויספירן אויפן טאַפעל פאַרשידענע אַלגעבראַישע פאָרמולן, ער האָט אַפנים געשריבן נישט גאָר ווי מען דאַרף. גראַניעוויטש האָט שווייגנדיק געקוקט און זיין געזיכט-אויסדרוק איז געוואָרן אַלץ שטרענגער און פינסטערער. פלוצים האָט ער אויפגעקאָכט :

— גייט אַוועק, זעצט אייך אויף אייער אָרט, גייט !

פילקאָווסקי האָט זיך האַלב דערשראָקן אומגעקערט צו זיין פאָרטאָ, פאַרגעסנדיק אפילו אָפּרייבן דאָס אָנגעשריבענע אויפן טאַפעל. און גראַניעוויטש איז געשטאַנען בלאַס און אויפגערעגט.

אַ רגע האָט ער שווייגנדיק געוואָרפן אויף די פּאַרטעס לאַנגע בריענדיקע בליקן.

— ווער פון אייך, — האָט ער זיך געווענדט צום קלאַס, — קאָן מאַכן דידאַקטיקע אויפגאַבע?

קיינער האָט נישט געענטפערט. דער גאַנצער קלאַס איז עפּעס געווען איבערראַשט און דערשלאָגן. אויף אַזאַ באַגעגעניש האָבן זיי לחלוטין נישט געוואַרט. זענען זיי שוין, ווי נאָך אַן אומדערוואַרטער קאַטאַסטראָפע, געבליבן אָן לשון.

גראַניעוויטש איז נאָך געשטאַנען אַ ווײַלע אַרום טאַפּעל אין אַן אויפגערעגט־וואַרטנדיקער פּאָזע, דרייענדיק נערוועז מיט דער רעכטער האַנט זיינע וואָנסעס. נאָר באַלד האָט ער זיך געזעצט אויף זיין שטול אַ קאַלטער און אַן אַנטשלאָסענער.

— געוויס, קאָנט איר הענגען אַלע הינט אויף דעם האַלז פון דעם אַוועקגעגאַנגענעם לערער, וועלכער קאָן זיך נישט שיצן. איך קאָן נישט און טאָר נישט גלויבן. מיר איז אָבער אַלצאיינס. אַ גימנאַזיע איז נישט קיין בירזשע אָדער אַ קרעמל פון אַטעסטאַטן, נאָר אַ שול, וואו מ׳מוז אַ באַשטימטן קורס אויסלערנען. אויב איר האָט נישט געלערנט, וועט איר בלייבן נאָך אויף אַ יאָר. און ווען ס׳לוינט נישט — דער מוז זיך אויסשליסן. קיין קאָמפּראָמיס איז נישט מעגלעך... איר פאַרשטייט?

גראַניעוויטש האָט זיך אָפּגעשטעלט. ס׳איז אים געוואָרן אומהיימלעך, וואָס דער קלאַס האָט אים אַזוי שטום באַגעגנט און שטום אויסגעהערט.

— אָט דאָס, — האָט ער געפּרוווט מיט אַ ווייכערן טאָן, אָנווייזנדיק אויף דעם אָנגעשריבענעם אויפן טאַפּעל, — דאַרף מען שוין, לויט דעם פּראָגראַם, וויסן אין זיבעטן קלאַס. אפשר וועט ווער פון אייך זיך באַלד באַקלערן?

נאָר דער קלאַס האָט פּיינלעך געשוויגן, כאָטש אייניקע וואָלטן אפשר געקאָנט מאַכן דידאַקטיקע אויפגאַבע. נאָר יעדער האָט געפילט, אַז גראַניעוויטש האָט געגעבן דעם קלאַס אַ האַלב פאַרדינטן פּאַטש איבערן פּנים, אַז דאָס איז אָבער נאָר אַן אָנהייב פון אומצאָליקע פּיינלעכע קאָנפליקטן, אויף וועלכע מ׳האָט

נאָך נישט געוואוסט ווי צו רעאַגירן. איז שוין דער קלאַס גע־
ווען ווי געפּעטנטעט, דערנידעריקט און דערשלאָגן.

אַ ווײַלע איז אין קלאַס אַ פּײַנלעכע שטילקייט געשטאַנען.
די הויכע און ברייטע פענסטער האָבן, ווי גרויסע דערשראָקענע
אויגן, אויף דעם שווייגנדיקן קלאַס געקוקט.

דער ווייסער מויער האָט ווײַמוטיק דעם אָטעם אײַנ־
געהאַלטן.

פּלוצים האָט זיך פון דער פינפטער פּאַרטע אויפגעהויבן
די האַנט פון אַ גימנאַזיסט, אַלס אַ געווײַנלעכער צייכן, אַז ער
וויל עפּעס זאָגן.

דער קלאַס האָט זיך פאַרגאַפט אומגעקוקט.

דאָס איז געווען אַבראַשאַ בראָן. אַ געזונטער יונג מיט
הויכע אַטלעטישע פּלייצעס, האָט ער ביי זײַנע צוואָנציק יאָר
אויסגעזעען ווי אַ דורכגעטריבענער אַרטיסט, וואָס ווייסט שוין
גוט דעם טעם פון אַ ביסל בראָנפן און מאַכט זיך לוסטיק לחלוטין
פון אַלץ און פון אַלעמען. אין זײַן מאָדנע באַוועגלעך, ווי
ס'האָט זיך געדאַכט, קאָמיש ברייט פּנים, אין זײַנע גרויסע תּמיד
לאַכנדיקע בלויע אויגן, אין זײַן גאַנצער פיגור, — איז שוין
געווען עפּעס אַזוינס, דאָס ער פלעגט קאָנען מיט איין קער מאַכן
לוסטיק נישט נאָר דעם גאַנצן קלאַס, נאָר אויך די לערער. זיי
פלעגן לאַכנדיק שטעלן אים אַ גוטן באַל, וויסנדיק בפירוש, אַז
אַבראַשאַ עפנט זייער זעלטן אויף אַ ביכל.

אַבראַשאַ איז אויפגעשטאַנען פון פּאַרטע אין אַן ערנסטער
פּאָזע און אָפּקערנדיק דעם קאָפּ אָן אַ זייט, האָט ער שוין, גאָט
ווייסט ווי אַזוי, געמאַכט אַן ערנסט פּנים פון אַ רוימישן סענאַ־
טאָר. נאָר אין די ווינקלען פון די ליפּן, אַרום די אויגן, אין די
ערנסט געמאַכטע קנייטשן פון זײַן שטערן זענען געלעגן גאַנצע
הויפנס פון באַהאַלטענעם וויץ און הומאָר.

דער קלאַס האָט פאַרגאַפט, נײַגיריק, מיט אַ באַהאַלטענעם
שמייכל אָנגעשטעלט נאָז און אויערן.

— סערגעי אַלעקסאַנדראָוויטש! — האָט ער פייערלעך אָנ־
געהויבן מיט אַ ברייטער ברוסט־שטימע. — מ'קאָן נישט און מ'טאָר

נישט העגגען אַלע הינט אויף דעם האַלז פון דעם אַוועקגעגאַנגענעם לערער, ס'איז פיל בעסער און גרינגער אָט די אַלע הינט אויף אונזערע העלזער צו העגגען. נאָר ביי אייך אויפן טיש ליגט די באַלן־ליסטע פון עטלעכע יאָר (וואָס איז געפירט געוואָרן פון יענעם לערער), וועלכע וועט אייך שטום דערציילן, אַז מיר האָבן דאָ געלערנט, וואָס מ'דאַרף און ווי מ'דאַרף. יענער לערער האָט דאָ פופצן יאָר געאַרבעט. אַ סך פון זיינע שילער זענען שוין לאַנג אַליין לערער געוואָרן, שטייען איצט אוודאי ערגעץ אין אַ גימנאַזיע און שיטן פעך און שוועבל אויף גימנאַזיסטישע קעפ. נאָר איך, אַבראַשאַ בראָן, בין אייך מחויב צו דערציילן — דערביי האָט ער געמאַכט אַ קליינע פויזע מיט אַזאַ מינע, גלייך ווי ער קלייבט זיך עפעס געוואַלדיקעס צו אַנטדעקן. — מיינט אַ מומע, אַן אַלטע אַקושערקע, האָט מיר דערציילט, אַז ס'ווערן אָפט געבוירן נישט אויסגעטראָגענע קינדער, בלויע און דערשטיקטע. אַקושערן שלאָגן זיך אויס פון די כוחות, ביז זיי מאַכן פון דידאָזיקע קינדער לעבנס־פעיקע ברואים. נאָר ס'איז נאָך קיין בייזן אַקושער נישט איינגעפאַלן, אַז ער זאָל נישט אויסגעטראָגענע קינדער אַריינוואַרפן צוריק אין דער מאַמעס בויך. פאַרשטייט איר, מיר שטייען שוין מיט איין פוס אויף יענער זייט גימנאַזיע. און טאָמער האָט איר נישט קיין געדולד אַרומצוגיין מיט נישט אויסגעטראָגענע גימנאַזיסטן, — טאָ זאָל אייך גאָט אויסהיטן אונז צוריק אין דער מאַמעס בויך אַריינוואַרפן. ס'קאָן פשוט אָנהייבן נודיען נישט נאָר אונז...

ביי אַבראַשען האָבן זיך פלוצים די פלייצעס עטוואָס איינגעהויקערט, די שטימע האָט זיך געענדערט, ער איז געווען כלומרשט אויפגערעגט און האָט מיט דער רעכטער האַנט נערוועז געדרייט זיינע שפּראָצנדיקע וואָנסעס. — ער האָט שוין קאָמיש אויסגעזעען ווי דער צווייטער גראַניעוויטש. אויף די הינטערשטע פאַרטעס האָט מען לוסטיק געלאַכט.

— און טאָמער ווילט איר פון אונזערע לעצטע חדשים דאָ אין גימנאַזיע מאַכן גרויסע טראַגעדיעס, טאָ זאָלט איר וויסן,

הויכגעערטער סערגעי אַלעקסאַנדראָוויטש, אַז אַבראַשאַ בראָן און זיינע חברים זענען נישט קיין העלדן פון טראַגעדיעס...

אַבראַשאַ האָט געענדיקט און זיך אַזוי קאָמיש פייערלעך אַ נייג געטון, אַז דער גאַנצער קלאַס האָט אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער.

דער קלאַס האָט לאַכנדיק פריי אָפּגעאָטעמט. ווי מיטאַמאָל איז פאַרשוואונדן דער שווערער נעפּל, וואָס האָט נאָר־וואָס דעם קלאַס געשטיקט. גראַניעוויטש אַליין האָט אַ ווײַלע נישט ווילנ־דיק געשמייכלט און האָט אויסגעזעען ווי אַ מענטש, וואָס האָט פּלוצלינג פאַרלוירן דעם פאָדים פון זיינע געדאַנקען. עפּעס האָט ער גאָרנישט געוואוסט, ווי אָנצונעמען דידאָזיקע אומגעווײנלעכע אַבראַשעס רייד. ער האָט אָבער באַלד געמאַכט אַ שטרענג געזיכט.

— קאַלאַמבורן גייען נישט אַריין אין פּראָגראַם פון אַ מיטל־שול. ביי אַלע גלענצנדע וויצן וועט מיר מיין געוויסן נישט דערלויבן אונטערצושרייבן אַטעסטאַטן פאַר מענטשן אָן עלעמענ־טאַרן וויסן. אין קיין אופן! איר הערט — אין קיין אופן! מיר וועלן זען. איצט וועל איך אייך דערקלערן דאָס קאַפּיטל, וועל־כעס איר פלעגט תמיד „איבערהיפּען"...

און גראַניעוויטש האָט אָנגעהויבן דאָסדאָזיקע קאַפּיטל מיט דעם אויסזעען פון אַ מענטש, וועלכער האָט זיך נאָך אומווילנדי־קע פוסטע רייד גענומען פאַר דער אמתער ערנסטער אַרבעט. גימנאַזיסטן האָבן אים געהערט מיט עטוואָס איבערגעטריבענער אויפמערקזאַמקייט. שוין אין די ערשטע מינוטן האָט גראַניעוויטש גערעדט אַזוי רויק און זיכער, גלייך ווי ס׳וואָלט גאָרנישט נישט געשען. מיט דעם אויסגעהאַלטענעם אימפּעט פון אַ געלערטן האָט ער זיך פאַמעלעך פאַרטיפט אין זיין זאַך און אַרויסגעוויזן דערביי שאַרפע קלאָרקייט פון אַ געניטן לערער. האָבן שוין די גימנאַזיסטן געפילט אַ טיפן אָפּשיי פאַר דעמדאָזיקן געלערטן און יעדער האָט געקלערט, אַז מ׳וועט שוין יעדנפאַלס מוזן גוט האָ־רעווען. די זאַך האָט זיך אָבער שפּעטער אַרויסגעשטעלט פיל ערנסטער, ווי מ׳האָט געמיינט.

די לאַנגע קאָרידאָרן אין דער ווייסער מויער האָבן אָנגעשטרענגט געשוויגן און זיך דרך־ארצדיק שטום געצויגן אַרום די קלאַסן.

דערווייל האָט זיך אין וועסטיביול באַוויזן אַ לייטישער יונגערמאַן אין אַ לאַנגן שוואַרצן פּאַלטאָ מיט אַ קליין שפּראָצנדיק בערדל. דאָס איז ליובינסקי געקומען אין גימנאַזיע צום נייעם לערער. דערווייסנדיק זיך ביי אַנטאָנען, דאָס יענער געפינט זיך אין אַכטן קלאַס, איז ליובינסקי אַריין אין קאָרידאָר און זיך געשטעלט אַנטקעגן טיר פון קלאַס. און ווען גראַניעוויטש איז אַרויס פון קלאַס, איז ליובינסקי צו אים צוגעגאַנגען, זיך אַ נייג געטון און געבעטן דערלויבעניש מיט אים צו רעדן. גראַניעוויטש איז אַ שטרענג־טרוקענער, אָבער קאָרעקטער מענטש. ס'פּאַסט אים אָבער נישט איין צו געבן דאָ אין גימנאַזיע אַן עקסטערן די האַנט אָדער גאָר אַריינלאָזן אין לערער־צימער, ווי ס'פּאַסט נישט איין דעם איידלסטן פּריץ צו געבן אַ האַנט אַ דינסט־מיידל. גראַניעוויטש האָט אָבער דערלויבט ליובינסקין קומען צו אים מאָרגן פאַרנאַכט אַהיים.

אויף מאָרגן איז ליובינסקי אַהינגעקומען. דאָרט האָט אים גראַניעוויטש כמעט פריינטלעך אויפגענומען, האָט אים נישט געגעבן די האַנט, אָבער מיט אַ פריינטלעכער מינע געבעטן זיצן. גראַניעוויטש האָט זיך שטאַרק פאַרחידושט, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, דאָס ליובינסקי וויל האַלטן נאָכאַמאָל די עקזאַמענס, וואָס ער האָט שוין איינמאָל אויסגעהאַלטן. גראַניעוויטש האָט אים געזאָגט, אַז ער וועט אים באַפרייען פון עקזאַמענס אויף פיזיק, ווייל דאָס לערנט מען נאָר ביז צום זיבעטן קלאַס און ליובינסקי האָט דאָך שוין אויף דעם קעגנשטאַנד אין זיין אַטעסטאַט דעם בעסטן באַל.

— קאָן איך זיך, סערגעי אַלעקסאַנדראָוויטש, דערויף פאַרלאָזן און נישט גרייטן זיך אויף דעם קעגנשטאַנד צו עקזאַמענס? וועט איר דאָס נישט פאַרגעסן?

— דאָס איז נישט קיין פּריווילעגיע, נאָר אייער רעכט — אַזאַ זאַך פאַרגעסט מען נישט...

אַט דער קורצער שמועס האָט באַקומען שפּעטער אַ גע־
וואַלדיקע אינטים־טראַגישע באַדייטונג פאַרביידן.

אין דעמזעלבן אָוונט האָבן אַלע עקסטערנעס שוין געוואוסט,
אַז גראַניעוויטש האָט פריינטלעך אויפגענומען ליובינסקין און אים
באַפרייט פון פיזיקע. דאָס האָט ווידער אויפגעהויבן דעם מוט ביי
די עקסטערנעס, וועלכע האָבן שטאַרק געהאָרעוועט צו די עקזאַ־
מענס און האָבן שוין ווייטער געהאָפט, דאָס אַלץ קאָן נאָך אומ־
געריכט גוט ווערן.

3.

אומגעריכטע פרילינג־געשעענישן

שוין אין מערץ האָט מען אין שטאָט אָנגעהויבן פילן דעם פרי־קומענדן פרילינג און כאָטש די גאַסן זענען נאָך דורכויס באַדעקט פון שניי, האָט אָבער די זון מיט יעדן טאָג אַלץ מילדער און וואַרעמער געשמייכלט. טאַקע אין יענע טעג האָט ליובינסקי איבערגעלעבט אויסערגעוויינלעכע פרילינג־געשעענישן, וואָס האָבן אויפגערודערט נישט נאָר אים אַליין.

אין די שטורמישע אויפרעגונגען פון יענער צייט זענען דידאָזיקע בלומרשט זייטיקע און צופעליקע געשעענישן געוואָרן אויף אַ געוויסן אופן אַ מין באַהאַלטן־אינטימער ברען־פונקט פון דעם סטיכישן זודיקן עקסטערן־דראַנג.

ליובינסקי האָט געוואוינט אויפן סאַמע עק פון באָגדאַנאָ־ווער גאַס, וואו ער האָט צופעליק דורך באַקאַנטע געדונגען אין פרידמאַנס איינגאָרנדיקן הויז אַ קליין, איינפענסטערדיק, אָבער זייער געמיטלעך חדר. דאָס הויז איז דאָס לעצטע אויף דער גאַס און פון יענער זייט הויז ציען זיך גרויסע פעלדער. דער באַלע־באָס פרידמאַן איז געשטאָרבן אַ קיילעכדיק יאָר אין וועג און אין הויז וואוינען בלויז די אַלטע פרוי פרידמאַן און איר אַכצנ־יעריקער זון, יאַשע, אַ גימנאַזיסט פון אַכטן קלאַס. אַ הויכער געזונטער יונגאַטש מיט בלויע אויגן און עטוואָס פאַרריסענער נאָז אויף דעם ייִנגלש־אויסגעצויגענעם פּעסטן און שקציש באַוועג־

לעכן פּנים. ער ווייסט לחלוטין נישט וואו אַהינצוטון דעם איבערפֿלוס פֿון זיינע יונגע זודיקע כּוחות. דאָס הייסע בלוט קאָכט אים אין די אָדערן. און זעלטן גייט בײַ אים דורך אַ טאָג אָן אַ געשלעג. דער געפֿערלעכסטער ווייס־חברהניק אין גימנאַזיע, האָט ער זיך פֿאַר קיין זאַך נישט אָפּגעשטעלט.

אין דער פֿרי, ווען יאַשע איז אין גימנאַזיע, הערשט אין הויז אַ טיפֿע שטילקייט — אין אַלע ווינקעלעך דרינגט אַריין דורך די פֿענצטער די דרימלענדיקע רו פֿון אַרומיקע פֿאַרשנייעטע פֿעלדער. אין דער שטילקייט הערט מען נאָר דאָס זומען פֿון ליובינסקין, וועלכער זיצט בײַ זיך אין חדרל מיט אַ היטל אויפֿן קאָפּ און שאָקלט זיך מעשה ישיבֿה־בחור אויף די גוישע ביכלעך. אָבער אַרום צוויי אַ זייגער נאָכמיטאָג שטורעמט אַריין יאַשע אין שטוב, צעכראַסטעט די גימנאַסטיאָרקע, קנאַקט מיט די פֿויסטן אויפֿן טיש און ליאַרעמט: „עסן, עסן!“ די גאַנצע שטוב לייגט זיך פֿון זיינע ווילדע געשרייען, און די מוטער, אַן אָפּגעלעבטע גוטמוטיקע עטוואָס עבֿר־בטלדיקע יידענע, טראָגט אים לאַכנדיק מיט גיכע טריט דאָס עסן אויפֿן טיש. ערשט נאָכן עסן וואַרפֿט ער אַראָפּ פֿון זיך די גימנאַסטיאָרקע, לויפֿט אַרויס אין איין לייבל אויפֿן הויף אין פֿראָסט. דאָרט כאַפּט ער מיינסטנס אַ האַק און שטייענדיק טיף אין שניי, האַקט ער האָלץ אויף וואָס די וועלט שטייט. דער פֿראָסט ווירקט אויף אים ווי שטאַרקער וויין און אין אַ ווײַלע אַרום לויפֿט ער אַריין צוריק אין שטוב, שוין כּמעט ווי פֿאַרשיכּורט פֿון אימפּעט און לעבנס־קראַפֿט. ער ליאַרעמט, מ׳זאָל אים גלייך געבן טיי, און נאָך דער טיי גייט ער אַריין אין זאַל און שטעלט זיך אַרום דער אָנגעהייצטער הרובע. אַ בלויער פֿאַרנאַכט קוקט אַריין דורך די פֿענצטער אין ז׳עם טונקל־איינזאַמען זאַל. נישטאָ אין שטוב וועמען צו שלאָגן אָדער וואָס עס איז אין דער לופֿט צו זעצן. און אָט אין דער פֿאַרנאַכטיקער שטילקייט שרייט ער אַריין, פֿאַר זיך, אין דער לופֿט, ברענענדיקע זידלערייען, הויפּטזעכלעך רוסישע דרייגאָרנדיקע „מאַמעס“, פּעסטע, אייזערנע — נישט פֿון שלעכטקייט אָדער כּעס, נאָר סתם פֿון ברויזנדיקן אימפּעט. און ווען ס׳דערעסן אים די

„מאַמעס", הייבט ער אָן זינגען שקציש־אויסגעלאַסן זיין באַליבט גוייש לידל:

ער פאָרט, ער פאָרט, ער פאָרט.
ער פאָרט צו איר —
צו דער ליבינקער, צו זיינער...

ליובינסקי, דער געוועזענער וואָלאָזשינער עילוי מיט דעם גרויסן שאַרפן קאָפּ, האָט אָבער פון דער כּומערט זייט געשטאַמט פון חסידישע רביים און פון זיי האָט ער עס אפשר געירשנט אַ טיף־רעליגיעזן נשמה־ברען. אומעטום האָט ער געזוכט און געפילט יענעם אינעווייניקסטן, שטענדיק אייביקן חיות, וואָס האָט טיף אינעווייניק אין זיין נשמה געלויכטן. מיט יאָרן צוריק, ווען ער און זיין חבר ישראל ראַבינאָוויטש זענען אַרויס פון דער וואָלאָזשינער ישיבה אין דער נייער וועלט אַריין, האָבן זיי זיך לחלוטין נישט אָפּגעריסן פון דער טיף־איינגעפלאַנצטער ערלעך־יידישקייט. אין די זעלבע קאַפּאָטקעס, מיט דעם זעלבן ברענענדיקן גלויבן האָבן זיי, ווי ס'האָט זיך זיי געדאַכט, אויף זייער יינגליש־טרוימערישן שטייגער, געטראָגן דעם אינעווייניקסטן ברען אין דער נייער וועלט אַריין, וואו זיי האָבן שוין אומקלאָר געפילט עפּעס גאָר אַ נייעם און דאָך דעם זעלבן אייביק אינערלעכן חיות. האָט ליובינסקי אויך אין יאַשעס רויער שקאָצישער אויסגעלאַסנקייט געפילט דעם אינערלעכן באַהאַלטענעם חיות פון ברויזנדיקער נאַיווער יינגלישקייט, וואָס גיסט זיך פאַרפלייצנדיק איבער די ברעגעס. איז אָבער אָט וואָס פאָרגעקומען.

אין איינעם אַ פאַרנאַכט האָט זיך יאַשע, זינגענדיק זיין באַליבט גוייש לידל, אַ לאָז געטון צו דער טיר פון ליובינסקיס חדר און מיט כּלומרשט געלאַסענע טריט איז ער אַריינגעקומען צו ליובינסקין, וועלכער איז, ווי אַלעמאָל, געזעסן אין אַ היטל איבער זיינע ביכלעך און איצט מיט אַנגסטן אויפגעהויבן דעם קאָפּ צו דעם אַריינגעקומענעם ווייס־חברהניק. יאַשע האָט זיך צוערשט דווקא פאַרהאַלטן רויק און זיך געלאַסן אַנידערגעזעצט אַרום טיש, נאָר אויף זיין פּנים האָט געפלאַטערט אַ שקצידיקער

שמייכל פון אַ בויאַן, וואָס זוכט אַן אויסרייד אויף אַ סקאַנדאַל. ס׳האָט אים אָבער עטוואָס געפּענטעט די וואָגיקע לייטישקייט פון דעם פרעמדן קוואַרטיראַנט ליובינסקי.

— אַזוי פיל ביכער דאָ אָנגעוואָרפן! אָט די אַלע ביכער, אָט די פּאַפּירענע שמאַטעס, האָט מען געדאַרפט אַרויס־וואַרפן דורכן פענסטער. וואָס פאַר אַ ביכל לערנסטו איצט?

ליובינסקי האָט צוגערוקט אויפן טיש דאָס ביכל עטוואָס נענטער צו יאַשען.

— דו ביסט אַליין אַ גימנאַזיסט פון אַכטן קלאַס און מיט איין קוק וועסטו אַליין דערקענען דאָסדאָזיקע ביכל און...

— ס׳איז אָבער אומזיסט דיין גאַנצע טריחה. אַלצאיינס וועט מען היינטיקעס יאָר מאַכן אין גימנאַזיע אַ כאַראַקירי מיט אַלע פאַרשמאָרעטע עקסטערנעס, באַזונדערס אויף יודאַשן אין לאַבסאַרדאַקעס...

ביי די לעצטע ווערטער האָט יאַשע שקציש צוגעזשמורעט דאָס לינקע אויג, האָט זיך ווילד צעלאַכט און מיט דער לינקער האַנט האָט ער אומבאַמערקט אַ שמיץ געטון דאָס היטל פון ליו־בינסקיס קאָפּ. ליובינסקי איז אויפגעשטאַנען, אַ כאַפּ געטון דאָס פאַרוואָרפענע היטל.

— דו מוזסט שוין, די מינוט, פאַרלאָזן מיין חדר, אַנישט וועל איך זיך נאָך היינט אַרויסקלייבן פונדאַנען...

ערשט איצט איז יאַשע אויפגעשפרונגען, האָט געהירזשעט אויף אַ קול און געליאַרעמט, טרייסלענדיק מיט די פויסטן אין דער לופט:

— רביצין, לאַבסאַרדאַק, אין דער מאַמען דיר אַריין, לאַב־סאַרדאַק!

אויף זיינע ווילדע געשרייען איז אָנגעלאָפן די מוטער, וועלכע האָט אים דערשראָקן געשלעפט פאַרן אַרבל. יאַשע האָט נאָך נישט געוואַגט צו וואַרפן זיך מיט אַ געשלעג, ער האָט אָבער אַלץ מיט מער אימפּעט געשאָטן פעך און שוועבל, געמאַכט „מאַמעס” און געהירזשעט. דערוויַיל האָט זיך געעפנט די הויז־טיר און אויף דער שוועל האָט זיך דאָרט באַוויזן אַבראַשע בראָך.

יאַשע איז אים געלאָפן אַנטקעגן און ליובינסקי האָט דער־ווײל צוגעמאַכט נאָך אים די טיר פון זײן חדר און פאַרקײטלט. ערשט אין אַ װײלע אַרום האָט זיך דערהערט אַ װילד געזאַנג פון יאַשען, װעלכער האָט אויף זײן שטײגער געקנאַקט דאָס באַ־ליבטע לידל:

„ער פאָרט, ער פאָרט"...

אין די פאָלגנדיקע טעג האָט ליובינסקי געמוזט פסדר פעסט פאַרקײטלען זײן טיר — מיט גרויס מי און ראַנגלעניש האָט ער זיך געקאָנט מער אָדער װײניקער שיצן פאַר דעם צע־װילדעװעטן גימנאַזיסט.

און טאַקע אין די שײנע מערץ־טעג איז אין אײנעם אַ פרימאָרגן פאָרגעקומען אַן אומגעריכטע געשעעניש. די זון האָט דעמאָלט אַזוי װאַרעם געלויכטן, דאָס ליובינסקי האָט געעפנט דאָס פענסטער און איז װי אַלע מאָל געזעסן איבער זײנע ביכ־לעך אַרום טישל, בײם סאַמע פענסטער. אַרום אײנס אַ זײגער בײטאָג איז יאַשע געקומען פון גימנאַזיע, איז אָבער נישט אַרײן אין שטוב, נאָר פאַמעלעך צוגעגאַנגען צו ליובינסקיס פענסטער. עפעס האָט ער אַ משונהדיק אויסזעען — דעם קאָפּ אַראָפּגע־לאָזט, פאַרלוירן און דערשלאָגן. ער איז צוגעגאַנגען האַרט צום פענסטער, זיך אָפּגעשטעלט, פאַרקערט דעם קאָפּ אָן אַ זײט און פאַרביטערט געשװיגן. ערשט איצט האָט ליובינסקי דערזעען, דאָס בײ יאַשען שטײען טרערן אויף די אויגן און די אונטער־שטע ליפּ האָט בײ אים גאָר מעשה ײנגל קרעמפּנדיק געציטערט.

— װאָס איז מיט דיר, יאַשע?

ער האָט געשװיגן.

די מעשה איז אָבער געװען אַזוי. הײנט אינדערפרי האָט גראַניעװיטש אַרויסגערופן יאַשען צום טאַפעל און יאַשע, װעלכער האָט אַלע יאָר פײנט געהאַט די „פּאַפּירענע שמאַטעס", האָט װײניק װאָס געװאוסט און זײער שלעכט געענטפערט. בײ די ערשטע רײד זײנע האָט אים גראַניעװיטש שאַרף אָפּגעשניטן און דרײענדיק װי אַלעמאָל מיט דער רעכטער האַנט די װאָנסעס,

האָט גראַניעוויטש קאַלט און אַנטשלאָסן אַ זאָג געטון אים פאַרן גאַנצן קלאַס:

— אייגנטלעך וואָלט אַזאַ אומוויסנדער יונגערמאַן גע־דאַרפט זיך אַליין אַרויסשליידערן פון גימנאַזיע. איך וועל אייך דאָך איבערלאָזן נאָך אויף אַ יאָר, ס'איז אָבער אַן עבירה פאַר אייך צו רייבן אומזיסט די שול־באַנק. איר קאָנט דערווייל גיין אויף דער פרייער לופט וואויעווען און הינט שלאָגן...

גראַניעוויטש רעדט אַנטשלאָסן מיט אַזאַ פאַסצינירנדיקער זיכערקייט, דאָס ער קלאַפּט אַריין זיינע שטעכעדיקע ווערטער ווי טשוועקעס אין דער נשמה. און יאַשע, דער ווילדער בויאַן, האָט זיך פּלוצלינג להלוטין פאַרלוירן. זיין ייִנגלשע נשמה האָט אין גאַנצן אַ צוק געטון, ווי מ'וואָלט איר טון אַ טויט־שטאָך אין סאַמע פינטל אַריין. איז ער צעטומלט, דערשיטערט און שטייט פאַר גראַניעוויטשן אומבאַוועגלעך, ווי אַ גלאָמב מיט אויס־געגלאָצטע אויגן. ער האָט זיך אַזוי פאַרלוירן, דאָס די ליפּן האָבן ביי אים אומבאַהאָלפן געצוקט און ער האָט בשום אופן קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסברענגען. דאָס האָט גראַניעוויטשן שטאַרק געריצט. ער איז צוגעגאַנגען צו יאַשען און פריינטלעך אַ זאָג געטון מיט אַ ווייכער שטימע:

— זייט נישט אַזוי אויפגערעגט — איר זייט נאָך יונג און קאָנט נאָך אַלץ גוט מאַכן. ווייסט איר וואָס — אין אַ פּאָר וואָכן אַרום וועל איך אייך ווידער אַרויסרופן און אויב איר וועט נאָר עפּעס וויסן, וועל איך אייך צולאָזן צו די פרילינג־עקזאַמענס. זייט נישט אַזוי אויפגערעגט, כ'בעט אייך...

יאַשע האָט אָבער נישט געקאָנט קומען צו זיך און איז ווי אַ פאַרסמטער אַרויס פון קלאַס. און איצט איז ער געשטאַנען ביי ליובינסקיס פענסטער און מיט אָפּגעריסענע ווערטער עס דערציילט ליובינסקין.

— הע, יאַשע, וואָס ווערסטו דאָ אַזוי נתפּעל. דו האָסט אַ גוטן קאָפּ און אייזערנע פּלייצעס — ווערסט זיך נאָר אַ נעם טון פאַר די ביכער, הערסטו גראַניעוויטשן פאַר צוויי גראָשן, פאָלג מיך, לאַך זיך אויס פון אים...

יאָשע איז שטיל אַריינגעגאַנגען אין שטוב, האָט פֿאַרטראַכט אָפּגעגעסן מיטאָג, און טאַקע באַלד נאָך מיטאָג האָט ער זיך פֿאַרשפּאַרט אין זיין חדר און, נישט אויפֿשטייענדיק פֿון שטול, האָט ער געלערנט ביז דריי אַ זייגער ביינאַכט. אויפֿן מאָרגן איז ער אויפֿגעשטאַנען האַלב אַכט אינדערפֿרי און איז אויפֿן ניכטערנעם האַרץ גלייך אַוועק אין גימנאַזיע. קומענדיק פֿון גימנאַזיע אַהיים, האָט ער אויף גיך אָפּגעגעסן און ווייטער געלערנט ביז שפּעט אין דער נאַכט. מיט דעם גאַנצן ברויזנדיקן אימפּעט פֿון זיין זודיקער נאַטור איז ער אַריין אין די לימודים. אַ פֿלוצימדיקער, אָבער זייער טיפֿער קריזיס איז פֿאָרגעקומען אין זיין אייגנטלעך ייִנגלשער נשמה. ווי מ׳טרעפֿט אָפֿט דווקא ביי די כּלומרשט פֿאַרעקשנטע בויאַנעס פֿון זיין עלטער, האָט אָט די קורץ איבערגעלעבטע, אָבער שטאַרק פֿאַרכאַפּנדיקע דערשיטערונג אַרויסגערופֿן אין אים אַ פֿלוצימדיקע ווענדונג, אַ גרונט־איבערקערעניש. ער האָט זיך מאָדנע געענדערט. זיינע בלויע אויגן האָבן באַקומען אַן ערנסטן גלאַנץ. זיין געזיכט־אויסדרוק, זיין האַלטונג און אויפֿפֿירונג זענען אָנגעצויגן שטרענג. ווי שטייף אָנגעצויגענע סטרונעס. קיין איבעריק וואָרט. קיין איבעריקע באַוועגונג, קיין שמייכל אויף די צוזאַמענגעפּרעסטע ליפּן. ס׳האָט פֿון אים געווייעט יענע אינערלעך־גליענדע שטייפֿקייט, וואָס ליובינסקי פֿלעגט אַלע מאָל פֿילן אויף אַן אַנדערן שטייגער ביי די פּרושים אין בית־המדרש. ביי יאָשען איז עס אָבער די זעלבע ברויזנדיקע ייִנגלשקייט, וואָס האָט איצט בלויז אין אַן אומגעקערטער ריכטונג ווידער געגאָסן, פֿאַרפֿלייצנדיק איבער די ברעגעס. די זעלבע גבורה פֿון דעם רייטער, וואָס קאָן דאָס צעבושעוועטע פֿערד אַ לאָז טון אין עק וועלט אַריין אָדער עס פֿאַרקערט מיט גרויס גבורה איינהאַלטן, שפּרינגענדיק דראָבינקע אויף די הינטערשטע פֿיס פֿון דעם זודיקן פֿערד. איבערגעכאַפּט ערנסט, שטייף און אָנגעצויגן, האָט יאָשע באַקומען כּמעט אַ קרענקלעכן דראַנג צו גערעכטיקייט, קאָן נישט פֿאַרטראָגן קיין עוולה. פֿאַרטראַכט זיך וועגן וועלט און לעבן, וועגן ייִדישקייט און ליובינסקיס פֿרומקייט. אין זעלטענע פֿרייע מינוטן כאַפּט ער וועגן דעם אַ הייסן שמועס מיט ליובינ־

סקין און ווערט דערבײ אַזוי אויפגערעגט, גלייך ווי ס׳גייט אים אין לעבן.

איינמאָל האָט זיך ליובינסקי אויפגעכאַפּט פאַרטאָג און באַמערקט, אַז ס׳ברענט נאָך דער לאָמפּ אין יאַשעס חדר, פונוואַנען מ׳האָט אָבער נישט קיין קול. — האָט ער אויף זיך אַ כאַפּ געטון דעם פּאַלטאָ, איז צוגעגאַנגען צו יאַשעס טיר, זי פאָרזיכטיק געעפנט און דערזעען: אויפן טיש האָט געברענט דער לאָמפּ פאַר אַן אָפן ביכל און יאַשע איז געשלאָפן אויפן בעט נישט אויסגעטון, מיט איין פוס פאַרבויגן אויף דער ערד. אויף יאַשעס יינגליש־בליענדיקן, עטוואָס בלאַסן פּנים האָט פאַרבאָרגן געפלאַטערט די שטייפע, אָבער קינדיש־נאַיווע שטרענגקייט פון אַן אויסגעהאָרעוועטן פּרוש. ליובינסקי האָט זיך אומגעקערט אין זיין חדר, וואו ס׳האָט שוין אָנגעהויבן באַגינען. ער האָט זיך פאַרטראַכט אָנגעטון, געכאַפּט אַ בליק דורכן פענסטער און ווי צום ערשטן מאָל האָט ער דערזעען, דאָס פון דער פינסטערער נאַכט גופא ווערט פּאַמעלעך געבוירן אַ ליכטיקער מאָרגן. ער האָט זיך געזעצט אַרום פענסטער און מיט לייב און לעבן דערפילט, דאָס אין דעם באַגינען זענען טאָג און נאַכט איינערלעך פאַרפלאָכטן, ווי אין די שיינע מערץ־טעג, דער ווינטער מיט דעם זומער. האָט ער שוין קלאָר דערפילט, דאָס אויסגעלאַסנקייט און פּרישות, ישיבה און גימנאַזיע, זענען איינערלעך פאַרפלאָכטן און ערגעץ־וואו פאַרבאָרגן לייכטן זיי איינער אין דעם אַנדערן. טאַקע נאָר אויסצושטרעקן די הענט און זיי אַלעמען פון אינעווייניק אַרומנעמען. ביי ליובינסקין האָט פּלוצלינג דאָס האַרץ אָנגעהויבן נאָגן פון שמחה און אַ גליענדיקער האָט ער זיך געשטעלט דאַווענען אַרום פענסטער.

דער פרי אָנקומענדיקער פרילינג האָט זיך אָבער אינגיכן געלאָזט פילן גאָר פון אַן אַנדערער זייט. אויף ליובינסקין איז אָנגעקומען אַ שווערע געשעעניש, וואָס האָט אים טיף דערשיטערט. טאַקע אין אַ פּאָר טעג אַרום נאָך יענעם באַגינען איז

איינמאָל נאָכמיטאָג אַריינגעקומען צו ליובינסקין אַ קליין יינגל מיט אַ צעטל פון זיין חבר, דעם עקסטערן ישראל ראַבינאָוויטש, וועלכער איז מיטאַמאָל קראַנק געוואָרן און געבעטן ליובינסקין צו אים גלייך אַרויפקומען.

נאָך דער טרויעריקער געשעעניש, וואָס האָט געטראָפן מיט ראַבינאָוויטשן אין גימנאַזיע, בשעת ער האָט דערלאַנגט די פאַפירן, האָבן אייגנטלעך נישט נאָר עקסטערנעס, נאָר אויך פיל אין שטאָט געוואוסט, אַז אָט דער יינגער-קראַנקער עקסטערן מיט זיינע אויסערגעוויינלעכע קענטעניש איז בלויז אַן אורח אויף דער וועלט. ווי אַלע מאָל אָבער אין אַזוינע פאַלן, ווערן די נאָענטסטע אין דעם לעצטן מאָמענט איבעראַשט און באַטויבט, גלייך ווי מען וואָלט זיך אויף דעם גאָרנישט געריכט.

ראַבינאָוויטש איז צום פינפטן לעבנסיאָר געבליבן אַ קיילעכיקער יתום און זיך אויסגעהאָדעוועט ביי קרובים, וועלכע האָבן אים, אַ צעניעריקן, געבראַכט אין ישיבה. פון דעמאָלט אָן איז ער יאָרן לאַנג געבליבן אין ישיבה, דאָרט געגעסן טעג און כמעט מער זיינע קרובים נישט געזען. אַ דאַרער, אַ שוואַבער, מיט קרענקלעך בלישטשענדיקע שוואַרצע אויגן, איז ער אַלע יאָרן געווען אַ שטילער, אַ שעמעוודיקער. אין ישיבה פאַרקלויבט ער זיך שטענדיק אין אַ ווינקל, לערנט דאָרטן גאַנצע טעג אָן אויפהער מיט אַ מין האָרעפּאַשנער מסירות-נפש. אפילו די שטרענגע משגיחים האָבן אים גערופן „ישראליק" און דייער אָפּט פלעגט דאָס אַ משגיח אים אָפּרייסן אין מיטן נאַכט פון לערנען.

— גענוג שוין, ישראליקל, צו לערנען, גיי דאָך אַמאָל שלאָפן...

ישראליק פאַרמאַכט הכנעהדיק די גמרא, ערגעץ-וואו אויף אַ באַנק קאָרטשעט ער זיך צונויף און שטייט אויף גאַנץ פרי צו דער אַרבעט. אין דער ישיבה האָט זיך ליובינסקי צו אים שטאַרק צוגעבונדן און כאָטש זיי האָבן ליב געהאַט צו לערנען באַזונדער פאַר זיך, האָבן זיי אָבער געלעבט האַנט ביי האַנט. שטיל און געלאַסן הערט אויס ישראל ליובינסקיס ברוינדיקע חלומות,

שמייכלט צו אים עפּעס איינגעהאַלטן, שאָקלט מיטן קאָפּ אָדער וואַרפט אַריין אַן אָפּגעקלערט וואָגיק וואָרט. אָט דאָס זעלטן און געלאַסן אַרויסגעזאָגטע וואָרט מאַכט אַ שטאַרקן רושם אויף דעם שאַרפן הייז-קאָפּ ליובינסקי, וואָס טוט נישט אָן ישׂראליקן קיין זאַך.

פּמעט שטענדיק האָט ישׂראל אין דער ישיבֿה געהוסט און געפּירכעט. עס האָט זיך אַפילו פֿון צייט צו צייט ביי אים באַוויזן בלוט אין דער ליחה. ישׂראל האָט עס אויף זיין שטילן שטייגער פֿאַרשוויגן, נאָר איינמאָל האָבן עס די אַרומיקע אין ישיבֿה באַמערקט. מען האָט אים אַוועקגעפירט צו אַ דאָקטאָר, וועלכער האָט געזאָגט, אַז ער האָט קראַנקע לונגען און פֿאַרשריבן אים רפֿואות. באַלד האָט מען אָבער דערויף פֿאַרגעסן און ישׂראל האָט זיך צוגעוויינט צום הוסטן. און ווען ער איז אַרויס פֿון ישיבֿה און געוואָרן אַן עקסטערן, האָט ער, ווי פֿריער, מיט האָרעפּאַשנער שטילקייט געהאָרעוועט. ער איז אָבער מיט יעדן יאָר געוואָרן אַלץ שוואַכער און דאָס פּנים האָט אַלץ מער באַקומען אַ בלוי-רויטלעכע פֿאַרב.

און אין דעם אָנקומענדיקן פֿרילינג, וואָס האָט אַלעמען אַזוי פֿיל פֿרייד געבראַכט, האָט ישׂראל אָנגעהויבן זיך שווער צו ראַנגלען מיט דעם הוסט. אין איינעם אַן אינדערפֿרי האָט ער פּלוצים אַ הוסט געטון מיט בלוט און האָט שוין קיין פּוח נישט געהאַט אויפֿצושטיין פֿון בעט. אַ גאַנצן מאָרגן איז ער געלעגן איינזאַם, ערשט נאָך מיטאָג האָט ער געשיקט נאָך ליובינסקין, וועלכער איז מיט אַנגסטן צו אים גלייך אַוועקגעלאָפֿן.

אַריינגעקומען צו ישׂראלן, האָט זיך ליובינסקי שוין ביים ערשטן בליק דערשראָקן און דאָס האַרץ האָט ביי אים אָנגעהויבן ציטערן. ישׂראל איז געלעגן גאָר אָן פּוחות, עפּעס מאָדנע אויסגעשטרעקט און אויף זיין טויט בלאַס פּנים האָבן זיך מאָוימדיק אויסגעטיילט די בלויע ליפּן און די קראַנקהאַפֿטע בלישטשענדיקע שוואַרצע אויגן. אויף דעם גרויסן שטערן איז אַ קאַלטער שווייס געשטאַנען.

— וואָס איז מיט דיר, ישׂראל?

ישׂראל האָט געשוויגן. ער האָט אַפֿנים קיין כּוח נישט געהאַט צו רעדן. נאָר זיין בליק האָט ליידנדיק געבלאָנדזשעט אין דער לופֿט, עפּעס אַ הוילער, נאַקעטער בליק. ליובינסקי האָט באַלד אַראָפּגעבראַכט צוויי דאָקטוירים, וועלכע האָבן דעם קראַנקן עפּעס איינגעשפּריצט און פֿאַרשידענע רפֿואות געגעבן. ישׂראלן איז טאַקע בעסער געוואָרן, אַרום פֿאַרנאַכט האָט ער אפֿילו איינגעדרימלט. ליובינסקי איז פֿון זיין בעט נישט אָפּגעטרעטן. ער האָט נאָר אין אָוונט געשיקט מיט עמיצן אַ צעטל צו שאַפּיראָן, מיט וועלכן ער איז געווען באַפֿריינדעט און וועלכן ער האָט געבעטן אַהערצוקומען.

נאָך אַ האַלבער נאַכט אָבער האָט זיך ישׂראל אויפֿגעכאַפּט אין אַ קאַלטן שווייס, אַ שווערער אָנפֿאַל פֿון הוסטן האָט אים ממש געשטיקט. ווי אַלעמאָל, האָט זיך ישׂראל שטיל און הכנעהדיק געראַנגלט מיט זיינע ליידן. מ'איז געלאָפֿן נאָכן דאָקטאָר, אָבער נאָך איידער דער דאָקטאָר איז געקומען, האָט ישׂראל פּלוצלינג אַ צוק געטון מיט דעם גאַנצן קערפּער, איז שטיל אומבאַמערקט אויסגעגאַנגען, איבערלאָזנדיק אויפֿן פּנים אַ פֿאַרגאַפֿט אָפּגעטראָגענעם שמייכל. ליובינסקי האָט אַ ווילדן געשריי געטון. זענען זיך פֿון אַלע זייטן צונויפֿגעלאָפֿן שכנים אין דעם קליינעם הדור. ליובינסקי האָט שוין אָבער קיינעם נישט געזען. אַ שווערער נעפּל פֿון שרעק און אומגליק האָט זיך געלייגט אויף זיין נשמה. ווי אַ באַנומענער האָט ער זיך ערגעץ אַנידערגעזעצט און איז אַ לאַנגע צייט געבליבן אומבאַוועגלעך פֿאַרגליווערט. ער האָט אפֿילו נישט באַמערקט, ווי מ'האָט אָפּגעהויבן דעם פֿאַרשטאָרבענעם.

ערשט גאַנץ פֿרי, ווען שאַפּיראָ איז געקומען, האָט זיך ליובינסקי ווי אויפֿגעכאַפּט, האָט פֿאַרלייגט דאָס פּנים מיט די הענט און ערשט איצט זיך צעוויינט אויף אַ קול. שאַפּיראָ האָט אים פֿאָטערלעך אַרויסגעפֿירט אין אַ זייטיקן חדר. מיט דער קלוגער געלאַסנקייט פֿון אַ געניטן מורה הוראה, האָט ער פֿאַרזיכטיק געפּרווט צו באַרויקן ליובינסקין און האָט אויף זיך אי-

בערגענומען די לעצטע זאָרג פאַר דעם געשטאָרבענעם. ער האָט דאָס צו טון געהאַט מיט חברה קדישא און אַלץ פאָרבאַרייט צו דער לויה.

אַרום 1 אַ זייגער בייטאָג איז פאָרגעקומען די לויה. ס'איז געווען אַ שיינער מערץ-טאָג מיט אַ פריילעך שמייכלענדער זון. אַלע עקסטערנעס, אַרום צוויי הונדערט מענטשן, זענען געגאַנגען צו דער לויה פון זייער געשטאָרבענעם חבר. שוואַרצע און גרויע קורטקעס, שוואַרצע פאַלטנס, וואו-נישט-וואו אויסגעריבענע פעלצן האָבן געשימערט אַנטקעגן דער זון. אַלע האָבן זיי אויסגעזעען ווי פרעמדע, אָפּגעריסענע — דער שרעק פון דעם עלנד-געשטאָרבענעם עקסטערן האָט זיך ווי אַ שווערער נעפּל געלייגט אויף זייערע טרויעריק-שווייגנדיקע פּנימער. צו רום דער סאַמע מיטה גייען אייניקע גבאים פון חברה קדישא, עלטערע שיינע יידן, און אין רעכטן מיטן, צווישן די גבאים, גייט פּאַר פריער שאַפּיראָ, דער געהויבענער יונגער רב, וואָס האָט זיך אָבער איצט הכנעה-דיק-פרום איינגעהויקערט אין זיין פוקסענעם פעלץ. ס'זענען אויך געווען אייניקע גימנאַזיסטן, צווישן זיי אַבראַשאַ בראָן און יאַניע העפנער. עפּעס גאַר אָן אַ זייט איז געגאַנגען ליובינסקי, אַ צעטומלטער, אַ דערשלאָגענער — די פּאָלעס פון זיין צעשפיליעטן פאַלטאָ דרייען זיך מאָדנע אין דער לופט. לעבן אים גייט שווייגנדיק יאַשע, אַ שטייף-אָנגעצויגענער. עפּעס ברומט ער שטרענג צו ליובינסקין און פאַרשפּיליעט אים גייענדיק דעם פאַלטאָ. צום עולם זענען אויפן וועג צוגעשטאַנען פרעמדע דורכגייער, סתם נייגיריקע מענטשן. מ'האָט געשטוינט צו זעען אין דעם עולם ראָזע לעווענשטיין און דאַווידאָוון. גאָר אומגעריכט האָבן זיי שפּאַצירנדיק דערזעען די לויה מיט דעם „טשיקאַווען" עולם און פון נייגיר זענען זיי נאָכגעגאַנגען. נאָר אָט האָט ראָזע געכאַפּט אַ בליק אויף דער מיטה און מיטאַמאָל האָט זי דערפילט אַ ציטער פון ערעק און טרויער. באַדעקט פון שוואַרצן געוואַנט האָט דער טויטער אויסגעזעען אויף דער מיטה מאָדנע קליין, ווי אַ קינד. און פון דעם שוואַרצן געוואַנד האָט עס געווייעט אין דער לופט נאַקעטע אייביקייט פון פאַרפאַלענער טויט-שטילקייט.

מאָדנע נאָגנדיקע געפילן האָבן אַ צי געטון ראָזען פאַרן הארץ און זי האָט עס אויף איר רירעוודיקן שטייגער געשלעפּט דאַווידאָוון אַזש ביז צום בית עולם. האָט דאָ אָט וואָס גע־טראָפן.

בשעת מען האָט שוין אויפן בית עולם געזאָלט אָנהייבן פאַרשיטן דאָס קבר, האָט זיך פון צווישן דעם עולם דורכגע־שטופּט ליובינסקי און איז צו מיט אַ דראַנג צום סאַמע ראַנד פון אָפענעם קבר. מ׳האָט אין אים גלייך באַמערקט, אַז ער וויל זאָגן עפּעס אַ וואָרט אויף דעם געשטאָרבענעם. די קברנים האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין דער אַרבעט און דער גאַנצער עולם האָט אָנגעשטעלט נאָז און אויערן. ליובינסקי האָט זיך אַ רגע אַרומ־געקוקט און אויסשטרעקנדיק די הענט צום אָפענעם קבר, האָט ער ווי פּלוצים אויסגעשריגן:

— ישראל ראַבינאָוויטש, ישראליק, פריינט מיינער!...

די שטימע האָט זיך ביי אים ייִנגליש געבראָכן און טאַקע גאָר מעשה ייִנגל האָט ער זיך פאַרכליפּעט. נאָר אָט האָט אין אים איבערווייניק אַ הייסע כוואַליע אַ צי געטון פאַרן האַרץ, אַ הייב געטון דעם מוח און ווי אַ לאַווע זיך אַ גאָס געטון אין פלאַמענדיקע רייד. און כאָטש אין זיינע רייד זענען געווען עט־וואָס ייִנגליש־נאַיווע מליצות, האָט אָבער זייער אינערלעכער ברען־אימפּעט אַלעמען פאַרכאַפּט און איבערראַשט. אָט ווי קאַלטער פּולווער קאָן אָנצינדן דורך דעם אינערלעכן ברען־אויפרייס. ליובינסקי האָט אַ הייב געטון די לינקע פּלייצע און זיין פעסט אויסגעגליטע שטימע האָט ממש ווי געפייערט אויף דעם אָפענעם קבר.

„נישט קיין פאָטער, נישט קיין מוטער, פון קינדווייז אָן געגעסן „טעג״ אין פרעמדע הייזער, זיך געוואַלגערט אויף קהלשע ישיבה־בענק — וואָס־זשע האָסטו, ישראליק, אַזוי געהאָ־רעוועט אויף דער וועלט? כ׳געדענק דיך נאָך פון ישיבה, ווען דו פלעגסט ביי אַ חלבן ליכטל אָפּזיצן גאַנצע נעכט אויף די צלטינקע גמרות. שפּעט ביינאַכט פלעגן נאָר שטרענגע משגיחים

זֹיפרייסן דיך פון ספר, פלעגן ביי דיר אַליין אויסבעטן אַ ביסל רו פאַר דיין אויסגעהאָרעוועטן קערפּער. אָבער די שכינה אַליין פלעגט זיך טוליען אין דיין שטילן ווינקל, די הייליקע שכינה פון אָרימע נאַכט־לערנער. און מיט דער שכינה אין האַרץ ביסטו אַרויס אויף דער פרעמדער וועלט, אויף דעם שווערן וועג פון בלאָנדזשעניש און זוכעניש. דו האָסט עס געוואָלט מיט דיינע האָרעפּאַשנע פּלייצעס דורכאַקערן אַ וועג פאַר דער שכינה — פון דעם בית־מדרש ביז צו דער גימנאַזיע, פון דער אַלטער ביז צו דער נייער וועלט. האָבן זיך פאַר אונז אָט די ביידע וועלטן אָפּגעשלאָסן און ווי האַרטע מיל־שטיינער צעריבן אונזער לייב און לעבן. עס שטייט אויף פאַר אונזערע אויגן דאָס געוואַלדיקע אגדהשע בילד. די צוויי יידישע געפאַנגענע — אַ בחור און אַ מיידל, וואָס זייערע הערשער האָבן מיט געוואַלד גענומען זיי צונויפפּאָרן און פאַרשפּאַרט זיי צו דער נאַכט אין אַ פינסטערן חדר. זענען זיי געלאָפן אין שרעק פון אַן אַנדער אין פאַרשידענע ווינקעלעך און יעדער האָט אין זיין ווינקל געוויינט, ביז ס'האָט אָנגעהויבן באַגינען און זיי האָבן מיט שמחה דערזען, דאָס זיי זענען ברודער און שוועסטער פון איין טאַטע־מאַמע. צו אַלע צייטן לויפן אַלטע און נייע וועלט פונאַנדער און יעדער וויינט אויף דעם אַנדערן אין זיין ווינקל. און ווער ס'פּרוווט זיי צונויפפּאָרן, ווערט ער געהאַסט פון זיי ביידע. ביז ס'קומט דער באַגינען, ווען ביידע וועלטן דערפילן דעם איין־איינציקן פאָטער אין הימל און לייכטן איינער אין דעם אַנדערן. ס'איז אָבער ווייט צום באַגינען, די שכינה אַליין ראַנגלט זיך מיט דער שווערער נאַכט. דו ביסט דער ערשטער געפאַלן פון די פיס. עלנט ווי אַ שטיין ביסטו, ישראל, געשטאָרבן. קיין מוטער, קיין אייגענע נשמה באַוויינט דיין יונגן טויט. נישט די וואַרעמע ברכה פון דעם שטרענגן זוידיקן בית־מדרש, נישט קיין איין מענטשלעך וואָרט פון דער קאַלטער פרייער וועלט. כ'שווער דיר אָבער, ישראל, ביי דיין אָפענעם קבר: איך וועל דיין גייסט אייביק אין מיר טראָגן. מיט דער שכינה פון דיין האַרץ וועל איך באַשווערן אייגענע און

פּרעמדע, וועל דורכגליען אַלע גוישע ביכלעך און וועל אַרייַנלייכטן אין אַלע ווייסע און שוואַרצע מויערן. כ׳וועל באַשווערן די קומענדיקע דורות, מ׳זאָל נישט רוען, ביז ס׳וועט קומען דער באַגינען און ביימער אין די וועלדער וועלן שטרעקן אין שמחה זייערע שפּיצן צו דער אויפגייענדיקער זון, ביז ס׳וועלן... כ׳האָב דיך אָבער, ישׂראל, ליב, ווי מיין לעבן, כ׳קאָן זיך מיט דיר נישט שיידן, די שטילע יסורים פון דיין לעבן ברענען מיר דעם מוח. ישׂראל ראַבינאָוויטש, ישׂראליק, פריינט מיינער...״

ביי די לעצטע ווערטער האָבן ביי ליובינסקין אַ צוק געטון די פּלייצעס און ער האָט זיך צעוויינט אויף אַ קול. און ווען מ׳האָט אים אָפּגעפירט אין אַ זייט, איז דער עולם נאָך געשטאַנען פאַרגאַפּט אומבאַוועגלעך. האָט מען פאַרשאָטן אין פאַרגאַפּטער שטילקייט דעם קבר און עטלעכע יידן האָבן געזאָגט די לעצטע תּפילות אויף דעם פרעמדן בר־מינן. אָבער ביי יעדן אין דער נשמה האָבן נאָך אַ לאַנגע צייט געהילכט די אָנגעווייטיקטע גליענדיקע יינגלשע אויסגעשרייען:

— ישׂראל ראַבינאָוויטש, ישׂראליק, פריינט מיינער...

אויף מאָרגן האָט מען אין שטאָט פון מויל צו מויל דערציילט דעם אומגעווײנלעכן הספּד, וואָס האָט אויף אַלעמען געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. אויף די שיינע ראָזע לעווענשטיין, וואָס איז דורכאויס פּריציש־גויש דערצויגן און ווייסט נישט קיין יידיש וואָרט, איז געווען אויסער זיך פון ליובינסקיס ברענענדיקע רייד און אויף איר מיידלשן שטייגער האָט זי אים אויף מאָרגן געשיקט בלומען מיט אַ בריוועלע. ס׳איז אָבער קיינעם נישט איינגעפאַלן אַ קלער צו טון וועגן די הונדערטער יונגעלייט, וואָס האָרעווען פאַרחושכט אויף די ביכלעך און גרייטן זיך אייגנטלעך בלויז צו וואַרפן אויפן פייער פון פרעמדן האַס זייער אַרבעט און לעבן... צווישן עקסטערנעס האָט זיך איצט געטראָגן אַ טרויעריקער קלאַנג, וואָס האָט אַלעמען באַליידיקט און אויפגעבראַכט. מ׳האָט נעמלעך דערציילט, אַז דער גימנאַזיע־לערער

אַנטאָנאָוו איז צופעליק דורכגעגאַנגען פאַרביי דער לויה און אַ שפּיי געטון אין דער לופט. סוף־כּל־סוף האָבן עקסטערנעס אויך דאָס איבערגעטראָגן און מ'האָט זיך דאָס ווייטער אַ נעם געטון פאַר די ביכלעך. ווי פאַרביסענע אַזאַרט־שילער האָט דאָך כּמעט יעדער ערגעץ־וואו פאַרבאָרגן נאָך אַלץ געהאַפט, אַז ס'קאָן נאָך אומגעריכט אַלץ גוט ווערן...

4.

אומהיימלעכע קאָנפליקטן

די שפּאַנונגען אין ווייסן מויער פון דער שטאָט-גימנאַזיע זענען מיט יעדן טאָג געוואַקסן. געוויינלעכע אינערלעכע רייבונגען האָבן זיך כסדר פאַרשאַרפט צו פיינלעכע קאָנפליקטן, וואָס האָבן אַלעמען געהאַלטן אָן אָטעם. אין מיטן מערץ אָבער איז אויסגעבראָכן אַ שווערער סקאַנדאַל, וואָס האָט אפילו געניייטיקט די פּאָליציי אַריינצומישן זיך.

גראַניעוויטש האָט שטרענג, כמעט פאַנאַטיש, געפאָדערט פון די גימנאַזיסטן מאַטעמאַטישע קענטעניש. קיין פּשרה, קיין רחמנות — ווער עס האָט נישט די נויטיקע קענטעניש, מוז בלייבן אויפן צווייטן יאָר אין דעם זעלבן קלאַס, אָדער גאָר אַרויס פון גימנאַזיע. ער איז שטאָל און אייזן, און אויף זיין געלבלעך בלאַס פּנים ווייזט זיך קיינמאָל נישט קיין שמייכל. ער איז אָבער דערצו אַ גרויסער געלערנטער און געניטער פּעדאַגאָג, אין משך פון אַ קורצער צייט האָט ער דורך זיינע צוציענדיקע לעקציעס אַרויסגערופן אינטערעס און ליבע צו מאַטעמאַטיק. דער אינערלעכער אימפּעט פון אַ פאַנאַטישן ווויסנשאַפטלער האָט זיך פון אים געטראָגן און פאַרכאַפּט זיינע צוהערער. יונגע גימנאַזיסטן האָבן נישט ווילנדיק פאַרלאָזט זייערע שקצישע שטיפערייען און זיך אַ נעם געטון פאַר דער אַרבעט. צווערשט האָט עס געטריבן צו דער מאַטעמאַטישער אַרבעט אַן אויסגעמישט געפיל-פון מורא און

דרך־ארץ פֿאַר גראַניעוויטשן; באַלד אָבער האָט זיך אין זיי אַליין אָפּגערופֿן און אויפֿגעוואַכט זיין פֿייערדיקער אימפּעט. אפֿילו אַבראַשאַ בראַן האָט זיך געמוזט נעמען פֿאַר די ביכלעך, עס האָבן אים גאָרנישט געהאָלפֿן זיינע וויצן און אַרטיסטישע שטיקלעך. אין ווייסן מויער האָט עס געקאָכט און געזאָטן אַרום גראַניעוויטשן. אַלע האָבן אָבער געפֿילט, אַז גראַניעוויטשעס שטרענגקייט איז נישט בלויז אַ פּערזענלעכער קאַפּריז, נאָר דורכויס ערנסטע זאַכלעכקייט פֿון אַ פֿאַנאַטיש־ערלעכן געלערנטן.

נאָר גראַניעוויטש, דער שטרענגער געלערנטער, וואָס איז אַראָפּגעשיקט געוואָרן פֿון צענטער האָט געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק אויף דעם לייכטזיניקן דירעקטאָר און די לערער, וועלכע האָבן אים אָנגעהויבן נאָכטון. זיי האָבן מיטאַמאָל גענומען אַ שטרענגן קורס אין גימנאַזיע, באַזונדערס אין אַכטן קלאַס, וואו מען האָט היינטיקעס יאָר נאָך געוואַרט אויף אַ ספּעציעלן רעוויזאָר צו עקזאַמענס. עס האָבן דאָ אויך שטאַרק מיטגעווירקט די שטרענגע צירקולאַרן פֿון צענטער אין צוזאַמענהאַנג מיט דער היי־יעריקער פֿאַרפֿלייצעניש פֿון עקסטערנעס. האָבן זיך אַלע לערער, יעדער אויף זיין געביט, אַ נעם געטון פֿאַר די שילער. באַזונדערס אָבער האָט זיך אויסגעצייכנט אַנטאָנאָוו, דער לערער פֿון רוסישער שפּראַך און ליטעראַטור, וואָס האָט אויף זיין סאַדיסטיש־אומפֿאַרשעמטן אופֿן געשניטן פּאַסן פֿון די גימנאַזיסטן. האָבן זיך אין גימנאַזיע אָנגעהויבן קאָנפֿליקטן, וואָס האָבן טאַקע באַלד געבראַכט צו אַן אומהיימלעכן סקאַנדאַל.

אַנדריי אַנטאָנאָוו איז דער איינציקער זון פֿון אַ קליינעם באַאַמטן, אַ קאַנצעלאַריע־שרייבער, האָט זיך אין גרויס נויט אויפֿגעהאָדעוועט. זיין פֿאָטער, אַ שווערער אַלקאָהאָליקער, פֿלעגט זייער אָפֿט קומען ביינאַכט אַהיים אַ שיכּורער און וואַרפֿן זיך מיט געשלעג אויף פֿרוי און קינד. איין מאָל, דאָס איז געווען ווינטער נאָך האַלבער נאַכט, איז אַנדרייס פֿאָטער געקומען אַהיים טויט שיכּור און האָט זיך מיט אַ ווילדן, כּמעט בעסטיאַלישן אימפּעט

געוואָרפֿן אויף דעם שלאָפֿנדיקן קינד און עס ממש געמזיקט.
דערשראָקן און פֿאַרלוירן, האָט דאָס קינד געוויינט, געשריגן, זיך
געוואָרפֿן ווי אין קראַמף. האָבן אָבער דעם קינדס געשרייען נאָך
מער אויפֿגערייצט די צעבושעוועטע אכזריות פֿון דעם שיכּורן
פֿאָטער, וואָס האָט עס נאָך ווילדער געשלאָגן מיט די פֿויסטן.
דאָס קינד האָט זיך געדרייט ווי אין אַ קאָנוואולסיע. פֿון ערגעץ
אַ ווינקל האָט די מוטער פֿאַרצווייפֿלט אַרויסגעשריגן: „אַנטלויף,
אַנדריושענקאַ, אַנטלויף פֿון שטוב, דער גזלן וועט דיר דאָס לעבן
נעמען”. און טאַקע מיט דעם לעצטן אינסטינקט פֿון אַ טויט=
פֿאַרצווייפֿלטן האָט זיך קינד דאָס אַרויסגעדרייט אין פֿאָדערצי=
מער. אַ האַלב=נאַקעטס איז עס אַרויס אויף דער גאַס און אין
רעכטן פֿראָסט זיך געלאָזט לויפֿן. אָפּלויפֿנדיק אַ פּאָר מינוט
האָט עס אָנגעקלאַפּט ערגעץ צו דער מוטערס אַ ווייטער קרובֿה,
וועלכע האָט עס אַריינגעלאָזט איבערנעכטיקן. אַנדריי האָט זיך
מער אַהיים נישט אומגעקערט און האָט זיך פֿון דעמאָלט אָן דער=
צויגן בײַ דער מוטערס קרובֿים, בײַ וועלכע ער האָט געהאַט גע=
נוג אויסצושטיין, ביז ער האָט געענדיקט אוניווערזיטעט און איז
געוואָרן אַ זעלבשטענדיקער מענטש. נאָר טאַקע פֿון יענער שווע=
רער נאַכט האָט ער אַרויסגעטראָגן אויפֿן גאַנצן לעבן, ווי אַ
פֿאַרבאָרגענע נשמה=וואונד, אַ קרענקלעכע אומזיכערקייט, פֿאַר=
בונדן מיט אַ סאַדיסטישער פֿאַרביסנקייט. ער איז אונטערטע=
ניק, חניפֿהדיק=קריכעריש פֿאַר גרעסערע און שטאַרקערע, אָבער
סאַדיסטיש גרויזאַם פֿאַר קלענערע און שוואַכערע. די שטענדיקע
אַנגסט און קרענקלעכע אומזיכערקייט פֿאַר דער אייגענער עקזיס=
טענץ האָבן אים אויך געמאַכט פֿאַר אַ שוואַרצן רעאַקציאָנער,
וואָס טרייסלט זיך מיט לײַב און לעבן פֿאַר דער מלוכה=אָרדנונג,
וועלכע מאַכט פֿאַר אים מעגלעך זײַן אָפֿיציעלע און געזעלשאַפֿט=
לעכע שטעלונג. האָט ער געהאַסט ייִדן און רעוואָלוציאָנערן, זיך
אָפּט געפּלאָגט מיט פֿינסטערע צוואַנג=אידעען וועגן אָט די „גע=
פֿערלעכע עלעמענטן”, וואָס ווילן אונטערגראָבן און באַגראָבן
די מלוכה=אָרדנונג מיט אַלע אירע גרויסע און קליינע אַנטאָ=
נאָוס. דערבײַ האָט ער אין אַ גרויסער מאָס אַרויסגעוויזן די

גיפטיקע פאַרביסנקייט פון אַ דעגענעראַט און די פינסטערע אומגעלומפערטקייט פון אַ מאַניאַק.

אַנדריי אַנטאָנאָוו איז אַן אומגעוויינלעך הויכער, מיט אַ קליין שפּיציק בערדל און אומרויקע בלויע אויגן. דער פליכעוואַטער שאַרבן איז ביי אים לענגלעך-משופּעדיק און אויף דער לינקער שלייף הייבט זיך אויף אַ רויטלעכע גוליע, וועגן וועלכער עס גייען אַרום פאַרשידענע קלאַנגען אין גימנאַזיע. ער האָט געהאַט אַ טבע צו פינטלען מיט די אויגן, באַזונדערס ווען ער איז אויפגערעגט. דעמאָלט צוקט ביי אים אויך די לינקע העלפט פון פּנים. צוריק מיט יאָרן איז ער אָנגעקומען אין גימנאַזיע, האָט גלייך אַרויסגעוויזן סאַדיסטישע שטיקלעך אויף די גימנאַזיסטן, וועלכע האָבן אויפגעהויבן אַ גוואַלד. דער דירעקטאָר האָט אים דעמאָלט ערנסט אויסגערעדט. אַנטאָנאָוו האָט זיך אונטערטעניק פאַרענטפערט און זיך כאַקע אויף ווייטער מיט גוואַלד, ווי עס איז, איינגעהאַלטן אין באַשטימטע ראַמען. דערפאַר האָט ער טאַקע איצט מיט פרייד אויפגענומען דעם וואונק פון „צענטער” אויף שטרענגקייט, ווי אויך די אָנצוהערעניש פון דירעקטאָר, אַז מסתּמא וועט אַראָפּקומען פון צענטער אַ רעוויזאָר צו עקזאַמענס, און אַז די לערער מוזן דערפאַר שטרענגער אַ צי טון די לייצעס, האָט ער זיך דאָס אַ נעם געטון.

ער האָט אָנגעהויבן אין די לעקציעס אַריינברענגען אומגעלומפערטע גיפטיקע דרשות וועגן רעוואָלוציאָנערן און דעם „זשידאָווסקען קאַהאַל”, וועגן אָט די אַלע עקסטערנעס, וואָס קומען פון דעם „קאַהאַל” צו פאַרפלייצן די רוסישע גימנאַזיעס און די רוסישע יוגנט. נישקשה, אים וועט מען נישט אָפּנאַרן. ער ווייסט זייער גוט, דאָס די מייסטע גימנאַזיסטן זענען אָנגעשטעקט פון דער יידישער קראָמאָלע. ער וועט באַצייטנס די יידישע חוצפּה אויסוואָרצלען, ער וועט... דערהויפּט אָבער האָט ער געשטעלט אומגעלומפערטע פאָדערונגען צו די גימנאַזיסטן, האָט זיי געריצט און געצהט. גימנאַזיסטן האָבן זיך געראַנגלט, עס איז געקומען צו אַלערליי אינצידענטן. ער האָט געדראָט, אַז ער וועט אַ גרויסע טייל פון זעכטן קלאַס איבערלאָזן נאָך אויף אַ יאָר.

טאַקע גאָר אַ קלייניקייט! גימנאַזיסטן האָבן נישט איינמאָל אויפגערעגט און פאַרביטערט זיך באַקלאָגט ביים דירעקטאָר, וועלכער האָט זיי אָבער אָפּגעפּטרט מיט פּוסטע הבטחות. ער האָט זיך נישט געוואָלט איצט אָנהייבן מיט אַנטאָנאָווען, וואָס האָט די לעצטע צייט באַקומען אַ שטאַרקע האַנט אין אייניקע „ספערן". האָבן די גימנאַזיסטן פאַרצווייפלט געקריצט מיט די ציין און טאַקע באַלד האָט עס אויסגעבראָכן אַ משונהדיקער סקאַנדאַל.

אַנטאָנאָוו וואוינט פון יענער זייט גימנאַזיע-גאָרטן. פון זיין הויף עפנט זיך אַ קאַליטקע גלייך אין אַט דעם גאָרטן, וואו ער גייט אַלע מאָל דורך פון זיין הויז אין גימנאַזיע. און אַט אין איינעם אַ ווינטער-אָוונט, אַרום 7 אַ זייגער, האָט זיך אַנטאָנאָוו געקליבן גיין אין גימנאַזיע אויף אַ לערער-ראַט. ווי אַלע מאָל איז ער אַרויס פון זיין הויף אין גימנאַזיע-גאָרטן אויף דעם וועג צו דער גימנאַזיע-צו. עס איז אַ זייער פראָסטיקער אָוונט, אַנטאָנאָוו הייבט אויף גייענדיק דעם ברייטן קאָלנער פון זיין ווינטער-פעלץ. פּלוצים האָבן זיך דערהערט פון הינטן האַסטיקע טריט פון אָנלויפנדע מענטשן. נאָך איידער ער האָט צייט געהאַט זיך אומצוקוקן, האָט מען אים פון הינטן אַ וואָרף געטון אַ גרויסע קאָלדרע איבערן קאָפּ, אומצייליקע הענט האָבן אים אַ וואָרף געטון אויף דער ערד, האָבן אים גלייך געשלאָגן מיט שטעקנס און געטרעטן מיט די פיס. פאַרדעקט פון דער קאָלדרע, האָט זיך אַנטאָנאָוו געשטיקט און נישט געקאָנט אַ קול אויפהייבן. שטום שווייגנדיק האָט מען אים פון אַלע זייטן געשלאָגן, און געטרעטן, גלייך ווי נישט מענטשן, נאָר אומהיימלעכע שדים זענען אים באַפאַלן. די קלעפּ האָבן זיך אויף אים געשאָטן האַסטיק ווי אַ שלאַקס-רעגן, אַז ער האָט ליגנדיק זיך נישט געקאָנט אַ דריי טון. פּלוצים האָט דער שלאַקס-רעגן אויפגעהערט, די אָנגעלאָפענע זענען ווי מיטאַמאָל פאַרשוואונדן. פון שרעק און פון ווייטיק איז ער אַ קורצע ווײַלע געבליבן ליגן אומבאַוועגלעך אונטער דער קאָלדרע. באַלד האָט ער זיך אויפגעזעצט, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קאָלדרע. צעטומלט, דערשראָקן און פאַרלוירן האָט ער זיך צוערשט שטום אַרומגעקוקט. אין אַ רגע אַרום איז ער אויפגע-

שפּרונגען און ערשט איצט אָנגעהויבן ווילד צו שרייען. אָבער דער גימנאַזיע-גאָרטן איז זייער גרויס און זיינע געשרייען פאַרלירן זיך איינזאַם אין דער פראָסטיקער נאַכט. איז ער פּלוצים אַנטשוויגן געוואָרן און געבליבן אומבאַוועגלעך שטיין.

אין גרויס צעטומלטקייט האָט ער גאָרנישט באַמערקט, אַז דער ווינטער-פּעלץ איז אים איינגאַנצן צעקנייטשט און האַלב אָפּגעשפּיליעט, און אַז דאָס היטל מיט דער קאָקאַרדע איז ביי אים משונהדיק פאַררוקט אָן אַ זייט. ס'נאָגט אים דער צעשלאָגענער קערפּער, אויף די פּלייצעס ברענען נאָך די האַסטיקע שמיץ. דערהויפּט האָט אָבער אים געשמערצט דער לינקער פוס, אויף וועלכן מ'האָט אַפּנים צו שטאַרק אָנגעטרעטן ביים אָנפאַל. ווי נאָר ער האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט, האָט אים פון לינקן פוס אַ קלאַפּ געטון אין מוח אַ מאָדנער שטאַרקער ווייטיק. ער איז אָבער דאָך געגאַנגען פאָרויס און טאַקע באַלד כּלומרשט פאַרגעסן אויף די שמערצן פון לינקן פוס. עס האָט, נעמלעך, אים איצט איינגאַנצן באַהערשט דאָס באַוואוסטזיין פון דער נאָר-וואָס איבערגעלעבטער שאַנד און דאָס האַרץ האָט אים פאַרקוועטשט פון שרעק און בושה. וואָס איז דאָ בלויז פאָרגעקומען? אַ געשלאָגענער הונט פילט זיך נישט אַזוי דערנידעריקט! נישט אַזוי די אומברחמנותדיקע קלעפּ, ווי די קאָלדרע איבערן קאָפּ און דער שטומער אָנפאַל האָבן אים אינערלעך געשטיקט און געריסן. ווי אַ פאַרלוירענער איז ער געגאַנגען אויף דעם קוים אויסגעטרעטענעם שמאָלן שטעזשקעלע, אין דעם שניי-פאַרשאָטענעם גימנאַזיע-גאָרטן. האָט ער נישט באַמערקט דאָס אָרט, וואו דאָס סטעזשקעלע פאַרקירעוועט לינקס, האָט זיך אויסגעגליטשט און געפאַלן מיטן פּנים אין שניי. קוים וואָס ער האָט זיך אויפגעהויבן און זיך אין שרעק געלאָזט גיין ווייטער, נישט קוקנדיק אויף דעם אומדערטרעגלעכן שמערץ פון דעם לינקן פוס. און אָט האָט ער טיפער איינגעהויקערט די פּלייצעס און גייענדיק אַלץ פאָרויס צו דער גימנאַזיע-צו, האָט ער זיך פּלוצלינג צעוויינט אויף אַ קול. ער האָט געוויינט מאָדנע קינדיש, טאַקע גאָר ווי אין די קינדער-יאָרן. ער האָט געפילט, אַז אין אים וויינט איצט דאָס זעלבע

אַכט־יעריקע ייִנגל, וואָס ווינטער נאָך אַ האַלבער נאַכט ראַנגלט ער זיך אין טויט־שרעק מיט דעם שיכּורן צעבושעוועטן פֿאָטער און אַנטלויפֿט ביינאַכט אויף אַלע מאָל פֿון דער היים. מאָוימדיק רויטלעך הילכן אים איצט אין די אויערן די דעכאַלטיקע פֿאַרצווייפֿלטע געשרייען פֿון דער מוטער: — אַנטלויף, אַנדריוּשענקאַ, אַנטלויף פֿון שטוב, דער גזלן וועט דיר נאָך דאָס לעבן נעמען...

אַלע וואונדן פֿון זיין געבראָכענער נשמה האָבן ביי אים איצט מיטאַמאָל אָנגעהויבן בלוטן. ווי אַ בליץ איז פֿאַר אים איצט דורכגעגאַנגען זיין גאַנץ לעבן ביי ווייטע קרובים, וואו ער האָט כּסדר געמוזט חנפֿהנען, קליאַנטשען, קיינמאָל נישט זיכער זיין פֿאַר דעם מאָרגן. און אַז ער איז געוואָרן זעלבשטענדיק, האָט זיך אין אים די אויף אייביק צעשראָקענע און אומזיכערע נשמה אָפּגעשלאָסן אין אַ שוואַרצער פֿאַרביסנקייט, וואָס מאַכט אים מיט יעדעס יאָר אַלץ עלנטער און איינזאַמער. ווי אַ צערייצטע חיה וואַרפֿט ער זיך אין לעבן אויף די אַרומיקע און ווערט דורך דעת אַלץ מער פֿאַרהאַסט און פֿאַרביטערט. איז ער איצט אַזוי דערנידעריקט און דערשלאָגן, אַז די נשמה דערפֿילט די שוואַרצע אָפּגרונטיקע פֿאַרלוירנקייט פֿון זיין פֿאַרקריפּלט לעבן און וויינט קינדיש אויף זיך אַליין, אויף איר אייביק עלנטן שמערץ. אַ רגע דאַכט זיך, אַז ער וואָלט איצט געקאָנט אויסוויינען אָט דעם גיפֿטיקן שמערץ, וואָס אַ שיכּורע האַנט האָט אַריינגעשניטן אין רעכטן מיטן פֿון זיין קינדער־נשמה און וואָס מאַכט אים אויף שטענדיק גיפֿטיק פֿאַר זיך און פֿאַר אַנדערע. נאָר גייענדיק פֿאָרויס האָט ער פּלוצים באַמערקט די בלוילעך ווייסע סילועטן פֿון דעם גרויסן מויער, וואָס קוקט שטום־אומבאַוועגלעך מיט די שוואַרצע פֿענסטער אין דעם פֿינסטערן גימנאַזיע־גאָרטן. בלויז פֿון די צוויי גרויסע פֿענסטער אין דעם לערער־צימער אונטן האָבן זיך באַוויזן פֿייערלעך. האָט זיך שוין, הייסט דאָס, די לערער־זיצונג אָנגעהויבן? די פֿייערלעך פֿון לייכטענדן צימער האָבן אים מיטאַמאָל ווי אויפֿגעוועקט און אַריינגעבראַכט גלייך אין זיין געוויינלעכער סטיכיע — אין איין רגע זענען פֿאַרשוואונדן די טרערן. ס'האָט זיך אין אים

פלוצלינג אויפגעכאַפּט זיין שטענדיק שוואַרצע פאַרביסנקייט, וואָס האָט אַרומגענומען ווי אַן אייזן־קאַלטער פּאַנצער זיין קרענק־לעך צאַפּלדיקע נשמה. פון די געררייצטע נערוון האָט זיך אַ שוואַרצער אימפּעט אין אים אויפגעהויבן. שוין איז ער ווידער אין כּעס אויף דער גאַנצער וועלט און קריצט פון אויפרעגונג מיט די ציינער. האָט ער האַסטיק פאַרריכט דעם ווינטער־פּעלץ, אַ צי געטון דאָס פאַרדרוקטע היטל מיט דער קאָקאַרדע און איז אַריינגעלאָפן מיט אַ רעש אין גימנאַזיע. ער האָט נאָר געעפנט די מאַסיווע טירן און אַריין אין וועסטיביול, איז ער אָנגעפאַלן מיט אַ ביטערן געשריי אויף אַנטאָן דעם שווייצאַר. אויף וואָס דאַרף מען אַ שווייצאַר און אַזויפיל דינער, פאַרברענט זאָלן זיי ווערן, אַז גזלנים דרייען זיך אַרום אין גימנאַזיע־גאָרטן ווי אין אַ מדבר און קיינער רופט זיך נישט אָפּ אויף טויט־געשרייען.

מיט יעדן וואָרט גייט אַנטאָנאָוו אַלץ מער אַריין אין דער רציחה און אָט הייבט ער שוין אויף די פויסטן אויף דעם שווייצאַר, וועלכער האָט זיך אין שרעק געטוליעט צו דער וואַנט.

נאָר אויף אַנטאָנאָווס געוואַלטן זענען די לערער און די־רעקטאָר אַרויס פון לערער־צימער. זיי האָבן קוים באַרויקט אַנטאָנאָוון און אים אַריינגעפירט אין לערער־צימער. דאָרט האָט ער דערציילט די גאַנצע מעשה פון דעם שוידערלעכן אָנפאַל, האָט זיך צעהיצט און געפאָדערט נישט מער און נישט ווייניקער, אַז מ׳זאָל אויסשליסן פון גימנאַזיע אַלע גימנאַזיסטן פון אַכטן קלאַס מיט אַ „וואָלפישן בילעט” (ד. ה., אַז זיי טאָרן מער נישט אויפגענומען ווערן אין קיין גימנאַזיע) און איבערגעבן זיי צו פּאָליציי.

האָט זיך דאָס אָנגעהויבן אַ שטורמישע זיצונג.

דער דירעקטאָר האָט ווי אַלעמאָל מורא געהאַט פאַר סקאַנ־דאַלן, וועלכע מען טאָר נישט צעשמירן, נאָר באַצייטנס צערייבן און דערשטיקן. אויך די לערער האָבן געטענהט, אַז וויבאַלד אַנ־טאָנאָוו האָט ניט געזעען די פּנימער פון די אָנפאַלער, קאָן מען

קיינעם נישט אויף געוויס באַשולדיקן, בפֿרט נאָך אַ גאַנצן קלאַס.

יורידיש און זאַכלעך קאָן מען קיינעם נישט כאַפּן און מען מוז דערפֿאַר דעם גאַנצן ענין טאַקטיש פֿאַרשווייגן.

אַנטאָנאָוו האָט זיך אָבער נאָך אַלץ געקאָכט און געקריצט מיט די ציין. האָט דער דירעקטאָר אַ זאָג געטון, אַז ס'איז אַ חוץ אַלעמען אַ לעבנסגעפֿאַר צו רייצן דאָס יונגע בלוט פֿון פֿאַרצווייפֿלטע גימנאַזיסטן, וועלכע קאָנען זיך פֿאַר קיין זאַך נישט אָפּשטעלן. מ'האָט שוין געזען אַזוינע זאַכן. ערשט פֿאַראַיאָרן האָט יערגעץ אין אַ שטאָט אַ גימנאַזיסט געשאָסן דעם אינספּעקטאָר פֿון גימנאַזיע און אַליין באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. דערהערט אַזוינע ווערטער, איז אַנטאָנאָוו מיטאַמאָל שטיל געוואָרן. דער לערער-ראָט איז אַריבערגעגאַנגען צו די ווייטערע ענינים פֿון דער זיצונג, איבערגעבנדיק אינגאַנצן דעם דירעקטאָר די טאַקטישע באַהאַנדלונגען פֿון דעם אינצידענט.

אויף מאָרגן איז אַנטאָנאָוו געקומען אין גימנאַזיע און מיט דער גאַנצער אומפֿאַרשעמטקייט פֿון אַ מענטש, וואָס איז געוואוינט צו געבן און באַקומען קלעפּ, איז ער אַריין אין אַכטן קלאַס, גלייך ווי ס'איז גאָרנישט געשען. כאָטש די גוליע אויף דער לינקער שלייף, דאָס לינקע אויער און באַק זענען געווען רויטלעך, עטוואָס אָנגעשוואָלן, האָט ער דאָך אויסגעזען מונטער, לעבעדיק-אויפגערעגט. ער האָט נישט געהאַלטן קיין גיפֿטיקע רעדעס, האָט אָבער זייער לעבעדיק דורכגעפֿירט זיין לעקציע, האָט זיך לייכט אָנגעבייזערט אויף אַן אומרויקן גימנאַזיסט. נאָר אין זיינע רייד און תּנועות האָט זיך געפֿילט די געשפּאַנטע האַלטונג פֿון אַ מענטש, וואָס וויל פֿאַרשרייען און טאַקע דורך דעם פֿאַרשווייגן אַ צו שווערע געשעעניש. ער האָט כּלומרשט נישט באַמערקט דעם באַהאַלטענעם שמייכל, וואָס האָט געפֿלאַטערט אויף די פּנימער פֿון אייניקע גימנאַזיסטן, וועלכע האָבן אָבער אויך דורך איבערגעטריבענעם ערנסט זיך געמאַכט נישט וויסנדיק. נאָר אינערלעך איז אַנטאָנאָוו געוואָרן נאָך מער דענערווירט און אומזיכער: ער איז איצט שטענדיק גרייט אויף אַ נייעם אָנפֿאַל און

טראָגט כּסדר אין קעשענע אַ געלאָדענעם רעוואָלווער. בײַ זיך אין שטוב נעמט ער קײנעם נישט אויף, אַ חוץ לערער און עלטע־רע פרײַנט. טאָמער קומט צו אים װער אַ פרעמדער, הײסט ער דער דינסט זאָגן, אַז ער איז נישטאָ אין דער הײם.

אין שטאָט האָבן זיך געטראָגן פאַרשידענע קלאַנגען װעגן דעם שוידערלעכן אָנפאַל, װאָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם אַלגעמײנעם אינטערעס צו די אומהײמלעכע שפּאַנונגען אין װײסן מויער. פון פּאָליצײ איז געקומען דער איספּראַװניק אַלײן אין גימנאַזיע. דער דירעקטאָר האָט אים אויפגענומען, אַ לאַנגע צײַט זיך מיט אים געסודעט און טאַקע אויסגעפירט, מ'זאָל דעם ענין אײַנגאַנצן צערײַבן.

באַזונדערס האָבן זיך אויפגערעגט די עקסטערנעס. זײ האָבן פאַרשטאַנען, אַז אַנטאָנאָװ װעט איצט אויסלאָזן זײַן שװאַרצן כּעס אויף די קעפּ פון עקסטערנעס, װעלכע פאַלן אויף די עקזאַמענס, װי שטומע קרבנות, און דערבײַ װאַגן זײ אפילו נישט אַ קול אויפצוהײבן. מיט יעדן טאָג האָבן זײ אַלץ קלאָרער דערפילט, אַז זײ װעלן הײַיאָר שטעלן זיך אין װײסן מויער צו עקזאַמענס אויף זײער אַ הײסן באָדן, װאָס װערט מיט יעדן טאָג אַלץ מער אָנגעגליט. נאָר אין אַ קורצער צײַט אַרום איז אומגעריכט אויס־געװאַקסן אַ מאָדנע פאַרבינדונג צװישן אַנטאָנאָװן און אײני־קע עקסטערנעס. אָט די אומגעריכטע שטאַרק טשעקאַװע פאַר־בינדונג האָט שיִער נישט אויפגעטרײסלט דאָס גאַנצע עקסטערן־װעלטל.

אַ פּאָר װאָכן נאָך יענעם אָנפאַל האָט עס אײנמאָל אין אָװנט געקלונגען אין דער פּאַראַד־טיר פון אַנטאָנאָװס הויז. דער שטוב־הונט האָט זיך מיט אַ בילן אַ לאָז געטון צו דער טיר. אַנטאָנאָװ האָט דורכן פענסטער פון זײַן קאַבינעט דערזען עפּעס אַ פרעמדן יונגנמאַן בײַ דער פּאַראַד־טיר אינדרויסן און האָט, װי אַלע מאָל, געהײסן די דינסט זאָגן, אַז ער איז נישטאָ אינדער־הײם. נאָר אָט האָט אַנטאָנאָװ בײַ זיך אין קאַבינעט באַלד דערהערט פון דער פּאַראַד־טיר הויכע קולות פון דער דינסט, אַ שטאַרק אויפגערעגט בילן, אַ קלײנע ראַנגלעניש. אַנטאָנאָװ האָט דײטלעך

דערהערט, ווי עמעצער האָט זיך מיט געוואַלט אַרייַנגעשטופּט. האָט ער אַרויסגעכאַפּט דעם רעוואָלווער פון קעשענע און האָט אַנטשלאָסן ברייט געעפנט די טירן פון קאַבינעט אין פּאָדערצימער. זבּטאָנאָוו האָט זיך אָבער באַלד אָפּגעשטעלט אויף דער שוועל און פאַרשעמט אַרייַנגעלייגט דעם רעוואָלווער אין קעשענע. כאַפּנדיק דער ערשטן בליק אויף דעם אַרייַנגעקומענעם, האָט זיך אַנטאָנאָוו נישט ווילנדיק צעלאַכט. אַזוי אומבאַהאָלפן לעכערלעך האָט אויסגעזען דעם אַרייַנגעקומענער פאַרשוין. אַ קורץ-געוויקסיק אייַנגעהויקערט בחורל אין אַ שטאַרק אָפּגעריבענעם, עטוואָס צעכראַסטעטן פּאַלטאָ, מיט דעם אַראָפּגענומענעם היטל אין דער האַנט. ווי אַ האָז געפאַנגען אין מיטן פעלד, זעט ער אויס פאַרוואונדערט, דערשראָקן און פאַרשעמט. אויף דעם קלייַנעם פּנים אונטער דעם פליכעוואַטן שטערן בלאָנדזשען זייַנע בלויע צעשראָקענע אויגן, וואָס האָבן דעם אויסדרוק פון אַ מענטש, וועלכן מ'וועט באַלד אַרויסשליידערן און ער וויל דערווייל עפּעס אויף גיך אַרייַנזאָגן.

— וואָס דאַרפט איר? ווער זענט איר?

אויף דעם קלייַנעם פּנים האָט זיך מיטאַמאָל באַוויזן אַ שמייכל. ער האָט אָנגעהויבן רעדן אויף גיך מיט דעם גאַנצן אימפּעט פון פאַרלוירענער בושה, וואָס איז אַרויס פון די ברעגעס און איז אין איר פאַרלוירנקייט שוין גרייט אַלץ צו פאַרפלייצן.

— מייַן נאָמען איז באַביצקי, אַן עקסטערן. דער נאָמען זאָגט אָבער לחלוטין גאָרנישט, — פאַרשטייט איר. דער גרעסטער גובערנאַטאָר מוז אַרייַנלאָזן צו זיך כאָטש אַ שעה אין וואָך מענטשן מיט בקשות. און אַז ער וואָלט נישט אַרייַנגעלאָזט צו זיך, וואָלט מען זיך מיט געוואַלט צו אים אַרייַנגעשטופּט. פאַר מיר זענט איר גרעסער ווי אַ גובערנאַטאָר, און אַז מען לאָזט נישט אַרייַן צו אייַך, מוז מען זיך אַרייַנשטופּן. און אַז מ'האָט זיך שוין אַרייַנגעשטופּט, וועט איר אפשר לאָזן דערציילן פאַר אייַך אַ פּאָר ווערטער. טאַקע נאָר דערציילן, כ'בעט אייַך, זאָגט מיר נישט אָפּ. כ'בעט אייַך...

אַנטאָנאָוו האָט קיין אויג נישט אַראָפּגענומען פון אָט דעם משונה־צאַפּלדיקן איינגעהויקערטן בחורל, וועלכער האָט אים א בערראַשט, פאַראינטערעסירט און עפעס אינערלעך באַרירט מיט אָט דעם מאָדנעם אונטערטעניק־חוצפּהדיקן אימפּעט. באַביצקי האָט עס דערפילט און, נישט געוואַרט אויף אַן ענטפער, איז ער גלייך אַריין אין קאַבינעט. און אַזוי ווי ער איז דאָך נישט געווען גאַנץ זיכער, אַז מ׳זאָל אים באַלד נישט אַרויסוואַרפן, האָט ער זיך גלייך געזעצט אויף אַ שטול ביי דער זייט פון שרייבטיש, און מיט דער גאַנצער פאַרצווייפלטער חוצפּה פון אינערלעך־פאַרלוירענער בושה האָט ער זיך קרעפטיק גלייך אַ לאָז געטון אין אַ שטראָם פון שאַרפע קורצע רייד און מיט ענערגישע פלוצימדיקע ווענדונגען האָט ער אַרומגערינגלט, געכאַפּט און פאַרכאַפּט.

אַנטאָנאָוו האָט לאַכנדיק זיך געוואונדערט, דערפילנדיק די פאַרכאַפּנדיקע ווירקונג פון אָט דער, דאַכט זיך, פאַרלוירענער אומבאַהאָלפנקייט.

ערשט איצט ביי דעם נאָענטן שיין פון טיש־לאָמפּ האָט אַנטאָנאָוו באַמערקט, אַז ביי באַביצקין איז דער פליכוואַטער קאָפּ באַדעקט מיט קליינינקע ווייסלעך־פלאַקסענע הערעלעך. די זעלבע הערעלעך, נאָר עטוואָס בולטער, באַדעקן באָרד און וואָנסעס. ווי ביי זייער נערוועזע מענטשן, שטייט אים אויפן פּנים אַ שטאַרק באַוועגלעכע רויטקייט, וואָס אָט צעגיסט זי זיך ווי אַ כוואַליע איבערן קאָפּ, פּנים און האַלז ביז סאַמע אַראָפּ און אָט גייט זיך די רויטקייט צונויף און בלייבט שטיין ווי אַ פלעק ערגעץ־וואו אויפן פּנים אָדער קאָפּ. און, שוין זיצנדיק ביי דעם שרייבטיש, האָט ער נאָך אַלץ געהאַט דעם אויסזען פון אַ דערשלאָגענעם, נאָך וועלכן מ׳לויפט ערגעץ נאָך און אָט־אָט וועט מען אים כאַפּן. די דאָזיקע אַראָפּגעפאַלנקייט האָט אים אָבער ווי פאַרשיפורט און אַריינגעטריבן אין אַזאַ אימפּעט, אַז ער האָט שוין ביי די ערשטע רייד טאַקע איבערגעכאַפּט די מאָס.

— פאַרשטייט איר, כ׳בין גרייט, מ׳זאָל מיך יעדע מינוט אַרויסוואַרפן און טאַקע דערפאַר וועט איר מיך אפשר נישט אַרויס־

וואַרפֿן. כ׳זע אויס אַזוי דערנידעריקט, אַז זעלטן ווער ס׳האָט דעם מוט מיך נאָך מער צו דערנידעריקן, כע=כע=כע... דאָס איז דאָך מיין איינציק געווער. פֿאַרשטייט איר, אויף דעם אַכטן לעבנס=יאָר איז ביי מיר געשטאָרבן דער פֿאָטער. מיין מוטער איז געבליבן אַן אלמנה, מיט זעקס קליינע קינדער; כ׳בין דער עלטסטער, האָב זיך אויפֿגעהאָדעוועט אין אַן אָרימען קעלער. האָב איך מיר דורכגעטרעטן אַ וועג מיט דער געפֿערלעך שאַרפֿער שווערד פֿון אַראָפּגעפֿאַלנקייט. אַז מ׳שלאָגט מיך אויף דער רעכטער באַק, שטעל איך אונטער אַזוי לאַנג און אַזוי געדולדיק די לינקע באַק, ביז יענער פֿאַרלירט דעם מוט און פֿאַלט פֿאַר מיר אַראָפּ, כע=כע=כע... דאָס איז דאָך אייגנטלעך דאָס גרויסע עוואַנגעלישע געבאָט, וואָס קריכטן האָבן ליב צו לייענען אין עוואַנגעליע און וואָס אַזוינע יידן, ווי איך, האָבן עס תּמיד דורכגעפֿירט אויף זייערע פּלייצעס נאָך איידער מ׳האָט דאָס געבאָט אויפֿגעשריבן. און... ביי די לעצטע ווערטער האָט אַנטאָנאָוו פּלוצים אויפֿגעפֿלאַקערט, אַ בלישטשע געטון מיט די אויגן און זיך אַ וואָרף געטון מיט אַ ווילדן געשריי:

— וואָס פּלאַפּלט איר, משוגענער! וואָס פֿאַר אַ שוואַרצער טייוול האָט עס אייך אַהערגעבראַכט צו רעדן וועגן קריסטן, איר, אייביקע בלוט=צאַפּערס פֿון די קריסטן, האָט נאָך אַ העזה אַ מויל צו עפֿענען! אַרויס פֿון מיין שטוב, מנוול, אַרויס...

באַביצקי איז דערשראָקן אויפֿגעשפּרונגען פֿון שטול. צוערשט האָט זיך אַ געדיכטע רויטקייט צעגאָסן איבער זיין פּנים און האַלז ביז סאַמע אַראָפּ. אין אַ רגע אַרום איז ער אָבער בלאַס געוואָרן ווי קאַלך, נאָר די לינקע באַק האָט ביי אים געפֿלאַמט און די אונטערשטע ליפּ האָט קרעמפּנדיק אַראָפּגעהאָנגען. ער האָט מיט דעם גאַנצן לייב געציטערט. אָט-אָט פֿאַלט ער אום. האָט ער שוין אַזוי אויסגעזען, אַז ביי אַנטאָנאָוון האָט פֿאַרכאַפּט דאָס האַרץ. אַ קאָנוואולסיווער ציטער איז דורכגעלאָפֿן אויף באַביצקיס טויטבלאַס פּנים און אַנטאָנאָוו האָט מורא געהאַט, אַז מיט דעם קרענקלעכן יונגנמאַן זאָל דאָ עטוואָס נישט פּאַסירן, האָט אַנטאָנאָוו אַליין

אַוועקגעזעצט באַביצקין אויף אַ שטול: — וואָס איז מיט אייך? באַרויקט זיך...

ער האָט צוגעטראָגן באַביצקין אַ גלאָז קאַלט וואַסער. יענער האָט עטוואָס אַ זופּ געטון און איז פּאַמעלעך געקומען צו זיך. ערשט איצט האָט אַנטאָנאָוו קלאָר דערפילט, אַז באַביצקיס פאַריתומט אויסזעען וועקט אין אים עלנטע בילדער פון זיינע אייגענע קינדער־יאָרן און דריינגט אים דורך, אַנטאָנאָוון, אין די סאַמע צאַפּלדיקע נשמה־ווינקעלעך.

— דערציילט איצט קורץ, וואָס איר דאַרפט, נאָר אָן הקדמות. וואָס איך קאָן טון נאָר, וועל איך פאַר אייך טון...

— די זאַך איז, קורץ געזאָגט, אָט אַ וועלכע. כ׳בין נישט קיין היגער און בין געקומען אַהער זיך עקזאַמינירן פאַר אַכט קלאַסן. די זעלבע עקזאַמענס האָב איך געהאַלטן פאַראַיאָרן אין אַן אַנדערע גימנאַזיע און בין דורכגעפאַלן. איך האָב אָבער נישט מער קיין צייט און קיין כּוח זיך אַרומצוואַלגערן איבער גימנאַזיעס און מוז הייַנטיקס יאָר דורכמאַכן די עקזאַמענס. כ׳האָב אויסצוהאַלטן אַ מאַמען מיט קינדער און מוז אַליין פאַרדינען אויף ברויט. דערצו גייען מיר פּשוט אויס די כּוחות פון אַרבעט און אויפרעגונג. דער דאָקטאָר האָט מיר נעכטן אויסגעהערט די לונגען און געזאָגט, אַז... (ביי אים האָבן פּלוצלינג אַ צוק געטון די ליפּן, ער האָט זיך פאַרכלינעט און געשטיקט פון די רייד, נאָר אין איין רגע האָט ער זיך באַהערשט, איז רויט געוואָרן און געזאָגט ווייטער:) בקיצור, איך מוז אויסהאַלטן הייאָר די עקזאַמענס — און גאָר.

אויב מען דאַרף, וועל איך אַ גאַנצע שאַפע ביכער אַרייננקלאַפּן אין מוח.

מיר, עקסטערנעס, דערוויסן זיך ביי גימנאַזיסטן, וועלכע פאָדערונגען און קאַפּריזן יעדער גימנאַזיע־לערער האָט, און אַזוי אַרום גרייטן מיר זיך צו די עקזאַמענס. נאָר איר, אַלס לערער פון רוסישער שפּראַך און ליטעראַטור, פאַרלאַנגט, זאָגט מען, נישט נאָר קענטעניש, נאָר אויך מ׳זאָל וויסן דעם „גייסט" פון דער רוסישער שפּראַך און האָבן אַן „אמתן" רוסישן אַקצענט.

דאָס זענען אָבער זאַכן, וואָס לאָזן זיך נישט באַשטימען און מ׳קאָן זיך צו דעם נישט גרייטן...

— וואָס־זשע ווילט איר ?

— איז די מעשה אַזוי : וואָלט איך געווען אַ רייכער בחור, וואָלט געווען שלעכט. איר זענט אַ גימנאַזיע־לערער, אַ גרויסער מענטש, און וועט פאַר קיין געלט נישט געבן קיין פריוואַט־שעהן אַ פרעמדן בחור, אַן עקסטערן. נאָר אַזוי ווי איך בין אָרים און דערצו נאָך זייער דערשלאָגן — וועט איר מיר געבן אומזיסט צוויי מאָל אין וואָך פריוואַט־שעהן און איר אַליין וועט מיך גרייטן צו עקזאַמענס...

— איר זענט משוגע ? — אַנטאָנאָוו האָט זיך צעלאַכט אויף אַ קול.

— אַז איך וואָלט נישט געווען משוגע, וואָלט איך נישט האָבן דעם מוט צו אייך צו קומען. אַלע יונגעלייט האָבן פאַר אייך מורא, נאָר איך ווער פאַר קיין זאַך נישט נתפעל. אַ נישט, וואָלט איך שוין אויף דער וועלט נישט געווען. נישקשה, איר מעגט מיר, דעם אָרימסטן און שוואַכסטן, טון אַ טובה. דאָס וועט אייך אַליין נישט שאַדן. איר וועט זיך דורך דעם שאַפן אַ קליינעם אינזל פון גוטמוטיקייט אויף דעם ים פון אַלגעמיינער אומצופרידנקייט קעגן אייך. דער אַפעטיט קומט מיט דעם עסן, און טוענדיק גוטס מיר, וועט איר ווערן אויך גוט צו אַנדערע. אייגנטלעך, וואָלט איר נאָך מיר געדאַרפט צוצאָלן. זייט נישט אין כעס, כ׳נעם שוין צוריק מיינע ווערטער. ווייסט איר, דער באַלעבאָס פון מיין דירה איז אַן אַרענדאַטאָר ביי גראַף קוזניצקי, האָט ער דערציילט דעם גראַף וועגן מיר און יענער האָט געהייסן, איך זאָל אין זיין נאָמען גיין צו אייך. אויב איר ווילט, וועט אייך דער גראַף שיקן אַ בריוול...

גראַף קוזניצקי איז דער רייכסטער גוט־באַזיצער אין דער געגנט, און אַ מענטש פון גרויסן יחוס און איינפלוס. אַ בריוול פון אַזאַ מענטש איז גאָרנישט קיין קלייניקייט. אַנטאָנאָוו האָט אַ ווײַלע אַ קלער געטון און אַנטשלאָסן געזאָגט :

— נו, גוט, אויב איר וועט מיר ברענגען אַ בריוו פון דעם

גראַף, וועל איך אייך געבן פּריוואַט-שעהן. דערווייל אָבער זאָל אַ סוף נעמען צו אייערע רייד. אַזאַ טייוול ווי איר, טאָר מען אייגנטלעך אויף דער שוועל נישט אַרויפלאָזן...

די לעצטע שאַרפע רייד האָט אַנטאָנאָוו אָבער אַרויסגעזאָגט האַלב-לאַכנדיק, גוטמוטיק און כמעט פריינטלעך, איבערראַשט און פאַרכאַפּט פון באַביצקיס אומגעווינלעכע רייד, וועלכע האָבן אים ווי שפּין-געוועב אַרומגעוויקלט. באַביצקי האָט דערפילט, אַז ער האָט איצט אַ געוויסע שליטה אויף אַנטאָנאָוון. ער איז איצט געווען בלאַס. נאָר די אויערן האָבן אים געפלאַמט. איז ער נערוועז אויפגעשטאַנען און זיך גלייך צוריקגעזעצט אויפן עק שטול, ווידער גרייט אַרויסגעוואָרפן צו ווערן און טאַקע דורך דעם ווידער נאָך מער באַוואָפנט מיט טייוולאָנישער חוצפה פון נישט האָבן וואָס אָנצווווערן.

— טוט וואָס איר ווילט, כ'מוז אייך נאָך אָט וואָס זאָגן. צווישן די עקסטערנעס זענען פאַראַן צוויי מאָדנע פאַרשוינען. איינער הייסט ליובינסקי, אַן אויסערגעוויינלעכער קאָפּ. ער האָט שוין אַן אַטעסטאַט פאַר אַלע אַכט קלאַסן און עקזאַמינירט זיך היי-יאָר נאָכאַמאָל, כדי צו פאַרבעסערן זיין אַטעסטאַט. אַן אייזערן געדולד, אַ? הערט-זשע אָבער ווייטער. דער צווייטער פאַרשוין הייסט מינדלין, מען רופט אים אויך „דער אייביקער עקסטערן”: ער האַלט היי-יאָר דאָס זעקסטע מאָל עקזאַמענס. פינף מאָל איז ער, הייסט עס, שוין דורכגעפאַלן און — גאָרנישט! ווען כ'וואָלט האָבן גרעסערע האָר, וואָלטן זיי זיך געשטעלט קאַפּויער. אַזוינע מענטשן טאָרן נישט מער דורכפאַלן. כ'בעט אייך רחמים, איר זאָלט זיי ביידע דערלויבן קומען מיט מיר צוזאַמען אויף דער פּריוואַט-שעה צו אייך אַון...

— איר וועט דאַנקען דעם אייבערשטן, — האָט אַנטאָנאָוו לאַכנדיק געזאָגט, — אַז איך וועל אייך אַליין נישט אַרויסטרייבן. ברענגט דאָס בריוול וועלן מיר זען. און איצט גייט אייך געזונטערהייט און לאָזט מיך שוין צורו...

די מעשה מיט דעם בריוול איז געווען פּשוט אַ גוזמא. גראַף, אַ גוטער מענטש, האָט אויף דער בקשה פון זיין

אַרענדאַטאָר דערלויבט באַביצקין טאַקע גיין אין זיין נאָמען צו אַנטאָנאָוון, האָט אָבער קיין וואָרט וועגן אַ בריוו נישט געזאָגט. נאָר אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט זיך באַביצקי אַליין דערשלאָגן צום גראַף, האָט ווי אַלע מאָל, מיט זיין חוצפּהדיקער פֿאַרלוירנקייט געמאַכט אַ טיפֿן איינדרוק און באַקומען פֿון דעם גראַף אַ בריוו צו אַנטאָנאָוון. מיט דעם גראַפֿס בריוו אין דער האַנט האָט באַביצקי אויסגעפֿירט ביי אַנטאָנאָוון, דאָס ער מיט ליובינסקין און מינדלינען האָבן אָנגעהויבן קומען צו אים צוויי מאָל אַ וואָך אויף פּריוואַט־שעהן. דאָס האָט אָבער געפֿירט צו אומגעריכטע געשעענישן, וואָס האָבן געוועקט הייס בלוט.

ווי אַ בליץ האָט זיך די ידיעה וועגן דידאָזיקע פּריוואַט־שעהן צעשפּרייט צווישן די עקסטערנעס און אַרויסגערופֿן גרויס טומל און אויפֿרעגונג. ווי פֿון אַ באַלאַגערטער, פֿאַרהונגערטער שטאָט וואָלטן שוואַכע מענטשן בגנבֿה אַריבערגעקראָכן די פֿעסטונג און באַקומען פֿאַר זיך אַ שטיקל ברויט פֿון דעם שונא, אַזוי האָבן אויסגעזעען באַביצקי און די אַנדערע צוויי, וואָס האָבן אונטער די פּלייצעס פֿון זייערע חברים אַרויסבאַקומען פֿאַר זיך אַ פֿאַרבינדונג מיט אַנטאָנאָוון, דעם פֿאַרביסנסטן שונא פֿון יידישע עקסטערנעס.

פֿיל האָבן געקריצט מיט די ציין פֿון כּעס און אויפֿרעגונג. אַלע האָבן אָבער באַלד געמוזט איינזעען, אַז באַביצקי און די אַנדערע צוויי זענען, יעדער אויף זיין שטייגער, אין אַן אויסערגעוויינלעכער לאַגע און פֿאַרדינען, מ'שטיינס געזאָגט, די צווייפֿלהאַפֿטע פּריווילעגיע פֿון אַנטאָנאָווס פּריוואַט־שעה. ערשט שפּעטער האָבן אויסגעבראָכן טרויעריקע קאָנפֿליקטן, וואָס האָבן אַלעמען אויפֿגערודערט. דערווייל האָט זיך אַלעמענס כּעס געשטילט אויף דורכדעם, וואָס די גאַנצע זאַך א ז פֿאָרגעקומען דורך באַביצקין, אויף וועלכן מ'קאָן דאָך אייגנטלעך קיין פֿאַראיבל נישט האָבן. ער האָט תּמיד געוועקט ביי אַלעמען אַ געמישט געפֿיל פֿון שפּאָט און באַוואונדערונג, רחמנות און דרך־ארץ. ער לאָזט פֿון זיך לאַכן און מאַכט זיך צום נאַר, אָבער

אין אים שפּרודלט אומאויסשעפּלעך אַ טייוולאָניש־קריכערישע ענערגיע, וואָס מאַכט אים אומהיימלעך.

די חברים פֿון זיין געבורטס־שטאָט ווייסן צו דערציילן טשעקאַווע זאַכן פֿון זיין לעבן. אין די פֿריִע קינדער־יאָרן, דערציילט מען, האָט ער אַזוי לאַנג און שווער געקרענקט, דאָס די מוטער זיינע פֿלעגט זיך אויסשלאָגן פֿון די כּוחות און פֿון גרויס יסורים האָט זי נישט איינמאָל געבעטן אויף אים דעם טויט. און כּמעט ביי יעדער קרענק, ווען מ׳האָט שוין געמיינט, אַז אָט־אָט שטאַרבט ער, פֿלעגט ער זיך אומגעריכט אַרויסדראַפּען פֿון טויט.

האָט אים די מוטער געהאַלטן פֿאַר אַ „קלעפּיק” ייִנגל — ער „קלעפּט” זיך אַזוי פֿעסט צום לעבן, דאָס קיין קרענק, קיין אומגליק קאָן אים פֿונם לעבן נישט אַרויסרייסן.

אויף דעם עלפֿטן לעבנס־יאָר האָט די מוטער, שוין אַ דערשלאָגענע אלמנה, אים אָפּגעגעבן אין אַ קראָם פֿאַר אַ לויף־ייִנגל. אַ קורצער, אַ דאַרער, מיט בלויִע דערשראָקענע אויגן אויף אַ בלאַס קרענקלעך פּנים, מיט קאָמיש צאַפּלדיקע תּנועות, וועקט ער מיטלייד און גוטמוטיקן שפּאַס ביי די אַרומיקע. ער איז אָבער דערביי אַזוי פֿלינק און רירעוודיק־קלעפּיק, דאָס נישט נאָר ביי זיין באַלעבאָס, דעם קרעמער, נאָר אויך ביי די שטענדיקע קונדן רייסט ער אַרויס ביי יעדער געלעגנהייט אַ זייטיק פֿאַרדינסטל. און שוין נאָך די ערשטע חדשים האָט ער אָנגעהויבן ברענגען אַ ביסל געלט אַהיים פֿאַר דער אָרימער מוטער, ווי אויך אָפּשפּאָרן פֿאַר זיך אַליין אַ קאָפּיקע. איז אָבער באַביצקי פֿול מיט פּלענער און קאָן נישט רוען.

שפּעט אין אָוונט, ווען מען פֿאַרמאַכט די קראָמען, נעמט ער אומזיסטע פּריוואַט־שעהן ביי רייכע, לערנט נאָכדעם אַליין ביז נאָך האַלבער נאַכט. איז אים דאָס נאָך ווייניק — לערנט ער שבת אַ בלעטל גמרא ביי זיינס אַ פֿעטער אַ מלמד, שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן צו נעמען אַלע שבת־צו־נאַכטס אַן אומזיסטע שעה ביי אַ העברעיִשן לערער. צו זעכצען יאָר איז געקומען די איבערקערעניש אין זיין לעבן. ער האָט דעמאָלט גענומען אין

קראָם אורלויב אויף אַ חודש, אָפּגעגעבן די פּאַפּירן אין גימנאַזיע און אויסגעהאַלטן עקזאַמענס פאַר פיר קלאַסן. גלייך דערנאָך איז ער אַרויס אײַנגאַנצן פון קראָם און געוואָרן אַן עקסטערן. ער גיט פּריוואַט־שעהן אין באַלעבאַטישע הײַזער, פון וואָס ער איז מפרנס זיך און די מוטער מיט די קליינע ברידערלעך און שוועסטערלעך. אַליין לערנט ער מיט אַן אויסערגעוויינלעכן פלייס און רוקט זיך מיט געוואַלט פאָרויס.

אין אַ שווערער צייט, ווען, למשל, אין פאַמיליע ווערט עמעצער קראַנק און מ'דאַרף האָבן עקסטרע געלט אָדער ווען ער מוז פאָרן אין אַ צווייטער שטאָט צו עקזאַמענס און ס'פאָדערן זיך גרויסע הוצאות — ווערט באַביצקי נישט נתפעל.

אין זײַן געבורטס־שטאָט פלעגט מען זיך אָפט גלייכווערטלען וועגן די אַזויגערופענע „באַביצקיס הלוואות".

אין אַ שווערער צייט, למשל, גייט אַרײַן באַביצקי צו אַ רײַכן יידישן סוחר אין געשעפט, לייגט אים ערנסט פאַר אַנטלייען פערציק רובל, וואָס ער, באַביצקי, וועט באַצאָלן מיט פּראָצענט, ווען ער וועט ענדיקן דעם אוניווערזיטעט. „ווען איך וואָלט אײַך געבן, זאָגט ער צום סוחר, אַ מויער אין משכון, וואָלט איר מיר דאָך געליען. אָבער גיכער וועט אָפּברענען אַ מויער, איידער איך וועל נישט ענדיקן אוניווערזיטעט". פאַרשטייט זיך, אַז דער סוחר לאַכט זיך אויס. לאָזט אָבער באַביצקי נישט אָפּ. ער ווערט רויט און בלאַס, נאָר די אויערן הערן נישט אויף צו פלאַמען. און מיט דער גאַנצער קריכערישער חוצפּה פון אײַנערלעכער פאַרלוירנקייט וויקלט ער אַזוי אַרום דעם סוחר, ביז ער באַקומט ווייניקסטנס די גרעסערע העלפט פון דער געבעטענער סומע.

באַביצקיס „הלוואות" האָבן קונה שם געווען.

קומענדיק אַהער אין שטאָט צו עקזאַמענס האָט ער שוין אויף זײַן שטייגער באַוויזן צו באַקומען אַ פרישע „הלוואה" ביים באַנקיר לעווענשטיין. גאָט ווייסט ווי אַזוי די עקסטערנעס האָבן זיך וועגן דעם דערוואוסט און זיך געהאַלטן ביי די זייטן לאַכנדיק. מ'האָט אין אַ גלייכווערטל דערציילט: באַביצקי דערלאַנגט דעם דירעקטאָר פון גימנאַזיע די פּאַפּירן צו עקזאַמענס און אַז

יענער ווערט אין כּעס, מאַכט באַביצקי ביי אים אויף גיך אַ... הלוואה. כּמעט אַלע עקסטערנעס האָבן נישט געקאָנט קוקן אָן אַ שמייכל אויף באַביצקיס קאָפּ. די מעשה איז אַזוי. באַביצקי, וועלכער האָט נאָך קינדווייז זייער פיל געקרענקט און דאָס גאַנצע לעבן געקאָכט און געזאָטן, האָט ביי זיין גאַנצער טייוולאָנישער ענערגיע אויסגעזעען קרענקלעך. אויף דעם צוואַנציקסטן יאָר זענען אים די האָר אויסגעפאַלן. איז ער געלאָפן פון דאָקטאָר צו דאָקטאָר, באַקומען און געפּרוווט אַלערליי רפואות, כּדי אויסצוהיילן דעם פליכעוואַטן קאָפּ. יעדע נאַכט פאַרן שלאָף רייבט ער, וואַשט און שמירט דעם קאָפּ מיט פאַרשידענע רפואות. מאַכט מאַסאַזש, טוט אַלערליי אַנדערע מיטלען. אין משך פון אַ לערן קורצער צייט האָבן זיך טאַקע באַוויזן ביי אים אויפן קאָפּ קליינינקע פלאָקסענע — ווייסע הערעלעך, וואָס האָבן עטוואָס לעכערלעך אויסגעזעען, ווי אַ מין ווייסער מאָך. פלעגן עקסטערנעס לאַכנדיק זאָגן, אַז ווען באַביצקין וואָלט זיך נאָר פאַרוואָלט, וואָלט ביי אים אויף אַ שטיין אַרויסגעשפּראָצט אַ באָרד. פאַרשטייט זיך, אַז עקסטערנעס האָבן זיך אויך איצט מער געוואונדערט און געלאַכט, ווי פאַראיבל גענומען, וואָס אָט דער באַביצקי האָט מיט זיין טייוולאָניש קריכערישער ענערגיע איינגעבויגן אַזאַ ווילדן נפש, ווי אַנטאָנאָוון. האָבן אָבער באַלד אומגעריכט אויסגעבראָכן טרויעריקע קאָנפליקטן, און אָט ווי אַזוי.

כאָטש אפילו ס'זענען געווען אַרום צוויי הונדערט עקסטערנעס, זענען די מיינסטע פון זיי געווען חבריש פאַרבונדן, האָבן איינע די אַנדערע געליען ביכער, זיך געטיילט מיט זאָרגן און האָפנונגען, דערהויפּט מיט פרישע ידיעות וועגן די געשעענישן אין גימנאַזיע, וועגן די לערער דאָרט און זייערע פאָדערונגען. אַ הויז דעם האָבן עקסטערנעס ליב איינע די אַנדערע צו פאַרהערן. מ'פאַרלירט נישט קיין צייט, יעדע רגע איז טייער. און ווען מ'גייט, למשל, פון דער גימנאַזיסטישער קאַנצעלאַריע אָדער מ'טרעפט זיך אַזוי אין גאַס, שטעלט מען גייענדיק איינע די אַנדערע פראַגן פון די למודים און אַזוי אַרום פרישט מען אָפּ אין מוח דאָס איינגעחזרטע. און טאָמער פאַלט אַריין אַ ספק און

ס'ווערן הלוקי־דעות, געפינט זיך ביי דעם אָדער יענעם עקסטערן אין קעשענע אַ ביכל, וואָס מ'נעמט צרויס גלייך דאָ אויף דער גאַס און מ'קוקט נאָך מיט אימפּעט, ווער ס'איז גערעכט.

פון צייט־צו־צייט קלייבן זיך צונויף חברה עקסטערנעס אין צווּנט ביי איינעם אַ חבר אויף אַ צוזאַמענשמועס. ס'הייבט זיך אָן אַ פייערדיקע שיסעריי פון קעגנזייטיקע פראַגן, מיט וועלכע מ'נעמט דורך סיסטעמאַטיש גאַנצע שטיקער פון דעם קורס. לחלוטין נישט אַלע קומען אויף אַזאַ צוזאַמענשמועס, העכסטנס זענען דאָס אַרום פערציק־פופציק עקסטערנעס. ס'זענען פאַראַן נישט ווייניק פאַרקאָכטע מתמידים, וואָס ווילן נישט צוליב אַ שמועס זיך אָפּרייסן פון ביכל, אָדער סתם בעל־גאוהניקעס, עמפּינדלעכע מענטשן, פאַרשעמטע נאַטורן, וואָס האָבן בכלל ליב צו טון שטענדיק פאַר זיך. מאַכט זיך אַזאַ מעשה. דער עקסטערן מאַניע טאַלצינער, אַ גבירישע זונדל, וואָס האָט ליב געהאַט מער צו לעבן ווי צו לערנען, האָט געוואוינט אין אַ גרויס שיין הדר און גענומען באַצאָלטע שעהן ביי באַביצקין, וועלכער פלעגט אים איינפּויקן די „מאָדנע" ביכלעך. און כאָטש ער איז רייך געקליידט, טראָגט אַ ווייסע מאַנישקע מיט אַ פאַרביקן שניפּס, אַ שיינעם קאָטינקענעם פעלץ, איז שטענדיק גלאַט־ראַזירט און זיינע פיינע בלויע אויגן אויף דעם ראָזן פרישן פּנים קוקן גבירישדיק־טעמפּ — איז ער אָבער געווען אַ גוטער ברודער, אַ ברייטע נאַטור, האָט זיך חבריש געריבן צווישן די עקסטערנעס, אַלעמען געליען ביכער, פלעגט זיך אפילו גאַנץ חבריש אַליין אָנשלאָגן מיט אַ גמילות־חסד. עקסטערנעס אין גרויע און שוואַרצע טוזשורקעס האָבן זיך טאַקע געפילט מיט אים היימיש, חבריש און אויף יעדן צוזאַמענשמועס פלעגן זיי זיך באַמיען דורכצולופטערן זיין עטוואָס איינגעשלאָפענעם מוח.

און אָט האָט מאַניע טאַלצינער אַלעמען איינגעלאַדן אויף דעם נאָענטן צוזאַמענשמועס צו זיך אין וואוינונג, וואו ער וועט דערביי אויך געבן אַ שיין גלאָז טיי מיט פאַרבייסן. ווייסן אַלע, אַז מאַניע איז אַ גרויסער עולם־הזהניק און אין זיינע רייד פילט זיך, אַז ער קלויבט זיך מאַכן אַ גאַנצן יום־טוב. עקסטערנעס

פאַרלירן אָבער נישט קיין צייט און האָבן מורא מ׳זאָל נישט פטרן אַן איבעריקע פּאָר שעה. טענהט מאָניע, אַז ער מיינט בפירוש אַן ערנסטן צוזאַמענשמועס, נאָר אָנשטאָט צו טרינקען טיי אין דער היים, זאָל מען טרינקען ביי אים. וואָס איז די נפקא-מינה? און טאָמער וועט מען דערלאַנגען צו טיי פרישע אייערדיקע בייגל, צעגייען זיי זיך אין מויל און נעמען נישט אָפּ קיין צייט. דאָס לייגט זיך אויפן שכל. עקסטערנעס לאָזן זיך איינשמועסן און זענען בדיעבד צופרידן אַ כאַפּ טון אַמאָל אויף טשעקאַוועס אַ גוטן ביסן. פאַרקערט, די פייערלעכע איינלאַדונג האָט צוגעצויגן אפילו אַזוינע, וואָס קומען מיינסטנס זעלטן צו אַ צוזאַמענשמועס.

נישט אומזיסט האָט מאָניע אָפּגענומען ביי זיין באַלעבאָס דעם גרויסן זאַל אויף שבת אָוונט. אַרום ניין אַ זייגער אין יענעם אָוונט זענען זיך צונויפגעקומען טאַקע אַ סך עקסטערנעס. צווישן זיי אפילו אַזוינע זעלטענע אָנטיילנעמער, ווי ליובינסקי, שפּיראָ, ליפּנער און אַנדערע. שוין ביים אַריינגאַנג זענען אַלע געווען פאַרחידושט. וואָס פאַר אַ פאַראַד אָקאָרשט דאָס גבירישע זונדל מאַכט עס דאָ! ס׳איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן דאָס מעבל פון זאַל, וואו ס׳שטייט אויף דער גאַנצער לענג אַ גרויסער טיש מיט שטולן אַרום אים, ווי אויך לאַנגע דיוואַנעס אַרום די ווענט. אויפן טיש, עטוואָס אָן אַ זייט, שטייט אַן אומגעהויער גרויסער זודיקער סאַמאָוואַר, אויסגעשטעלטע גלעזער. נישט ווייט פון סאַמאָוואַר — צוויי קריגלעך געבריטע מילך, פרישע אייערדיקע בייגל, פראַנצויזישע בולקעס, געמאַכטע הערינג מיט ציבעלע און מאַסלינעס, פאַרשידענע קעזן, געקאָכטע אייער, אַ פּאָר קעסטלעך סאַרדינען, אַפילו אַ פּאָר פלעשער גוטער בראָנפן. וואָס דאָ טוט זיך? דער עולם צוקט פרייילעך מיט די אַקסלען און מען גלייכווערטלט זיך.

— זאָגט נאָר, מאָניע, איר מאַכט היינט אַ חתונה אָדער איר האָט זיך געריירט פון זינען?

פון דעם סאַמאָוואַר שלאָגט אַ פאַרע אַזש ביז צו דער סטעליע, אין שטוב איז ליכטיק און וואַרעם, אַנטקעגן דעם הענג-

לאָמפּ בלישטשען פריילעך די זילבערנע גאָפּל מיט די מעסער. דער עולם פילט זיך עטוואָס יום-טובדיק און מ׳צעזעצט זיך פריילעך אַרום די טישן. דעם אויבנאָן גיט מען דעם יונגן רב שפּיראָ, וועלכער רופט אַרויס ביי די עקסטערנעס אַ מאָדנעם דרך-ארץ. לעבן אים זיצט ליובינסקי, מיט דעם הויכן שטערן, און בלויז זיי ביידע זיצן דאָ אין די היטלען. מאַניע טאַלצינער מאַכט אָרדנונג, לוסטיק שרייט ער אויס:

— די, וואָס זיצן אַרום סאַמאָוואַר, זאָלן אָנגיסן אַלע גלעזער, דערנאָך ווערט מען באַלד דערגיסן דעם סאַמאָוואַר — ווערט מען זשלאָקען טיי ביז נאָך האַלבער נאַכט. געוואַלט, פאַרגעסט ניט די בייגל. ווער ס׳וויל פאַרבייסן און ווער ס׳וויל אַ ביסל בראָנפן. לאָז מען גלייך אָנהייבן דעם צוזאַמענשמועס. באַביצקעלע! טו זיך נאָר אַ קער...

באַביצקי, טאַלצינערס לערער, איז דאָ אַ בן-בית, אַ היימישער מענטש. ער זיצט אַרום סאַמאָוואַר, ס׳פלאַמען ביי אים די אויערן, איז ער לעבעדיק, פאַרשמייעט און קאָמאַנדעוועט. דער עולם טרינקט טיי, מ׳צעהיצט זיך און מ׳צעשפּילעט די טוזשורקעס. ערשט איצט האָט מען באַמערקט, אַז ליפּנער זיצט אָן אַ זייט אויפן דיוואַן, וואוהין מאַניע האָט אים צוגעטראָגן אַ גלעזל טיי. ווי מאָדנע ער זעט אויס! שוין אַ צייט, אַז ער גאָלט זיך ניט, גייט אַרום מיט אַ קיילעכדיק-שטייף שוואַרץ בערדל, וואָס מאַכט נאָך בלאַסער און שטרענגער זיין געזיכט. ער איז איצט מאָדנע שטייף און קוקט מיט בלישטשענדיקע אויגן אויף באַביצקין. דערקענען שוין אַלע אין אים, אַז ער איז געפערלעך אויפגערעגט אויף באַביצקין. וואָס וויל ער בלויז אָט דער משוגענער! פון אַלע זייטן האָט מען אָנגעהויבן שרייען: גענוג צו פטרן צייט! לאָמיר אָנהייבן, אָנהייבן...

האָט מען זיך טאַקע גלייך אַ נעם געטון צו דער לאַטיינישער גראַמאַטיק, ווי אַלע מאָל, הייבט זיך אָן אַ פייערדיקע שיסעריי פון פראַגן, וועלכע איז אָבער איצט לעבעדיקער און שאַרפער, איינער ווייסט בעסער פאַר דעם אַנדערן און יעדער כאַפּט אויס ביי דעם אַנדערן פון מויל. אייניקע (באַזונדערס טאַלצינער) פאַר-

האַקן זיך, אַנד׳ע אַמפּערן זיך, בּרענגען אַרויס אויסגעזוכטע צאַצקעס און דעטאַלן. די קאָמפּליצירטע לאַטיינישע כּללים ווערן אַלץ קיילעכדיקער און געטאָקטער און ווי די קוילן פליען זיי אין דער לופט איינער נאָכן אַנדערן און איינער איבערן אַנדערן. דערבּיי טרינקט מען פרישע טיי — ווער ס׳פּאַרבייסט אַ שטיקל הערינג מיט אַ מאַסלינע און ווער אַ שטיקל קעז. די אייערדיקע קיכלעך צעגייען זיך אין מויל און אַז מ׳לייגט נאָך אַרויף אַ שטיקל פּוטער — פילט מען טעם גן־עדן. אפשר נעמען אַ ביסל בּראָנפן? ניין, די פלעשער שטייען נישט גערירט. אין אַ קורצער ווײַלע האָט מען דורכגעמאַכט די לאַטיינישע גראַמאַטיק און זיך גלייך אַ נעם געטון צו די טעקסטן פון פאַרשידענע רוימישע קלאַסיקער.

די צעפּאַטלטע עקסטערנעס פילן זיך דאָ אַרום טיש אַזוי היימיש רהבותדיק און געהויבן, דאָס די רוימישע קלאַסיקער זעען איצט אויס פאַר זיי מענטשלעך־נאָענטער און פּייערלעך־אָנגענעם. און די זעלבע טעקסטן, וואָס זיי מוזן אַלעמאָל בּלויז לערנען און חזרן, קאָנען זיי איצט מער געניסן. ס׳איז איצט נישט נאָר לערן־שטאָף איינצומאַטערן דעם מוח, נאָר קינסטלעריש־טשעקאַווע ווערק צו קוויקן דאָס געמיט. אין דער לופט האָבן אָנגעהויבן קלינגען לידער און געדיכטן פון דער לאַנג־פאַרגאַנגענער רוימישער גלאַנץ־קולטור. נאָר בּאַביצקי ווערט פון דער יום־טובדיקער רהבות אַלץ מער פריילעך אויפגערעגט און בּאַקומט אַלץ מער אַ נייגונג צו לאַנגע רעדעס. מ׳האַקט אים איבער מיט אַ געלעכטער, וואָס רייצט אים, ווי אַלעמאָל, אַלץ מער צו אומפאַרשעמט־לאַנגע דרשות. קוים וואָס מ׳האַלט אים איין און מ׳גייט איבער צום רוימישן דיכטער גאָראַציע. האָט זיך פּלוצים אַ ריר געטון דער „אָנגעשטאָפּטער זאַק“. דאָס איז געווען מעניע ראַטנער, אַן עלטערער בחור אין פּענסנע, וועלכע זענען צוגעבּונדן אויף אַ שוואַרץ שנירל צו דער זשילעט־קעשענע. שטענדיק קוקט ער אַראָפּ און אפילו אַז ער רעדט צו עמעצן, הייבּט ער נישט אויף די אויגן. ער האָט אַן אומהיימלעכן זכּרון, מיט אַ קאַלטבּלוטיקן

געדולד זיצט ער שטענדיק איבער ספרים, וועלכע בלייבן אין אים כמעט אויף שטענדיק ווי לעבעדיקע.

מ׳האָט אים טאַקע גערופן „דער אָנגעשטאָפּטער זאַק“.

די גאַנצע צייט איז ער געזעסן אַרום טיש שווייגנדיק, פאַר זיך, און געטרונקען טיי. נאָר אָט האָט זיך כמעט ווי דער גאַנצער עולם פאַרהאַקט אין גאָראַציעס אַ ליד, וואָס מ׳האָט פאַרגעסן דעם סוף. ביז מ׳האָט אויפגעבלעטערט אַ בוך, האָט זיך אַ רייך געטון ראַטנער, אויפגעהויבן דעם קאָפּ און קוקנדיק אַראָפּ האָט ער מאָדנע שיין און זיכער אָנגעהויבן צו „סקאַנדירן“ דאָס איבערגעהאַקטע ליד. נאָכדעם האָט ער געמאַכט צום ליד אַ טשעקאַוון קאָמענטאַר, וואָס האָט אים אַרויפגעפירט אויף אַ ניי ליד פון גאָראַציע. די ביידע לידער האָט ער באַלויכטן דורך אַ פאַרגלייך מיט לידער פון אַנדערע רוימישע דיכטער, וועלכע ער האָט דאָ אויפן אָרט אויסנווייניק סקאַנדירט. האָט ער שוין טאַקע אויסגעזעען ווי אַן אָנגעשטאָפּטער זאַק מיט באָב, וועלכער האָט פלוצלינג געפּלאַצט און אָנגעהויבן שיטן מיט באָב אַרום זיך אָן אַ סוף און אָן אַן אויפהער. עקסטערנעס, צווישן זיי פיל שאַרפע קעפּ און גרויסע מתמידים, האָבן ווי אַלעמאָל געקוקט פאַרגאַפט אויף ראַטנערן. נאָר באַביצקי האָט זיך פון גרויס התפעלות אַ כאַפּ געטון, אָנגעגאָסן פון דער נאָך נישט גערירטער פלאַש אַ גלעזל בראָנפן און איז אַריין אין ראַטנערס רייד מיט אַן אומפאַרשעמט־לאַנגער דרשה:

— כ׳טרינק, חברים, פאַר דעם גרויסן דיכטער גאָראַציע. ער האָט געזונגען פאַר זיין פאָלק און זיין צייט, וועלכע האָבן געבויט זייער גלאַנץ אויף דעם רוקן פון אַנדערע פעלקער, און וועלכע זענען געשטאָרבן מיט אים צוזאַמען. הלוואי זאָלן זיי אַלע נישט אויפשטיין צו תחית־המתים און מיר, וועלכע...

האָט זיך ערגעץ פון אַ ווינקל דערהערט אַ וויסט געשריי:

— דו, מה־יפיתניק, אַנטאָנאָווס טעלער־לעקער, פאַרמאַך דיין פּיסק...

אַלע האָבן זיך אומגעקוקט און האַלב־פאַרוואונדערט, האַלב=

דערשראָקן דערזעען, אַז דאָס שרייט ליפּנער, װעלכער זיצט אויפן דיוואַן אַ בלאַסער און בלישטשעט מיט די אויגן אויף באַביצקין.

אַ רגע איז אומהיימלעך שטיל געוואָרן. באַביצקין זענען די רייד ווי אין מיטן האַלז געבליבן שטיין. ער האָט אויסגעטרונקען דאָס גלעזל בראָנפן און זיך אַ צעטומלטער געזעצט צוריק. צי מחמת ליפּנערס אומגעריכטן געשריי, צי מחמת דעם אויסגעטרונקענעם בראָנפן, נאָר אין דער זעלבער רגע איז ער אויף זיין נערוועזן שטייגער רויט געוואָרן ביז אַראָפּ אין האַלז אַריין.

מאָניע טאַלצינער האָט געוואָלט צערייבן דעם פּיינלעכן איינדרוק.

ער האָט אויפגעהויבן אַ פּריילעכן געפּילדער און האָט טאַקע אויסגעפּירט, אַז אַלע האָבן גענומען צו גלעזלעך בראָנפן און מען איז גלייך איבערגעגאַנגען צו מאַטעמאַטיק. דאָ האָט צוערשט שפּיראָ געהויבן און געלאָזן אַרויסגעוויזן זיינע טיפע קענטעניש. נאָר באַלד האָבן זיך אַלע אויגן געווענדט צו ליווּבינסקין, וועלכער האָט געוואוסט העכערע מאַטעמאַטיק און האָט איצט אַגב דערקלערט שפּאָגל-נייע מאַטעמאַטישע אויפטועכצן פון גראַוויטאַציע, וועגן וועלכע ער האָט זיך היינט דערוואוסט ביי איינעם אַ גימנאַזיסט. נאָר אין אַלעמענס רייד האָט זיך געפּילט אַ באַהאַלטענע אומרו: אַלע האָבן גוט געקענט ליפּנערן און געוואוסט, אַז ווען ער, דער פאַנאַטישער סאָציאַליסט, ווערט קעגן עמעצן אויפגערעגט, איז ער פּשוט געפערלעך. ווער ווייסט, וואָס אָט דער גערעכטיקייטס-סאַדיסט וועט נאָך דאָ היינט פאַרפירן מיט באַביצקין.

האָט מען זיך נאָך שטאַרקער גענומען צו אַלגעברע און טריגאָנאָמעטריע און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַרוישנדיקע קעגנזייטיקע שיסעריי פון מאַטעמאַטישע פאָרמולן.

באַביצקי איז געווען שטאַרק צעמישט, האָט נישט געקאָנט קומען צו זיך און אויסגעטרונקען אַ צווייט גלעזל בראָנפן. האָט אים אָנגעהויבן שווינדלען אין די אויגן. ער האָט זיצנדיק אָנגע-

שפּאַרט דעם קאָפּ אויף דער האַנט און שווייגנדיק געקוקט אויף די צעהיצטע חברים. אַ גאַנצע ווײַלע דאַכט זיך אים, אַז די מאַטעמאַטישע פאָרמולעס שפּרינגען אַרויס ווי לעבעדיקע אין דער לופט, נעמען אַרום איינע די אַנדערע און טאַנצן ווי אין אַ ווינטער. דערהויפּט אָבער נאָגט אים דאָס האַרץ און ער פילט, אַז ליפּנערס זידל־ווערטער שטייען אים ווי אַ ביין אין האַלז. בפועל ממש, ווי אַ ביין אין האַלז! צעשמייכלט ער זיך אין קלערט, אַז נאָר מיט אַ ביסל בראָנפן קאָן מען אַראָפּשווענקען אָט דעם ביין אין האַלז. ער האָט זיך אָבער אָנגעשטרענגט און צוגעהערט צום אַלגעמיינעם שמועס. מ'האָט איצט גערעדט וועגן גראַניעוויטשן, אַנטאַנאָוון און וועגן אַנדערע טרויעריקע גימנאַזיע־זאַכן.

ווילט זיך איצט נישט קיינעם אַרײַנפאַלן אין מרה־שחורה און מ'לאָזט זיך לייכט איינרעדן פון טאַלצינערן, נעמען ווייטער אַ ביסל בראָנפן און ערשט נאָכדעם איבערגיין צו רוסישער ליטעראַטור און געשיכטע.

טאַלצינער איז טאַקע אַ הוליאַקע, אַ לעבעדיקער יצר־הרע. מ'האָט דערלאַנגט צום טיש נייע בייגל, און טאַלצינער האָט, גאָט ווייסט פונוואַנען, אַרײַנגעבראַכט אַ געעפנט פלעשל רויטן ווײַן. יונג עקסטערן־בלוט איז אויך נישט קיין וואַסער און לאָזט זיך סוף־כל־סוף אָנצינדן. ברענט זי אָפּ די גאַנצע גימנאַזיע, אַז מ'וויל פּייפט מען אויף אַלע גימנאַזיע־לערער אין די גאָלדענע קנעפּ. אַלע שטרעקן די הענט צו די ווײַן־גלעזער. דער יונגער, אָבער געהויבענער רב שפּיראָ האָט דערפילט אין דער לופט אַ צו־שקאָצישע אויפגערודערטקייט. האָט ער זיך אַרויסגעגנבעט אין פאָדער־צימער, האָט אויף גיך אָנגעטון זיין עלעגאַנט־רבניש פוקסענעם פעלץ און איז אַרויס פון שטוב. דער עולם האָט געטרונקען רויטן ווײַן און גאָר פריילעך געשמועסט. יונגעלייט האָבן זיך אַ ווײַלע טאַקע גאָר צעהוליעט.

באַלד האָט זיך געלאָזט הערן צווישן עולם לייבעלע ריאַבטשיק.

ער איז דער ייִנגסטער עקסטערן, אַ קורץ־וואוקסיק בחורל

מיט אַ קליין, כמעט קינדיש פּנים און שטענדיק שמייכלענדיקע אויגן. שטיל און שעמעוודיק, איז אָבער שטענדיק פול מיט שטראַלנדיקער ליבשאַפט צו אַלעמען און צו יעדן. ער האָט, גאָר מעשה־קינד, ליב געהאַט אַלעמען צו פאָלגן און באַדינען. זיין פאָטער איז ערגעץ אַ חזן אין אַ שטעטל, אַ בראַסלאווער חסיד, און פון אים האָט עס אפנים לייבעלע באַקומען בירושה אַ פאַרשיכּורנדיקע נייגונג צום זינגען. אויף אַלע צוזאַמענשמועסן, ווען דער עולם צעגייט זיך שוין, כאַפּט אַריין לייבעלע אַ פרייע מינוט און קוויקט דעם עולם מיט זיינע יינגליש־טשעקאַווע ניגונים. און איצט ביים טיש איז לייבעלע שטאַרק אויפגעלייגט, און נאָך דעם ערשטן גלעזל וויין האָט ער פאַרזשמורעט זיינע שמייכלענדיקע אויגן און אָנגעהויבן אויף זיין משעקאַווען שטייגער צו זינגען. זיין קול איז פול מיט ברויזנדיקער צאַרטקייט, וואָס מאַניעט, ציט און נעמט אָן פאַרן האַרץ. כאַפּן אַלע אונטער דעם ניגון, וואָס צעוואַרעמט זיך אַלץ מער, און ווילן אַט־אַט צוזאַמען מיט אַלעמען אויפגליען אין אַ ברען־טאַנץ. אָבער, ניין! מ'כאַפּט זיך באַצייטנס און מ'רייסט איבער דאָס צו פרייליכע געזאַנג. מ'טאָר קיין צייט נישט פאַרלירן. גענוג, לייבעלע ריאַבטשיק, ווער שוין פאַרשטומט.

— אויף די טייכן פון בבל, — האָט איינער מיט אַ געלעכטער אויסגעשריגן, — מוזן מיר דערווייל אויפהענגען אונזערע פידלען אויף די ווערבעס און...

— וויבאַלד אַז מ'דערמאַנט שוין די טייכן פון בבל, — האָט מאָניע טאַלצינער אַריינגעטענהט, — דאַרף מען דאָך אוודאי נעמען אַ ביסל וויין...

— אָבער גענוג צו פטרן צייט, מיר האַלטן איצט ביי רוסישער ליטעראַטור און געשיכטע...

דער עולם האָט געטרונקען רויטן וויין און גאָר פריילעך טאַקע אָנגעהויבן שמועסן וועגן רוסישער ליטעראַטור און געשיכטע.

הייבט מען אָן רעדן וועגן געשיכטע, צעפלאַקערט זיך גאָר אומגעריכט אַ דיסקוסיע. ליפנער בייסט זיך איין מיט די ציין

אין יעדער דערמאָנטער עפּאָכע און עטאַבלירט דאָרט דעם אומרחמנותדיקן קלאַסן־קאַמף. כאַפּן זיך אויף ווי לייבן די „אידעאַליסטן", געוועזענע ישיבה־בחורים, טראָגן אַריין אַ שאַרפֿן תורה־ברען אין דער „דיסקוסיע". האָט אָבער אין מיטן דערינען דער „אָנגעשטאָפּטער זאַק" אָנגעהויבן שיטן ווי מיט באָב אַלערליי היסטאָרישע פֿאַקטן און דאָקומענטן, וואָס פּאַרטומלען אַ ווײַלע די מוחות אויף ביידע צדדים. ליפּנער קריצט מיט די ציין אויף דער „רעאַקציאָנערער" סכאָלאַסטיק. כמעט אַלע בליקן ווענדן זיך צו ליובינסקין, טאַקע דערפֿאַר, וואָס ער שווייגט אַזוי געדולדיק און פֿאַרמוזהט. ביי יעדער דיסקוסיע קומט ער צולעצט צום וואָרט און פֿאַרטיפֿט זיך אין געדאַנקען מיט אַ רעליגיעזן ציטער. ער טוט אַ רייב דעם שטערן מיט דער האַנט און מיט אַ באַהאַלטן־זודיקער געלאַסנקייט ציט ער אָפּ פּאַמעלעך דעם צעהיצטן שמועס אויף די כּלומרשט קלאָר־קאַלטע הויכקייטן פֿון שניידנדיקער נשמה־זוכעניש. דערווייל הייבט אָן טאַלצינער צו וואָיעווען, רייסט זיך אַריין אומגעדולדיק אין די רייד און גיסט פֿרישן ווײַן אין די גלעזער.

— גענוג מיט דער דיסקוסיע!

טאַלצינער ליאַרעמט אַזוי, אַז אַלע נעמען זיך לאַכנדיק פֿאַר די גלעזער. מ׳קוויקט זיך מיט דעם ווײַן און מ׳גייט איבער אין אַ צונויפֿמענשמועס וועגן ליטעראַטור. „לויטן פּראָגראַם און לויט אַנטאָנאָווס פֿאָדערונגען". ס׳האָט אָבער אַלעמען געוואונדערט און באַאומרויקט, וואָס באַביצקי, דער שטענדיקער קאָכלעפֿל, איז מיטאַמאָל אַנטשוויגן און זיצט איצט שטום און דערשלאָגן.

באַביצקי האָט מיט אַלעמען געטרונקען רויטן ווײַן און שווייגנדיק זיך געוואונדערט, וואָס ס׳שטייט נאָך אַלץ דער ביין אין האַלז און שטיקט אים אומדערטרעגלעך. האָט זיך אין אים אינעווייניק מיטאַמאָל אויפֿגעהויבן אַ געוויין, אַ נשמה־געוויין אָן קולות, אָן ווערטער און אָן טרערן. אין אַ שיכּורן גאַלאָפּ האָבן זיך מיטאַמאָל אין אים אויפֿגעכאַפּט אומצייליקע זכרונות וועגן די קריכערישע מאַטערנישן פֿון אַלע זײַנע יאָרן, טויזנטער דערשטיקטע

יסורים האָבן אין אַ פֿייערדיקן וויכער אָנגעהויבן ברענען און שליידערן זיין נשמה. איז שוין אָבער ווי תּמיד — וואָס שטאַרקער די אינערלעכע פֿאַרלוירנקייט, אַלץ שטאַרקער רייסט זיך ביי אים אינדערהייך אַ פֿאַרצווייפֿלטע חוצפּה. איז ער פּלוצים אויפגעשפרונגען פֿון שטול, אַ קלאַפּ געטון מיט דער פויסט אָן טיש, און ווי נישט מיט זיין קול אַ געשריי געטון:

— איך בעט אייך, חברים, איר מוזט מיך אויסהערן אַ פּאָר ווערטער. ס׳גייט מיר אין לעבן — כע-כע-כע... — אָט רעדט איר וועגן רוסישער געשיכטע — פּיאָטער דער גרויסער, יעקאַטערינאַ די גרויסע, באַביצקי דער קליינער, דער קלענסטער, כע-כע-כע... דער קלענסטער, זאָג איך אייך, אָבער איז אויך זיין אופן נאָך טשעקאַוועו׳ פֿאַר דעם גרעסטן. ס׳וועט קומען אַ צייט, ווען עקסטערנעס און גימנאַזיסטן וועלן חזרן אויף אויסנווייניק אַ ספּעציעל קאַפּיטל פֿון געשיכטע, וואָס וועט הייסן: „באַביצקי דער קלענסטער”, כע-כע-כע... כ׳בין טאַקע שיכּורלעך און וועל דאָך רעדן ערנסט. ניין, ניין — שלאָגט מיר נישט איבער, ס׳גייט מיר אין לעבן. אַלע ווייסט איר, אַז ווען מ׳ווייסט שוין די אַלגעמיינע געשיכטע פֿון אייראָפּע, מוז מען נאָך ספּעציעל שטודירן די רוסישע געשיכטע — אַ נישט פֿאַלט מען דורך ווי אַ הונט אויף די עקזאַמענס. און אַז מ׳פֿאַרנעמט זיך מיט דער אַלגעמיינער געשיכטע פֿון רוסלאַנד, מוז מען נאָך האָבן אין זינען די ספּעציעלע געשיכטע פֿון יידישן פֿאָלק, מעג מען זיין דערביי אפילו אַזאַ פֿייעריקער אַלגעמיינער סאָציאַליסט, ווי ליפּנער. איך וועל אייך נאָך מער זאָגן. ווען מ׳האָט שוין צו טון מיט דער געשיכטע פֿון אַ פֿאָלק, טאָר מען נישט פֿאַרגעסן די געשיכטע פֿון אַן איינזאַמער פֿאַמיליע, פֿון אַן אָרימער אלמנה מיט הונגעריקע קינדער, פֿון אַ בחור אַ פּריקאַזשטשיק, וואָס רייסט זיך מיט נאַקעטע הענט איבער דעם שטעכיקן דראָט פֿון אומצייליקע צוימען. אַרום גרויסע פֿעלקער צאַפּלען זיך קליינע פֿעלקערלעך, און אַרום גרויסע אָרגאַניזירטע קלאַסן צאַפּלען זיך קליינינטשקע „דעקלאַסירטע” קרייכער. די קליינינטשקע זענען אָבער תּמיד שטאַרקער פֿון די גרויסע און צעטרעטן מיט פֿאַראַכטונג זייערע פֿאַררעטער.

דער קליינינטשקער קריכערישער וואָרעם צעפרעסט דאָס האַרץ פון דעם גרויסן בוים. און איך, באַביצקי, דער קלענסטער, דער קריכער, זאָג אייך, אַז אָט דער שטאָלצער ליפּנער, אָט דער סאָציאַליסטישער אַריסטאָקראַט, איז אַ מה-יפיתניק פון גרויסע פּעלקער און גרויסע קלאַסן. ער איז אַ הינטישער פאַררעטער פון די קליינינטשקע, וואָס...

נאָך איידער באַביצקי האָט דערענדיקט זיינע רייד, איז פּלוצים פאָרגעקומען עטוואָס אומגעהייערס.

קיינער האָט נישט באַמערקט, ווי ליפּנער איז פּלוצים אויפגעשפּרונגען פון דיוואַן, איז פייל פון בויגן צוגעלאָפן צו באַביצקין און אים מיטן גאַנצן כוח אַ פּליאַסק געטון אין פּנים אַריין. באַביצקי איז געוואָרן ווייס ווי קרייד, נאָר אויף דעם טויט-בלאַסן פּנים האָט געפייערט אַ רויטער אָפּדרוק פון ליפּנערס ברייטער האַנט. און ציטערנדיק מיטן גאַנצן קערפּער, איז באַביצקי אַ צעטומלטער געפאַלן אויף דער שטול און זיך אַרומגעקוקט מיט אויסגעגלאָצטע אויגן. דאָס איז פאָרגעקומען אַזוי פּלוצים, דאָס אַ רגע זענען אַלע געווען פאַרגאַפט. נאָר טאַקע אין אַ רגע אַרום האָט זיך אָנגעהויבן אַ געוואַלטיקע מהומה. אַלע האָבן זיך אַ וואָרף געטון צו ליפּנערן, וועלכער איז אַרויס פון זאַל. מ'האָט אים אָנגעיאָגט אין צווייטן חדר און דאָרט פאַרשטעלט פאַר אים די טיר. אין לויפעניש האָט מען נישט-ווילנדיק אומגעוואָרפן שטולן, אַראָפּגעוואָרפן אייניקע גלעזער, וועלכע האָבן זיך מיט אַ טראַסק צעבראָכן. אויף די קולות זענען זיך צונויפגעלאָפן די באַלעבאַטים פון שטוב. אין דעם אַנדערן חדר האָבן כמעט אַלע געקריצט מיט די ציין און געוואַלדעוועט. נאָר מאָניע טאַלצינער האָט זיך נישט פאַרלוירן און, אויפהייבנדיק די רעכטע האַנט, האָט ער אַ געשריי געטון:

— מאַכט נישט, חברים, קיין לייטיש געלעכטער און שיכור געשלעג, וואָס וועט בלויז אַראָפּברענגען פּאָליציי. לאָמיר פריער מענטשלעך אויסהערן, וואָס ליפּנער האָט צו זאָגן...

ליפּנער איז געשטאַנען פעסט און אַנטשלאָסן. און בליש-

טשענדיק אויף אַלעמען מיט די אויגן, האָט ער מיט אַ האַרטער שטימע שאַרף אָפּגעשניטן:

— כ'האָב עס געטון נישט פון פּערזענלעכער שנאה, נאָר פון אינערלעכער איבערצייגונג. כ'פאַרגין באַביצקין זיינע גליקן ביי אַנטאָנאָוון. איך אַליין בין גרייט אַרויסנעמען מיינע פּאַפּירן פון גימנאַזיע און אַ שפּיי-טון אויף די עקזאַמענס. נאָר זיין פאַר-בינדונג מיט אָט דעם פינסטערן רעאַקציאָנער וואַרפט אַ פלעק אויף אונזער געזעלשאַפט, צו וועלכער ער געהערט. אַלע ווייסן אָבער, אַז איך געהער צו אַ פּאַרטיי, דאָ זענען פאַראַן אייניקע פּאַרטיי-חברים. זאָגט מען אויף אַ פּאַרטיי-מענטש עפּעס, אַז ער איז אַ פאַררעטער, איז ער מחויב דערויף צו רעאַגירן. מאָרגן שטעל איך זיך פאַר אַ חבריש פּאַרטיי-געריכט, וועלכעס וועט אור-טיילן מיינע מעשים...

דער זיכער-איבערצייגטער טאָן פון ליפּנערס רייד האָט אַלעמען צעמישט. נאָר ליובינסקי איז אַנטקעגן אים אַרויסגע-שפּרונגען.

— איר ווייסט דאָך אָבער, אַז איך און נאָך אַ חבר לערנען צוזאַמען מיט באַביצקין ביי אַנטאָנאָוון, פאַרוואָס-זשע האָט איר געשלאָגן דעם שוואַכסטן?

— איר ביידע שעמט זיך דערמיט און פאַרשווייגט עס, ווי אַ פּערזענלעכע שוואַכקייט, אָבער באַביצקי באַרימט זיך אומפאַר-שעמט מיט זיין אומדערהערטער קריכעריי און מאַכט דערפון עפּעס אַ מין אידעאַל, וועלכן יעדער איז מחויב אַרונטעררייסן, און האָט ער מיך פאַר אַלעמען אָנגערופן „פאַררעטער", מוז איך גלייך אויפן אָרט שלאָגן אָדער געשלאָגן ווערן. כ'וועל אָבער מאָרגן טאַקע פאַרלאַנגען פונם פּאַרטייאישן געריכט. מ'זאָל אַ חוץ באַביצקין אַרויסרופן אַלס עדות אויך די אַנדערע צוויי אַנטאָנאָווס תלמידים. אַ חוץ דעם...

ווי אַן עמער קאַלט וואַסער אויף צעהיצטע קעפּ, אַזוי האָבן ליפּנערס האַרטע שטרענג-קאַלטע רייד אָפּגעקילט אַלעמענס כעס. מ'האָט זיך געפילט אומבאַהאָלפן אַנטקעגן ליפּנערס אומברחמנות-דיקער אויסגעהאַלטנקייט, וואָס האָט נישט באַפרידיקט, נאָר ווי

מיט אײזערנע שטריק געבונדן און געשטיקט דאָס לעבעדיקע מיטגעפיל צו באַביצקין. נאָך דעם אויסגעטרונקענעם ווײַן האָט מען נאָך שטאַרקער געפילט דעם סאַדיסטישן בײַגעשמאַק פון קאַלטער גערעכטיקייט. אין אַ שווערער שטימונג האָט מען זיך אָנגעהויבן אײַלן אַוועקצוגיין. האָט עמעצער פּלוצים אַ געשריי געטון: — וואו איז ערגעץ באַביצקי?

זענען אַלע אַרײַנגעלאָפן צוריק אין עסצימער און האָבן אים בײַם טיש נישט געפונען. וואו-זשע איז ער? אין דער זעלבער רגע האָט זיך דערהערט פון אַ ווינקל אַ שטילער כראָפּ. מ׳האָט זיך אומגעקוקט און צעלאַכט: אין אַ ווינקל אויף אַ סאָפע איז געלעגן באַביצקי מיטן פּנים אַרויף און שטיל געכראָפּעט. די אויערן זענען אים נאָך רויט, נאָר אויפן בלאַסן פּנים ווײַעט אַ האַלב-פאַרגאַפטער שמייכל פון אַ זאַפטיק געשמאַקן שלאָף. האָבן אַלע מיטאַמאָל אין אים דערפילט די אומהיימלעכע נאַטור-קראַפט פון יונגע גראָזן, וואָס ליגן אונטער שטיינער, ווילן אָבער נישט אונטערגיין, קריכן זיי, דרייען זיך, שלענגלען זיך און דורך פאַרבאָרגענע שפּאַלטן דראַפּען זיי זיך אַרויס, גאָט ווייסט ווי אַזוי, צו דער זון.

אויפגערעגט, צערודערט זענען אַלע אַרויס אין פאָדער-צימער, וואו מ׳האָט אָנגעהויבן אָנטון די פּאַלטאָס. ווי אַלע מאָל כאַפּט לייבעלע ריאַבטשיק אַרײַן די פרײַע מינוט בײַם אַרויסגאַנג און הייבט אָן זינגען אויף זײַן שטיפעריש-טשעקאַווען שטייגער. האָבן מיטאַמאָל צערודערטע פּנימער אָנגעהויבן שמייכלען:

— לייבעלע ריאַבטשיק, לייבעלע!...

אויף מאָרגן פאַרנאַכט איז צו ליובינסקין אין חדר אַרײַנגעקומען יאַשע פרידמאַן, אָנגעטון אין דעם גימנאַזיסטישן פּאַלטאָ מיט דעם היטל אין דער האַנט. און ער, ליובינסקיס אינטימסטער פרײַנט, איז איצט אַרײַן ווי כּלומרשט אַ פרעמדער און מיט אַ שטרענג פּנים אַ זאָג געטון צו ליובינסקין:

— איר זענט גערופן צו גיין איצט מיט מיר, וואוהין איך וועל אײַך פירן...

ער האָט גערעדט מיט דעם אומהיימלעך-קאָנספּיראַטיוון טאָן

פון אַ פאַרבאָרגענעם פּאַרטיי־שליח, כאָטש ער איז, דאַכט זיך, גאָרנישט לאַנג אַריין אין פּאַרטיי.

נאָך דער אינערלעך פלוצימדיקער אומוואַנדלונג האָט זיך
ביי יאַשען אויפגעכאַפּט נישט נאָר אַ דראַנג צום לערנען, נאָר
אויך אַ מאָראַלישער אימפּעט, פאַר וועלכן ער האָט געזוכט אַן
אויסוועג. ער האָט זיך אינגאַנצן צוגעבונדן צו ליובינסקיס רע־
ליגיעז־זאַפטיקער און טיפזיניק־זוכנדיקער ראָמאַנטישקייט, וואָס
האָט אים, יאַשען, אינערלעך געשפּייזט און נשמהדיק באַרייכערט.
אָבער זיין ייִנגליש־בויאַנטישע נאַטור, וואָס האָט יאָרן־לאַנג גע־
שפּרודלט אין שקאָצישער אויסגעלאַסנקייט, האָט געזוכט קעמפע־
רישע אַקטיוויטעט. איז ער אַריין אין אַ סאָציאַליסטישער פּאַר־
טיי, וואו ער האָט אויף זיין נייעם שטייגער געאַרבעט מיט אַ
שטייף־אָנגעצויגענעם ערנסט. אָט אַזוי האָט ער אויך איצט
ערנסט און שטרענג אויסגעפירט דאָס שליחות, ברענגען ליובינ־
סקין צום פּאַרטייאישן געריכט. קוקנדיק אָן אַ זייט, האָט ער
שאַרף אָפּגעשניטן זיינע קורצע רייד, גלייך ווי ליובינסקי וואָלט
אים געווען אַ פרעמדער.

ליובינסקי האָט אויף אים דערשטוינט אַ קוק געטון און
נישט געזאָגט קיין וואָרט. ער האָט אָנגעטון דאָס מאַנטל און
איז שווייגנדיק אַרויס מיט יאַשען. דעם גאַנצן וועג האָבן זיי
כמעט געשוויגן. ליובינסקי האָט פאַרגאַפט דערפילט די אומהיימ־
לעכע שפּאַן־קראַמפּט פון פּאַרטייאישער אויסגעהאַלטנקייט, וואָס
ווייסט נישט קיין גנאָד, קיין פריינטשאַפט און שפּאַנט איין אין
איין וואָגן אַלע ברויזנדע וועלטן פון פערזענלעכע געפילן.

— וואָס שווייגסטו אַזוי, יאַשע, ווי אַ הייליקער זשאַנדאַרם.
עס קאָן אָננעמען אַ שוידער, וואָס אַלע באַוועגונגען מוזן אַזוי
אָדער אַנדערש האָבן דעם זשאַנדאַרם, וועלכער שלעפּט אַלץ
מיט זיך צוזאַמען אין אָפּגרונט. כ׳האָב אָבער נישט קיין טענות.
יעדער ראַנגלט זיך אויף זיין שטייגער — ווער אין אַ פּאַרטיי
און ווער אין זיין אייגענער וועלט פון טרוימען און געדאַנקען.
אפשר וועלן פּאָרט יענע פריער עפּוואָס אויסקעמפן, אָדער מיר

וועלן פריער עטוואָס אויסטרוימען. אַבי נאָר נישט גיין ליידיק. וואָס־זשע שווייגסטו ? זאָג אַרויס כאָטש אַ וואָרט...

זיי זענען אָנגעקומען ערגעץ אין אַ זייטיקער גאַס צו אַן איינגאָרנדיק הויז. און דורכגייענדיק אַ פינסטערן קאָרידאָר, זענען זיי אַריין דורך אַ הינטער־טיר אין אַ נידעריק, אָבער ברייט חדר. ליובינסקי האָט זיך נייגיריק אַרומגעקוקט. לינקס איז דאָס חדר אָפּגעצוימט פון אַ פאָרהאַנג, רעכטס איז געשטאַנען אויבנאָן אַ קליין טישל מיט דריי שטולן (אין איין שורה), אויף וועלכע ס'זענען געזעסן די דריי ריכטער — דער מיטעלער האָט אויסגעזען ווי אַ קריסט — דאָס איז געווען חבר מאַקאַר, וועלכער האָט אָנגעפירט די גאַנצע פאַרהאַנדלונג. אַרום טישל פון ביידע זייטן, עטוואָס אָפּגערוקט, זענען געשטאַנען צוויי הילצערנע ווייסע בענק. אויף דער רעכטער באַנק זענען געזעסן באַביצקי און דער „אייביקער עקסטערן", מינדלין.

אַריינגייענדיק האָט זיך ליובינסקי עטוואָס פאַרנייגט און זיך צוגעזעצט אויף דער רעכטער באַנק. יאַשאַ פרידמאַן האָט זיך געזעצט באַזונדער אויף דער לינקער באַנק. חבר מאַקאַר האָט זיך געווענדט צו באַביצקין:

— מיר האָבן אייך און די אַנדערע צוויי חברים גערופן אַהערצו בלויז אַלס עדות. מיר האָבן געהערט, אַז איר האָט ספּעציעלע ידיעות וועגן חבר ליפּנער און איר האָט עס נעכטן אַרויסגעזאָגט פאַר אַ גרויסער צאָל מענטשן. קאָנט איר עס אונז אויך דערציילן...

מאַקאַר, נאָך גאָר אַ יונגערמאַן מיט לאַנגע האָר, רירעוודיק און אַנטשלאָסן, האָט געקוקט באַביצקין גלייך אין די אויגן אַריין מיט דעם שאַרפן פאָרשנדיקן בליק פון אַ געהיימען ריכטער. איז באַביצקי געוואָרן זייער אויפגערעגט, אויפן פּנים האָבן זיך ביי אים באַוויזן רויטע פלעקן.

— כ'האָב לחלוטין נישט קיינע באַזונדערע ידיעות וועגן חבר ליפּנער. כ'האָב אים גלייך מיט אַלע עקסטערנעס דערקענט ערשט מיט אַ פּאָר חדשים צוריק דאָ אין שטאָט און...

אינמיטן זיינע רייד האָט זיך פּלוצים לינקס פונאַנדערגע־

נומען דער פֿאָרהאַנג און פֿון דאָרט איז אַרויסגעקומען אַ יונגערמאַן אין אַ רוסיש העמדל מיט אַ קײַלעכדיק שטײף בערדל, די הענט פֿאַרלײגט אויף דער ברוסט, דער גאַנצער קערפּער סאָלדאַטיש שטײף אויסגעצויגן. דאָס פּלוצלעכע דערשײַנען און דאָס אומגעװײנלעכע אויסזעען האָבן איבערראַשט די עקסטערנעס, װעלכע האָבן ערשט אין אַ רגע אַרום דערקענט ליפּנערן. ער איז שװײַגנדיק לאַנגזאַם צוגעגאַנגען צום טישל, די אויגן האָבן בײַ אים געבערענט פֿון אײַנגעהאַלטענעם כּעס. ער האָט װי פּלוצים גיפּטיק אַ געשרײַ געטון צו באַביצקין:

— איר האָט עס נעכטן, ליכטיקער הער באַביצקי, פֿאַר אַלעמען געזאָגט אויף מיר „פֿאַררעטער“. װײסט איר, יונגערמאַן, װאָס דאָס באַדײַט?

באַביצקי האָט זיך גאָר פֿאַרלוירן. ער איז רויט געװאָרן װי אַ פֿלאַם ביז אַראָפּ אין האַלז אַרײַן. װערט ער אָבער, װי אַלע מאָל, פֿאַרשיכּורט פֿון דער אַראָפּגעפֿאַלנקײט און טוט חוצפּהדיק אַ שמײכל:

— איר װײסט זײער גוט, אַז איך האָב דאָס װאָרט „פֿאַררעטער“ געברױכט אין אַן אַבסטראַקטן אידעאָלאָגישן זין. פֿאַרשטײט איר, כ׳האָב אין קעגנזאַץ צו ניטשען אַרויסגעזאָגט מײַן אײגענעם שטאַנדפּונקט. פֿאַרשטײט איר, ניטשע פֿאַרגעטערט דעם איבערמענטש, דעם שטאַרקסטן, דעם שטאָלצן. איך אָבער, פֿאַרשטײט איר, פֿיל די אומשטערבלעכע קראַפֿט פֿון דעם אונטערמענטש, דעם קלענסטן, דעם קריכער... פֿאַרשטײט איר, אַז מ׳רעדט װעגן גרויסע פֿעלקער אָדער גרויסע קלאַסן, מײן איך אַז...

באַביצקי האָט זיך נאָר געדאַרפֿט אַנידערזעצן אויף זײַן פֿערדל, װאָס האָט אים שוין געטראָגן אין גאַלאָפּ. ער איז אַרײַן אין אַ געפֿערלעך לאַנגער דרשה, האָט זיך אַלע װײַלע אַזוי קאָמיש פֿאַרכלינעט און פֿאַרפּלאָנטערט, אַז אַפֿילו מאַקאַר האָט צוערשט אַ שמײכל געטון. נאָר באַלד האָט מאַקאַר גענומען ערנסט אָפּשטעלן באַביצקין, װעלכער איז אָבער געװען שטאַרק פֿאַרכאַפּט פֿון זײַנע רײד און זיך גאָרנישט געלאָזט אָפּשטעלן. האָט ליפּ־

נער אויף אים אַ געשריי געטון, איז ער גלייך פאַרשטומט גע־וואָרן און זיך פאַרלוירן אומגעקוקט מיט זיינע בלויע דערשראָ־קענע אויגן. ליובינסקי און מינדלין האָבן קורץ אָפּגעזאָגט זייער עדות, אַז זיי האָבן קיינמאָל נישט געהערט פון באַביצקין אַ וואָרט וועגן ליפּנערן און אַז ער האָט נעכטן דאָס וואָרט „פאַר־רעטער" געברויכט בלויז אין אַבסטראַקטן טעאָרעטישן זין. מאַ־קאַר האָט זיך אַ קורצע ווײַלע געשושקעט מיט צוויי זיינע חברים אַרום טישל, האָט דערנאָך מעשה־ריכטער אַרויסגעטראָגן באַביצ־קין „בלויז" אַ שטרענגן אויסרייד פאַר די אומפּאָרזיכטיקע פלאַפּ־לעריי, וואָס באַנוצט געפערלעכע ווערטער און צונעמענישן. די ריכטער זענען גלייך אויפגעשטאַנען פון טישל און צוזאַמען מיט ליפּנערן און יאַשאַן האָבן זיי זיך אָפּגעקערט פון די אַנדערע דריי, וועלכע זענען גלייך אַרויס פון חדר.

אַרויסגעקומען אויף דער גאַס, איז באַביצקי געווען שטאַרק אויפגערעגט. ליובינסקי און מינדלין האָבן אים גייענדיק באַרויקט.

— זאָגט מיר נאָר, ליובינסקי, איין זאַך — איר זענט דאָך צווישן אונז אַלעמען דער גרויסער קאָפּ. זיי אַלע דאָרט שטעלן זיך איין פאַר דער מענטשהייט. ווי קאָן מען אָבער ליב האָבן די מענטשהייט, אַז מ'האָט נישט קיין פּיצל אַכטונג און מיטגעפיל צום איינציקן מענטש. זיי קוקן דאָך אויף מיר, ווי אויף אַ וואָרעם. פאַרשטיי איך נישט, פאַרוואָס זאָל...

ליובינסקי האָט צו אים פריינטלעך געשמייכלט.

— ווייסט איר דען נישט, באַביצקי, דאָס אַלטע יידישע גלייכווערטל: אַ קריסט אַן אַנטיסעמיט האָט פיינט יידן בכלל, קאָן אָבער ליב האָבן זיין אייגענעם יעקל, זיינע נאָענטע יידישע פריינט, פאַר וועלכע ער שטייט שטאָל און אייזן. אַ ייד אָבער האָט, פאַרשטייט זיך, ליב דעם כלל ישראל, קאָן נאָר דערביי פיינט האָבן דעם איינציקן יעקל, אָדער האַסן זיינע נאָענטע יידישע פריינט. ביי אונז אין שטעטל האָט איינער אַ ווילדער יידישער משכיל, אַ צעדרייטער פאַנאַטיקער, געמסרט אַ גאַנצע שול, פאַר וועלכער ס'האָט זיך איינגעשטעלט דער אַנטיסעמיטי־שער פּריץ. פאַרשטייט איר, ליפּנער האָט ליב מיט מסירת־נפש

די „מענטשהייט“ און האָט דערפאַר פיינט די קריכערישע מענ־טשעלעך. איר שטעלט זיך איין פאַר די לעצטע. דערפאַר אָבער האַסט איר די „איבער־מענטשן“, בקיצור, יעדע הייליקייט האָט איר אייגענע טומאה, יעדער מוז אויף זיך אַרבעטן און...

זיי זענען דערווייל אַרויסגעקומען אויף דער הויפּט־גאַס. דאָ האָט זיך באַביצקי אָפּגעשטעלט.

— דער סך־הכל איז, ליובינסקי, אַז מ'טאָר קיין צייט נישט פאַרלירן, אָט דאָ מוז איך זיך טאַקע נעמען רעכטס צו מיר אַהיים אי׳ן זיך אַ נעם טון פאַר דער אַרבעט. מאָרגן, פינף אַ זייגער, האָבן מיר ווייטער אונזער שעה ביי אַנטאָנאָוון. דער סוף איז, כ'האָב זיי אַלעמען דאָרט אין דער׳ ערד — און גאַר. אַ גוטע נאַכט...

— אַ גוטע נאַכט...

5.

אַ חופּה אויפֿן בית־עולם

אין ווייסן מויער איז פֿאָרגעקומען אַ קאַטאַסטראָפֿע, וואָס איז אייגנטלעך גאָרנישט אַזוי זעלטן אין אַ גימנאַזיע און וואָס האָט אָבער איצט די גאַנצע שטאָט אויפֿגערודערט.

ווי אין אַ קאַמף־שפּיל קאָנען די קעמפֿנדיקע צדדים פּאַמעלעך אַרייַנטרייבן איינע די אַנדערע אין אַ לעבנס־געפֿערלעכן אַזאַרט, אַזוי האָט גראַניעוויטש, דער פֿאַנאַטיש־שטרענגער מאַטעמאַטיקער, נישט ווילנדיק אַרייַנגעטריבן די גימנאַזיסטן אין אַן אָטעם־פֿאַרכאַפּנדיקער אַמביציע. ס'האָט זיך געשאַפֿן אַן אָנגעגליטע אַטמאָספֿערע פֿון האַלב־קרענקלעכער אויפֿרעגונג. גימנאַזיסטן האָבן אָנגעשטרענגט אַלע כּוחות אויף דעם לימוד פֿון מאַטעמאַטיק, וואָס זיי האָבן בײַ דעם פּריערדיקן לערער פֿאַרנאַכלעסיקט, כּדי גראַניעוויטש זאָל זיי נישט איבערלאָזן נאָך אויף אַ יאָר אין גימנאַזיע און זאָל זיי ווייניקסטנס צולאָזן צו די אָפּשליסנדיקע פֿריילינג־עקזאַמענס. עפּעס אַ מין ברענענדיקע אַמביציע האָט אַלעמען פֿאַרכאַפּט און מ'האָט זיך אין דעם אַזוי געקאָכט, גלייך ווי ס'וואָלט געווען אַ פֿראַגע פֿון טויט און לעבן. נישט אַלע האָבן אָבער די נייטיקע פֿעיקייטן און אייניקע האָבן זיך טאַקע אומזיסט אויסגעשלאָגן פֿון די כּוחות.

אָנהייב אַפּריל האָט מען געזאָלט, ווי אַלע מאָל, די גימנאַזיסטן פֿון אַכטן קלאַס פֿונאַנדערלאָזן אויף אַ גאַנצן חודש, כּדי

זיי זאָלן זיך גרייטן אינדערהיים צו די שלוס־עקזאַמענס, וואָס הייבן זיך אָן אין מאַי. אַ טאָג פאַר דעם, איידער מ'האָט פונאַנ־דערגעלאָזט די גימנאַזיסטן, האָט גראַניעוויטש אויף דער לעצטער שעה אין אַכטן קלאַס געדאַרפט ענדגילטיק דערקלערן, ווער ס'ווערט צוגעלאָזט צו עקזאַמענס און ווער נישט. אין דער אָנגע־גליטער אַטמאָספער האָט עס כמעט געהייסן אַ דערקלערונג פון „מי יחיה ומי ימות — ווער ס'זאָל לעבן און ווער נישט". דער קלאַס האָט מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם געוואַרט, און אָט האָט גראַניעוויטש אויסגערופן דריי נעמען פון גימנאַזיסטן, וואָס ווערן נישט צוגעלאָזט צו עקזאַמענס און מוזן בלייבן נאָך אויף אַ יאָר. און כאָטש מ'האָט זיך געגרייט אויף פיל מער קרבנות, זענען דאָך אַלע געווען איצט שווער איבערראַשט. די דריי דורכגעפאַלענע זענען געזעסן אָפּהענטיק ווי פאַרמשפטע. אַ וואַרעם, הבריש מיטגעפיל צו די דורכגעפאַלענע האָט פאַרכאַפּט ביי אַלעמען דעם אָטעם און דער גאַנצער קלאַס האָט פיינלעך געשוויגן. מ'האָט אָבער נישט געוואַגט אפילו אַ קול אויפצוהייבן אַנטקעגן דעם פאַנאַטיש־ערלעכן לערער, וועלכער טוט עס דאָך יעדנפאַלס נישט פון פערזענלעכער שנאה, אָדער שלעכטקייט. די מאָדנע אָפּהענ־טיקייט פון די דורכגעפאַלענע און דאָס פיינלעכע שווייגן פונם קלאַס האָט געמאַכט אויף גראַניעוויטשן אַ שווערן איינדרוק. צוערשט האָט ער געפרוווט באַרויקן דעם קלאַס, באַלד אָבער איז ער גע־וואָרן שטרענג און זאַכלעך.

— מאָרגן גייט איר אויף אַ חודש אַוועק פון גימנאַזיע, וואוהין איר וועט שוין קומען צו די עקזאַמענס. וויל איך אייך היינט אין דער לעצטער שעה געבן נאָך אייניקע וויכטיקע אָנ־ווייזונגען...

גראַניעוויטש איז גלייך צוגעגאַנגען צום טאַפעל און אָנגע־הויבן דערקלערן וויכטיקע אינסטרוקציעס צו די עקזאַמענס. האָבן זיך די דורכגעפאַלענע געפילט אין קלאַס, ווי איבעריקע, וועלכע דאַרפן שוין נישט קיין אינסטרוקציעס. זיי האָבן זיך עפּעס גע־שעמט אַרויסגיין פון קלאַס, וואו זיי האָבן זיך אָבער קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען. און ווען גראַניעוויטש האָט געענדיקט די

שעה, האָט זיך עטוואָס פֿייערלעך געזעגנט מיט דעם קלאַס און געוואונטשן אַלעמען דערפֿאָלג, האָבן די דורכגעפֿאַלענע אָפּגעקערט זייערע פּנימער. זיי זענען אַרויס פֿון קלאַס מיט דער גאַנצער אָראָפּגעפֿאַלנקייט פֿון מענטשן, וואָס זענען פּלוצלינג אַרויס פֿון שפּיל. אין קאָרידאָר האָבן זיך די גימנאַזיסטן צווישן זיך געאַמפּערט וועגן פֿאַרשידענע ענינים פֿון די עקזאַמענס. בלויז די דורכגעפֿאַלענע האָבן אַ מינוט, ווי זייטיקע מענטשן, איינזאַם אַרומגעבלאָנקעט און זענען באַלד אומבאַמערקט פֿאַרשוואונדן.

און טאַקע אין דעם זעלבן טאָג איז מיט איינעם פֿון די דורכגעפֿאַלענע פֿאָרגעקומען אַ קאַטאַסטראָפֿע. דאָס איז געווען סאַשע מורינאָוו, דער איינציקער זון פֿון אַ רייכן און באַקאַנטן אַדוואָקאַט. זיין מוטער, אַ היסטערישע פֿרוי, האָט ביי זיך אין דער היים געפֿירט אַ מין סאַלאָן און האָט אַלע יאָרן אַרויסגעוויזן אַ קרענקלעכן דראַנג צו באַרימערײַ. ווען סאַשע איז נאָך געווען אַ קינד האָט זי געטרוימט וועגן זיין גלענצנדיקער צוקונפֿט, וואָס וועט אויך זי אויפֿהייבן אין די אויגן פֿון דער געזעלשאַפֿט. מיט גרויסע האָפֿנונגען האָט זי אים אָפּגעגעבן אין גימנאַזיע, האָט זיך אָבער באַלד געמוזט ביטער אַנטוישן. שוין אין די ערשטע גימנאַזיע-יאָרן האָט סאַשע אַרויסגעוויזן אַן אויסערגעוויינלעכע טעמפּקייט, איז שטאַרק אָפּגעשטאַנען און טאַקע מיט גרויסע צרות און זאָרגן פֿאַר די עלטערן איז ער קוים אַריבערגעגאַנגען פֿון איין קלאַס אין דעם אַנדערן. האָט אים די מוטער געהאַסט, געשלאָגן און גערודפֿט, זי האָט אין אים געפֿילט אַן אייביקן קוואַל פֿון דערנידערונג, אַ מיאוסן פֿלעק אויף איר לעבן. סאַשע איז איצט אַ דיקער בחור מיט גראָבע ליפּן און גרויע אויגן. ער איז שטיל, דערשלאָגן, איז אַזוי צוגעוואוינט צו קלעפּ און געשרייען פֿון דער מוטער, אַז ער ווערט זיך שוין גאָרנישט.

אַ דורכגעפֿאַלענער איז ער היינט אין ציטערניש געגאַנגען אַהיים, מורא האָבנדיק פֿאַר דער מוטער. איז ער דורך דער הינטער-טיר אַריין אין שטוב און אויף די שפּיץ-פֿיס זיך פֿאַרגנבעט צו זיך אין חדר. דאָרט האָט ער פּאַמעלעך צוגעמאַכט

די טיר און זיך שטיל געלייגט אויף דער סאָפע. ערשט אַרום פיר אַ זייגער האָט זיך דערהערט אַ געשריי:

— סאַשע, סאַשע...

ער האָט זיך נישט אָפּגערופן. פּלוצים איז די מוטער אָנגעלאָפן, געעפנט די טיר און געבליבן אַ רגע אויף דער שוועל. אין זיין פּנים האָט זיך גלייך דערקענט דאָס אומגליק.

— ביסט, שטאָלץ מיינער, דורכגעפאַלן? טאַקע גאָר דורכגעפאַלן? זאָג מיר גלייך, פינסטערער אידיאָט, זאָג. וואָס־זשע שווייגסטו, צעזעצט זאָלסטו ווערן. וואָס־זשע...

און ווייל ער האָט איר שטום געקוקט אין די אויגן אַריין, איז זי אַריינגעפאַלן אין אַ מאָדנע היסטערישן כעס. פול פון שנאה און צאָרן, האָט זי אים אַ נעם געטון פאַר די לאַצן, מיט געוואַלט אים אויפגעהויבן, געשלעפּט מיט אַ געשריי דורך אַלע חדרים, אים אַריינגעפירט אין עסצימער, וואו דער פאָטער איז געזעסן.

— אָט איז ער, אונזער שטאָלץ, אָט איז ער! ער איז שוין ווייטער דורכגעפאַלן, דער אידיאָט. ער פאַרשוואַרצט אונז דאָס פּנים — נישט קיין קינד, נאָר אַ פּאָדלע...

זי איז געפאַלן אויף דער שטול און איז קרעמפּנדיק פאַרזונקען אין אַ היסטעריקע. דער פאָטער האָט אָנגעהויבן זי באַרויקן. סאַשע האָט זיך דערווייל פאַרלוירן אַרומגעקוקט און איז שטילערהייט אַוועק צו זיך אין חדר. ער האָט זיך געזעצט לעבן פענסטער, פאַרדעקט מיט די הענט דאָס פּנים און אָנגעהויבן כליפּען. נאָר אָט האָט ער אַראָפּגענומען די הענט פון פּנים און איז געבליבן אַ ווײַלע זיצן ווי פאַרשטיינערט. פּלוצים איז ער אויפגעשטאַנען, זיך ווילד אַרומגעקוקט, האָט אַ כאַפּ געטון דאָס היטל מיט דעם מאַנטל און זיך אַרויסגעגנבעט פון שטוב.

ערשט אין אַ שעה אַרום האָט מען זיך געכאַפּט, אַז סאַשע איז נישט געוואָרן. מ׳האָט אים געזוכט ביי אַלע זיינע פריינט און חברים — און נישט געפונען.

שפּעט אין אָוונט איז מען געוואָרן זייער אומרויק, מ׳האָט

אויפגעהויבן די פּאָליציי, אַרויסגעשיקט מענטשן. אַ האַלבע שטאָט האָט געזוכט. האָט געזוכט. קיין סימן אַז ער איז אויפגעהויבן געוואָרן האָט מען ניט געטראָפן. דער פֿאַקט אַז ער האָט לאַנג ניט געבראַכט קיין אַנטוואָרט, האָט בײַ זײַן מוטער אַרויסגערופן די גרעסטע מורא. זי האָט געמיינט אַז ער איז געשטאָרבן. וועגן דעם האָט מען אַרויסגעשיקט מענטשן. אַ האַלבע שטאָט האָט גערעשט.

ערשט נאָך האַלבער נאַכט האָט מען אים געפֿונען אין שטאָט-גאָרטן אין אַ פֿאַרוואָרפֿן ווינקל. ער איז דאָרט געלעגן אין אַ באַוואוסטלאָזן צושטאַנד, נישט ווײַט פֿון אים האָט זיך געוואַלגערט אַ פֿלעשל, פֿון וועלכן ער האָט דאָס אָפּנים אײַנגענומען אַ גיפֿטיקן געטראַנק. מ׳האָט אים אויף אַ וואָגן געבראַכט אַהיים. אין אַ רגע האָט מען אַרויסגערופֿן דרײַ דאָקטוירים, וועלכע האָבן אים אָבער שוין נישט געקאָנט ראַטעווען. ער איז שוין מער צום באַוואוסטזײַן נישט געקומען און איז פֿאַרטאָג געשטאָרבן. האָט זיך אין שטוב אַ יללה אויפֿגעהויבן. די מוטער האָט פֿון שרעק און חרטה פֿאַרלוירן דאָס לשון. זי האָט זיך שטום געוואָרפֿן אין קראַמף, מ׳האָט זי אויף די הענט אַריבערגעטראָגן אין זאַל און זי אַוועקגעלייגט אויף דער סאָפֿע. איז זי אַ ווײַלע געלעגן פֿאַרקראַמפּט אומבאַוועגלעך מיט אויסגעגלאָצטע אויגן. נאָר אין אַ שעה אַרום האָט זי זיך פּלוצים אין גרויס שרעק אויפֿגעכאַפּט פֿון סאָפֿע און שטום געריסן אויף זיך די האָר. זי האָט זיך געוואָרפֿן אין אַזוינע יסורים, אַז דאָקטוירים האָבן געפֿונען פֿאַר נייטיק צו מאַכן איר אַן אַרײַנשפּריצונג פֿון מאָרפֿיע און ווי מיט געוואַלט איז זי אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ קינסטלעכן שלאָף.

ווי אַ בליץ האָט זיך פֿאַרשפּרייט איבער דער שטאָט די ידיעה וועגן דעם גרויסן אומגליק פֿון מורינאָווס הויז, וואָס האָט בײַ אַלעמען אַרויסגערופֿן טרויער און מיטגעפֿיל. דערהויפּט אָבער האָבן גימנאַזיסטן עס שטאַרק גענומען צום האַרץ. סאַשע איז אַלע זײַנע יאָרן געווען בײַ זיך אַראָפּגעפֿאַלן, דערשלאָגן, נאַכגיביק און ערלעך. פֿלעגט ער אַרויסרופֿן בײַ זײַנע חברים אַ וואַרעם פֿאָטערלעך געפֿיל. בײַ עקזאַמענס פֿלעגט יעדער איינער זוכן אים אַרויסצוהעלפֿן. און מיט דעם גאַנצן ברען פֿון ייִנגלשער איבערגעגעבנקייט האָבן גימנאַזיסטן באַוויינט דעם טויט פֿון זייער חבר. דאָס האָט נאָך מער פֿאַרטיפֿט בײַ אַלעמען דעם טרויעריקן אײַנדרוק פֿון מורינאָווס אומגליק.

האָבן זיך אין שטאָט דאָ און דאָרט אויפגעהויבן פּראָטעסטן קעגן דעם ווייסן מויער, וואָס רייסט שטיקער פון די גימנאַזיסטן. למאַי, האָבן פיל געטענהט, האָט אַ לערער אַן עובר־בטל געלערנט מאַטעמאַטיק אין גימנאַזיע כּמעט גאַנצע אַכט יאָר און אַ פּאָר חדשים פאַר די עקזאַמענס קומט עס אַראָפּ אַ נייער לערער, אַ פאַנאַטיקער, וואָס דערגייט אַלעמען די יאָרן. און ווייל פּרוי מורינאָוו האָט זיך אין איר אומגליק כּמעט ווי געריררט פון זינען, דערמאָנט איצט קיינער נישט איר פריערדיקע אכזריות בנוגע צו איר זון און מ׳קריצט מיט די ציין אויף דער גימנאַזיע. אייניקע צעהיצטע קרובים פון מורינאָוון האָבן אַוועקגעשיקט שריפטלעכע אָנקלאַגעס אין צענטער אויף דער גימנאַזיע. זענען פון צענטער אָנגעקומען שטרענגע אָנפראַגן אין גימנאַזיע.

אין אַ געהיימען צירקוליאַר פון צענטער האָט מען דעם דירעקטאָר פּשוט פאַרגעוואָרפן, וואָס די אומאָרדנונג אין דער גימנאַזיע פירט צו קאַטאַסטראָפעס און סקאַנדאַלן. ביי דערדאָזיקער אומאָרדנונג, האָט מען אין צירקוליאַר גיפטיק באַמערקט, איז גאָר קיין חידוש נישט, וואָס אויף דער גימנאַזיע האָבן זיך פון דער גאַנצער וועלט אַ שאָט געטון הונדערטער יידישע עקסטערנעס, ווי קאָנטראַבאַנדיסטן אויף אַ שוואַך באַוואַכטער גרענעץ.

דער דירעקטאָר און די לערער האָבן געהאַט פיל זאָרג און מי, ביז זיי האָבן געקאָנט דעם גאַנצן ענין ווי ס׳איז פאַרגלעטן. די לעצטע ידיעה פון צענטער איז געווען, אַז עס וועט אַראָפּקומען אַ ספּעציעלער רעוויזאָר אויף די עקזאַמענס.

עקסטערנעס האָבן איצט קלאָר דערפילט, אַז אין אָט דער שווערער אַטמאָספער זענען זיי אַלעמען אין ווייסן מויער, ווי אַ שפּין אין די אויגן. זיי האָבן נישט אויף וואָס צו וואַרטן — כאָטש נעם און אַנטלויף גלייך פונדאַנען. ס׳איז אָבער שפּעט צו לויפן און מ׳קאָן גאָרנישט נישט מאַכן. און מיט דעם לעצטן אַזאַרט פון פאַרצווייפלונג האָבן זיי נאָך מער געהאָרעוועט

און אויסגערעכנט אויף ניסים, וואָס קאָנען דאָך אַמאָל פֿאָרקומען.

ווי אַלעמאָל פֿאַרזינקען אויך די טרויעריקסטע געשעענישן אין דעם גערויש פֿון דעם שטענדיק-פֿליסנדיקן לעבן. נישט נאָר זײַטיקע מענטשן, נאָר שוין גימנאַזיסטן האָבן זיך פּאַמעלעך אויסגעטשוכעט פֿון זייער שווערער שטימונג און אַ נעם געטון זיך צו דער אַרבעט פֿאַר די עקזאַמענס.

אין שטאָט-גאָרטן האָבן זיך שוין באַוויזן קנאָספּן אויף די ביימער. וואַרעמע פֿרילינג-ווינטעלעך האָבן געווייעט אין דער לופֿט. און כאָטש דער טײַך האָט זיך שוין לאַנג באַפֿרײַט פֿון דעם אײַז און אָנגעהויבן פֿראַנק און פֿרײַ צו רודערן — האָבן דאָך עקסטערנעס זעלטן-ווען זיך פֿאַרגונען אַרויסגיין פֿאַרנאַכט שפּאַצירן. נאָר גימנאַזיסטן, וואָס האָבן פּאָרט אין ווייסן מויער אַ פֿעסטן באָדן אונטער די פֿיס, גייען אַרויס נאָך אַ טאָג אַרבעט שפּאַצירן. די מיינסטן טראָגן זיך ווי אַ וויכער אויף וועלאָסיפּעדן אויסער דער שטאָט און לאָזן זיך דערנאָך צוריק צום שטאָט-גאָרטן, צום טײַך. יונג בלוט הייבט אָן דאָרט צו וואָיעווען, ס'הילכן אין דער לופֿט שטיפֿערישע געשרייען און געלעכטערס. עטוואָס אָן אַ זײַט אויפֿן פֿרישן גראָז ליגן שטיפֿעריש איבערגעקערט די גלאַנציקע וועלאָסיפּעדן מיט זייערע גומענע רעדער, וואָס אָטעמען פֿרײַלעך מיט דער פֿרישקייט פֿון נאָר וואָס געטראָטענער פֿײַכטער ערד.

וועלאָסיפּעדן זענען נישט קיין פֿערד, ווערן קיינמאָל נישט מיד. ליגן זיי איצט שטיפֿעריש-מונטער אויפֿן גראָז און קלערן פֿאַרטרוימט אָט-וואָס: אַ חוץ מאָניע טאַלצינער האָט קיין איין עקסטערן נישט קיין וועלאָסיפּעד, ווייסט אפֿילו נישט ווי אַרויפֿצוזעצן זיך אויף אַ וועלאָסיפּעד. כמעט יעדער עקסטערן שטעלט זיך אָפּ אויף דער גאַס און קוקט מיט נײַגיר און קנאה אויף פֿאַרבײַפֿאָרנדיקע וועלאָסיפּעדן פֿון גימנאַזיסטן און פּריצישע זינדלעך. ס'וואָלט געווען טשעקאַווע, קלערן איצט טרוימעריש די וועלאָסיפּעדן, ווען כאָטש איינמאָל וואָלטן אָט די צעפּאַטלטע עקסטערנעס אויף זיי געריטן. פֿאַרוואָס טאַקע נישט? וואו איז דער

יושר? די וועלאָסיפּעדן האָבן זיך גאָר צעהיצט. נאָר די גומענע שינעס, וואָס זענען באַדעקט מיט לעבעדיקע שפּורן פון נאָר־וואָס געטראָטענער פייכטער ערד, צעשלאָגן ניכטער אַלע צעהיצטע טרוימען. ווי קומען דאָס וועלאָסיפּעדן, טענהן די גומענע שינעס, צו באַרירן אַ זאַך, וואָס איז אייגנטלעך אַ סאָציאַלע אָדער גאָר אַ קולטור־היסטאָרישע פראַגע, בפרט ווען...

די וועליטאָפּעדן מיט די גומענע שינעס זענען פּלוצים פאַר־שטומט געוואָרן. אויפן וועג זענען אָנגעקומען גימנאַזיסטן און אַרויסגערופן אַ ניי פריילעך געפּילדער. און טאַקע באַלד איז דער ציטעריקער פאַרנאַכט געוואָרן פול מיט זילבער־קלאַנגען פון גע־לעכטער, ליאַרעם און געזאַנג.

נאָר ווען ס׳ווערט שטאַרק פינסטער קערט מען זיך דאָך אום שווייגנדיק אַהיים. דער גרויזאַמער סוד פון לעבנס־קאַמף לויערט אונטער די פּלייצעס, אומקלאָרע דערינערונגען וועגן דעם אומנאַטירלעכן טויט פון דעם דורכגעפאַלענעם חבר צוימען יונג בלוט. גאָרנישט לאַנג האָבן זיי געזעען דעם טויט און אין דער קילער פרילינגס־נאַכט ליגט אין שרעק פאַרבאָרגן נאַקעטע טויט־שטילקייט.

האָט אָבער אין יענער שווערער צייט אָט וואָס גע־טראָפן.

אַרום סוף אַפּריל האָבן אין אַ שיינעם פרימאָרגן אומגע־ריכטע געסט אַ קלאַפּ געטון אין טיר צו ליובינסקין. ווי אַלע מאָל איז ליובינסקי געזעסן אין אַ היטל אַרום זיין טישל און געלערנט אויף אַ קול. דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר, האָט ליובינ־סקי זיך אָפּגעריסן פון ביכל און אַ קער געטון דעם קאָפּ. און טאַקע באַלד איז ער אויפגעשטאַנען געוואַלטיק פאַרחידושט אַנט־קעגן די אויסערגעוויינלעכע געסט.

— שרעקט אייך נישט, ליובינסקי, מיר זענען נישט קיין שדים. כ׳האָב אייך אַמאָל געשיקט אַ בריוול נאָך אייער פלאַ־מענדיקער רעדע אויפן בית־עולם, מיין נאָמען איז ראָזע לעווענ־שטיין און אָט דער איז מיין פריינט דאַווידאָוו, וואָס האָט מיר צוגעזאָגט איצט צו שווייגן און נישט אַרויסווייזן זיינע היגטישע

שטיקלעך. מיר האָבן צו אײך אַ װיכטיקע מיסיע. דרוקט אַרױף העכער דאָס היטל, הערט און שװײגט, װאָרים... בײ אײך זענען בלױז צװײ שטולן אין חדר, דאָס איז גאָרנישט — באַאומרויקט אײך נישט. מיר בײדע, די געסט, װעלן זיך זעצן אויף די שטולן און איר — אויף אײער בעטל. אָט אַזױ...

אָט דער אומגעריכטער באַזוך איז אַ גרױסע איבעראַשונג. טאַקע גאָר אַ קלײניקײט! די באַרימטע שײנהײט פֿון דער געגנט, דעם אַריסטאָקראַטישן באַנקירס טאָכטער און דער שטאָלץ פֿון דער גױיש־ײדישער גאָלדענער יוגנט — זי אַלײן קומט אומגעריכט צו אַ בטלנישן עקסטערן אין זײן אײנזאַמען קלײנעם חדר, און נאָך מיט דאַװידאָװן, דעם געצערטלטן אַרטיסט פֿון די הױכע פֿענסטער, װאָס קוקט מיט פֿאַראַכטונג אויף די „פֿאַרשמירטע“ עקסטערנעס. צי װילן זײ דאָס נישט עפּעס אַ הוזק מאַכן? אָבער שױן בײ די ערשטע רײד האָט ראָזע מיט דעם װײכן קלאַנג פֿון איר מײדליש־װיבֿרירנדיקער שטים פֿאַרטריבן אַלע בײזע מחשבֿות.

ראָזע איז מאָדנע רירעװדיק און לעבנספֿול, דערבײ איז זי דאָך צאַרט און פֿאָרנעם. נישט נאָר אין די בלױע אױגן, נאָר אין איר גאַנצער שלאַנקער פֿיגור, אַפֿילו אין די ענג־געשפּיליעטע פֿערלמוטערנע קנעפּלעך פֿון אירע עלעגאַנט אָנגעצױגענע הענטשקעס, איז געװען עפּעס אַזױנס, װאָס האָט אַ צי געטון ליובינסקין פֿאַרן האַרץ.

ער האָט פּלוצלינג מיט שרעק דערפֿילט אַ מאָדנע זיסע פֿאַרלױרנקײט, װאָס קאָן אים, דעם גאַנצן קנאַקער, גלײך אַראָפּשלײדערן אין דעם טונקעלן אָפּגרונט פֿון טרױמערישער האַרץ־נאָגעניש. אין דער זעלבער רגע אָבער האָט זיך זײן פֿאַרמוטעטער שטערן אַ קנײטש געטון פֿון דעם שנײדנדיקן געדאַנק, אַז אַזױנס פּאַסירט מסתמא מיט אַלע יונגעלײט פֿון זײבע יאָרן, און אַז דאָ װעט דערפֿון אַרױסקומען בלױז אַ געמאַטערטער ראָמאַן מיט האַלב־לעכערלעכע האַרץ־קלעמעניש. האָט ער זיך גלײך אַ נעם געטון אין דער האַנט און טרוקן אַ פֿרעג געטון:

— װאָס האָט אײך אײגנטלעך צו מיר געבראַכט?

— כ'וועל אייך טאַקע שוין דערציילן מיין וויכטיקן פּלאַן. איר מוזט אויפנעמען אָט דעם פּלאַן, כ'זאָג אייך פריער, אָן פראַגן און דיסקוסיעס. איר הערט ?...

ראָזע איז מיטאַמאָל ערנסט געוואָרן. זי האָט שטרענג געזשמורעט אירע אויגן, נאָר אויפן פּנים האָט באַהאַלטן געפלאַטערט אַ קינדיש געלעכטער, וואָס איז גרייט יעדע רגע שטיפעריש אַרויסקנאַלן. זי האָט גערעדט מאָדנע גיך, גלייך ווי זי וואָלט געפערלעך מורא געהאַט פאַר יעדן מינדסטן איבערשלאָג.

— די מעשה איז אַזוי, ס'האָט זיך געשאַפן אַ שרעקלעכע לאַגע, די מגיפה פון עקזאַמענס האָט ווי אַ שוואַרצע פּעסט פאַרכאַפּט אַ האַלבע שטאָט. יונגעלייט, גימנאַזיסטן און עקסטערנעס, זענען ווי אויסגעשטאָרבן, און ליגן באַגראָבן אין די ביכער, ווי אין שוואַרצע קברים. ס'זעט אויס ווי אויף אַ בית=עולם. כ'האָב אַמאָל געהערט וועגן אַ שיינעם יידישן מנהג צו שטעלן, בשעת אַ מגיפה, אַ חופה אויפן בית=עולם. און אָט קומענדיקן זונטיק איז מיין געבורטס=טאָג, וויל איך מאַכן דערפון ביי אונז אין הויז אַ גאַנצע חתונה, אַ שטורמישן אָוונט, וואָס זאָל אויפטרייסלען די האַלב=טויטע יונגעלייט. ס'ווערן איינגעלאַדן די בעסטע גימנאַזיסטן און די ווילדסטע עקסטערנעס. און אַז מען רעדט וועגן ווילדע, זענט איר, פאַרשטייט זיך, דער ערשטער...

ליובינסקי האָט פאַרוואונדערט געלאַכט.

— אוודאי זענט איר אַ ווילדער מענטש, כע=כע=כע... איר זיצט שטענדיק אין אַ היטל, גלייך איר וואָלט געדאַוונט. אין טערקיי פאַרדעקן פרומע ווייבער דאָס פּנים, און ביי אונז פאַרדעקן פרומע יידן די קעפּ. נאָך אייער פלאַמענדיקער רעדע אַנומלט אויפן בית=עולם האָב איך אייך געשיקט אַ בריוול, אויף וועלכן איר האָט נישט געענטפערט. אַ ווילדער מענטש — און גאָר אַליין זענט איר פול מיט פייער און מ'קאָן פון אייך דאָך קיין פונק נישט אַרויסבאַקומען, כע=כע=כע... כ'האָב אָבער ליב ווילדע מענטשן. מיין טאַטע האָט מיר צוגעזאָגט איינצולאַדן אויפן אָוונט דעם יונגן רב שפּירא, אָט דעם געהויבענעם עקסטערן. ס'ווערט, דאַכט זיך, אויך קומען דער באַרימטער עקסטערן

גומינער, וואָס באַווייזט זיך נישט אפילו פאַר אייגענע עקסטער־נעס און איז, ווי מען זאָגט, די שענסטע בריאה צווישן אייך אַלעמען. ס'וועלן קומען אַלערליי מענטשן... דערמאַנט נישט וועגן מורינאָווס טויט, מ'האָט פאַר די פאָר וואָכן שוין גענוג גע־טרויערט. מיין געבורטס־טאָג איז אויך אַ געשעעניש און אויף דעם בית־עולם מוז מען פראַווען אַ מין חתונה, אַנישט וועט מען אויסגיין, ווי די פליגן... קנייטשט נישט, איך בעט אייך, אייער שטערן. קיינע פראַגן, קיינע דיסקוסיעס! איר וועט קומען און גאָר! לאָמיר, דאַווידאָוו, לאָזן זיך גלייך אין וועג. זונטיק זעקס אַ זייגער — איר הערט! אַ גוטן טאָג, אַ גוטן...

ווי אַ בליץ זענען זיי פאַרשוואונדן דורך דער טיר. ליו־בינסקי איז אַ ווײַלע געבליבן שטיין ווי צעטומלט. אין דער לופט האָבן נאָך וויברירט אירע העל־לאַכנדיקע קלאַנגען, וואָס די ווענט האָבן פאַרגאַפט אָפּגעהילכט. אַלץ אין חדר האָט געעטעמט מיט איר צויבער. ליובינסקי האָט גענומען „איר" שטול, צוגערוקט צום טיש און זיך געזעצט אַרום דעם נאָך אָפענעם בוך. צוערשט זענען די אויגן דורכגעלאָפן איבער שורות און גאָרנישט נישט געזעען. באַלד אָבער האָט זיך ליובינסקי אַ נעם געטון און פאַר־עקשנט ענערגיש געלערנט. און ערשט אין אַ שעה אַרום איז ער פלוצים אויפגעשטאַנען פון שטול און זיך אַדורכגעגאַנגען אי־בערן חדר. ער האָט מיט אינערלעכער הנאה געטראַכט, אַז ס'זענען געבליבן „בלויז" פיר טעג צו זונטיק. האָט ער איצט מאוימדיק קלאָר דערזעען, אַז ער קאָן זיך ראַנגלען מיט דער גייער וועלט אויף אַלע פראָנטן, אָבער נאָר נישט מיט דער זיסער פאַרליבטקייט. ניין, עס הייבט זיך גאָרנישט אָן! טאַקע ניין!

— בקיצור, זונטיק זעקס אַ זייגער — איר הערט!...

ליובינסקי האָט זיך צונויפגערעדט מיט שפיראָן, וועלכער איז געווען ספּעציעל איינגעלאַדן פון דעם באַנקיר לעווענשטיין און וועלכער האָט צוגעזאָגט קומען אויף אַ שעה שפּעטער. און טאַקע זונטיק אַרום זיבן אַ זייגער זענען אָט די ביידע געהויבענע „פרומאַקעס" אָנגעקומען צו לעווענשטיינס צווייגאָרנדיקן מויער.

די טיר האָט זיי געעפֿנט אַ דינער, אַ געזונטער אוקראַינישער שייגעץ, וואָס איז אָנגעטון ווי אַן עלעגאַנטער קוטשער, טראָגט רויטע אַרבל און אַ מין שוואַרצן לאַנגן זשילעט. ער האָט געפֿרעגט די נעמען פֿון די אָנגעקומענע און איז אויף אַ רגע פֿאַרשוואונדן. באַלד איז אַרויסגעקומען אַליין דער באַנקיר לעווענשטיין, וועלכער האָט זיך פֿאַרנייגט צו די געסט מיט שמייכלענדיקע אויגן און אפֿילו אַליין געהאָלפֿן זיי אויסטון די פאַלטנס.

אָסיפ אַרקאַדיעוויטש לעווענשטיין איז אַ מיטלוואוקסיקער,ברייטפלייציקער מענטש מיט שוואַרצע קלוגע אויגן און אַ גלאַט ראַזירט פנים, אויף וועלכן ס׳טיילן זיך אויס שוואַרצע וואָנסעס און רויטלעכע ליפן.

אַליין שטאַמט ער פֿון אַ קליין שטעטל אַרום מינסק. זיין פֿאָטער, אַ פֿרומער באַלעבאָס, אַ וואַלד-הענדלער, האָט אים אַפֿילו צוערשט אַוועקגעשיקט אין אַ ישיבה, אָבער שוין אין די יינגסטע יאָרן האָט ער אַרויסגעוויזן אַ הייסן טעמפעראַמענט און אַן אונטערנעמערישן גייסט.

ער איז אַנטלאָפֿן פֿון דער ישיבה, איז שפעטער אַוועק אין פעטערבורג, דאָרט רייך געוואָרן און מיט יאָרן צוריק זיך באַזעצט דאָ אין שטאָט, אַלס אַ באַנקיר מיט אַ גרויסן פֿאַרנעם. איז ער אייגנטלעך אַן אויפֿגעקומענער גביר און דאָך פֿאַרמאָגט ער אַ מין נאַטירלעכע אַריסטאָקראַטישקייט.

ער האָט געשעמט איבער דער גאַנצער געגנט מיט זיין אייגנאַרטיקער קלוגשאַפֿט, דערהויפט אָבער מיט זיין שאַרפֿער צונג און הייסן טעמפעראַמענט, וואָס מאַכן אים אָפֿט זייער עקסצענטריש און אָריגינעל. צו אים אין שטוב קומען די גרעסטע פריצים פֿון דער געגנט, דער גובערנאַטאָר אַליין האָט איינמאָל, דורכפֿאָרנדיק די שטאָט, אים געמאַכט אַ באַזוך. און כאָטש ער פֿירט זיין שטוב אויף אַ גוייש פריצישן שטייגער, איז ער אָבער דאָך אויסגעקאָכט אין דער קליינשטעטלדיקער יידישקייט, וואָס ער האָט מיט דער מוטערס מילך איינגעזויגן.

די אַלע קעגנזאַצן האָבן זיך ביי אים באַזונדער צוגעשפיצט

דורך אַ מין רויער אַרטיסטישקייט, וואָס לאָזט אים נישט זעלטן ביי זיין גאַנצער קלוגשאַפט זיך פּלוצים אָנצינדן און וואַרפן זיך פון איין שטימונג אין דער אַנדערער. אָט ווערט ער אויפגעקאָכט אין אַ פייערדיק־פּאַטעטישער רעדע און פון עכטער אויפרעגונג באַווייזן זיך אויף דעם בלאַס געוואָרענעם פּנים שוואַרצע קרייזן אַרום די אויגן, און אָט קאָן ער ווערן מעשה שאַלטיק לייכטזיניק, שיט מיט וויצן און געפעפערטע אַנעקדאָטן און זיינע דונער־לאַכנדיקע קולות טראָגן זיך מיט אַ הפקרדיקן אימפּעט.

זענען אים אויף אַ טשעקאַוועס געפעלן געוואָרן אָט די אָנגעקומענע יונגעלייט מיט זייערע רבניש־הויכע שטערנס און פרום־אויסגעאיידלטע פּנימער. זיי האָבן אין אים אַרויסגערופן אַ מין פּאַטעטישן דרך־ארץ צו זייער וואָגיקער אויסגעהאַלטנקייט, גלייכצייטיק אָבער האָט זיך אין אים געוועקט אַ לייכטזיניקער חשק הומאָריסטיש צו געניסן דעם טשעקאַווען צוזאַמענשטויס פון אָט די ביידע פרומאַקעס מיט דער לוסטיקער פאַרגוויישטער יוגנט דאָרט אין סאַלאָן. ביי אים האָבן די אויגן געפינקלט מיט גרויס דרך־ארץ און באַהאַלטן שטאַרקן הומאָר.

— ס'איז מיר אַ גרויס פאַרגעניגן אייך אויפצונעמען ביי מיר אין שטוב, מ'האָט מיר זייער פיל פון אייך דערציילט... איר טוט נישט אויס די היטלען? גוט, ווי איר ווילט...

ער האָט זיי כמעט פייערלעך געפירט אונטער די אָרעמס דורך אַ לאַנגן חדר צום סאַלאָן־צו, פונוואַנען ס'האָבן זיך געטראָגן פונדערווייטנס פריילעכע קולות און געלעכטער. דורכגייענדיק אַ פּאָר טריט, האָט שפּיראָ פּלוצים באַפרייט זיין האַנט פון אונטער לעווענשטיינס אָרעם און אויף זיין געהויבענעם שטייגער האָט ער שטרענג אַ קוק געטון אויפן גרויסן באַנקיר פון אויבן אַראָפּ. איז ביי לעווענשטיינען מיטאַמאָל פאַרשוואונדן דער הומאָריסטישער גלאַנץ פון די אויגן, נאָר באַלד איז פאַרגעקומען אַן אומגעריכטער אינצידענט. פון סאַלאָן נעמלעך איז ראָזע אַרויסגעלאָפן אַנטקעגן די געסט. זי גייט אין אַ העל־בלויער זיידענער בלוזע און איר שטראַלנדיקע שיינקייט האָט אַרויסגעאָטעמט אויך פון דעם פאַרוואָרפנסטן קנייטש אויף איר בלוי־זיי־

דענער בלוזע. דערזען די געסט, האָט זי זיך פריילעך אַ נייג געטון און דערלאַנגט צוערשט די האַנט דעם רב שפּיראָן. איז אָבער שפּיראָ אַ פרומער רב, וואָס גיט נישט אַ פרוי די האַנט, ער האָט זיך בלויז מיט אַ רבניש־אייגנאַרטיקער עלעגאַנץ אַ נייג געטון און געלאָזט ראָזעס האַנט בלייבן הענגען אין דער לופט. ראָזע איז רויט געוואָרן, געכאַפּט אַ בליק אויף די מאָדנע פּאַר־שוינען מיט די היטלען אויף די קעפּ און גלייך געווענדט איר׳ע פאַרוואונדערטע אויגן צום פאָטער. האָט זיך ווייטער ביי לעווענ־שטיינען אין די אויגן באַוויזן אַ הומאָריסטישער גלאַנץ.

— דו מעגסט זיך, ראָזע, שעמען — האָט ער צו איר שמייכלענדיק אַ זאָג געטון, — דו ענדיקסט שוין באַלד גימנאַזיע און דו ביסט נאָך אַזוי אומגעבילדעט נישט צו וויסן, דאָס אַ רב גיט נישט אַ פרוי די האַנט...

ראָזע האָט זיך האַלב־פאַרוואונדערט צעלאַכט און איז מיט גיכע טריט אַריינגעלאָפן פאַר פריער אין סאַלאָן. דאָרט איז אַ רגע שטיל געוואָרן: ראָזע האָט דאָרט אין אַ שטיפעריש־געהיי־מען טאָן דערציילט די בשורה וועגן די אָנקומענדיקע טשעקאַווע געסט... טאַקע באַלד איז לעווענשטיין אַריין מיט זיי צוזאַמען אין סאַלאָן.

אין דעם גרויסן סאַלאָן איז געשטאַנען אינמיטן אַ לאַנגער טיש און קליינע טישלעך ביי די זייטן. אַנטקעגן דעם העלן ליכט פון די לאָמפּן האָבן געבלישטשעט שיינע זילבערנע כלים אויפן טיש. צווישן וואַזעס מיט בלומען זענען געשטאַנען אין אַ שיי־נער סימעטריע טאָרטן, פרוכטן און פאַרשידענע געבעקסן. דאָ און דאָרט שטייען פיינע גראַפינעס מיט קאָניאַק און ליקער, דינערינס, אין ווייסע פאַרטוכער, האָבן געטראָגן טיי פאַר די געסט, דערהויפּט אָבער האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן דער פאַרשידנפאַרביקער עולם, וואָס ראָזע האָט אויף דעם זונטיק איינגעלאַדן.

זי האָט מיט גרויס מי אויסגעפּועלט ביי די עלטערן צו מאַכן אַן אָוונט לויט איר אייגענעם געשמאַק, און אַזוי אַרום

האָט זי אומגעשטערט אַרויסגעוויזן איר מיידליש־אַוואַנטוריסטישן דראַנג.

ווי די מיינסטע יונגעלייט, איז זי געווען באַרירט פֿון די מאָדערנע גייסטיקע שטרעמונגען, ס׳האָבן זי אַוואַנטוריסטיש גערייצט די געהיימע סאָציאַליסטישע און ציוניסטישע קרייזלעך אין און אַרום גימנאַזיע. זי האָט נישט קיין געדולד אַריינצוקלערן זיך אין אָט די אַלע זאַכן, האָט אָבער דאָס חיות ליב שטורמישע דיסקוסיעס און ליידנשאַפֿטלעכע צוזאַמענשטויסן, גענאָסן מיט חשק די לופֿט, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט גייסטיקן פֿולווער. האָט זי אומישנע איינגעלאַדן עלעגאַנטע יוגנט און „ווילדע“ עקסטערנעס, מענטשן פֿון פֿאַרשידענע וועלטן. זי האָט נישט נאָר מורא געהאַט, נאָר פֿאַרקערט, מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם געוואַרט אויף סקאַנדאַליעזע צוזאַמענשטויסן פֿון פֿאַנאַטישע קעגנער. נאָך פֿאַר פֿריער האָט זי שטיפֿעריש־מאוימדיק פֿאַרזאָרגט אַלע איינגעלאַדענע, מ׳זאָל קיין איין וואָרט נישט דערמאָנען וועגן גימנאַזיע און עקזאַמענעס.

ס׳זענען דאָרט געווען גימנאַזיסטן פֿון אַכטן קלאַס אין אוניפֿאָרמען מיט זילבערנע קנעפּ (ביי די מיינסטן זענען די אוניפֿאָרמען פֿון אויבן אָפּגעשפּיליעט אויף צוויי־דריי קנעפּ, וואָס גיט צו זייערע יוגנטלעכע פּנימער אַ באַזונדערן חן פֿון בחורישער אויפֿגעבונדנקייט) ; גימנאַזיסטקעס אין זומערדיקע העל־פֿאַרביקע בלוזעס. אַרום דער שטרענג אַריסטאָקראַטישער פֿרוי לעווענשטיין זענען געזעסן אייניקע עלעגאַנטע פֿרויען און הערן פֿון דער געזעלשאַפֿט. ס׳זענען אויך געווען אייניקע קינסטלער־געסט, צווישן זיי די גרעפֿין קוזניצקי מיט דעם גאָלדענעם לאָרנעט אין דער האַנט. זי איז געקומען מיט איר ייִנגערן ברודער, אַ סטודענט פֿון פּעטערבורג, וואָס איז אַהער אַראָפּגעפֿאָרן אויפֿן זומער און געזוכט יעדע געלעגנהייט צו זיין אין ראָזעס געזעלשאַפֿט. אויך דער רוסישער גימנאַזיע־לערער פֿון געשיכטע, בוליגין, אַ בלאָנדער יונגערמאַן מיט גאָלדענע פּענסנע. פֿון עקסטערנעס זענען געווען מאָניע טאַלצינער מיט דעם לעבנסלוסטיקן געזיכט־אויסדרוק און דעם שיין־אויסגעבונדענעם שניפּס, אויך דער „אָנ־

געשטאָפּטער זאַק", ראַטנער און דער „אייביקער עקסטערן", מינדלין, אויך לייבעלע ריאַבטשיק, דאָס קורצוואוקסיקע בחור׳ל מיט די שמייכלענדיקע אויגן. און ווייל ער איז קינדיש־שטראַלנדיק און זייער שעמעוודיק, האָט אים ראָזע אויף אַ טשעקאַוועט געזעצט לעבן אַ שיינער גימנאַזיסטקע. איז ער נאָך שעמעוודיקער געוואָרן, איז אָבער מיט קינדישער הכנעה געזעסן ווי צוגעקאָוועט.

ביי אַ זייטיק טישל איז געזעסן באַביצקי, וועלכער האָט דורך מאַניע טאַלצינער באַקומען אַן איינלאַדונג. ער איז איצט געזעסן מיט אַ פאַרפלאַמט פּנים און איז ווי אַלעמאָל פון גרויס בושה געווען מאָדנע אויפגעבונדן. באַזונדער האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן ליפּנער מיט דער גרויער קורטקע. דאָס האָט ראָזע דורך פאַרשידענע מיטלען אויסגעפירט, מ׳זאָל אַראָפּברענגען אָט דעם ווילדן עקסטערן (זי האָט נאָכדעם דערויף ביטער חרטה געהאַט). צווישן דער גאָלדענער יוגנט דאָ אין סאַלאָן האָט געהערשט אַ פאַרציקטע פּרילינג־שטימונג, פאַרשאַרפט דורך דער קוים איינגעהאַלטענער שפּאַנונג, וואָס די שיינע ראָזע האָט אַרויסגערופן ביי אַלע יונגעלייט.

און אָט האָבן זיך אַלע אַ קער געטון צו די ביידע אַריינקומענדיקע געסט. אין די לאַנגע קאַפּאָטעס מיט די היטלען אויף די קעפּ, האָבן ביידע, יעדער אויף זיין אופן, איבערראַשט מיט דעם אייגנאַרטיקן געזיכטס־אויסדרוק. מ׳האָט גלייך געקאָנט אין זיי זען עפּעס איינגעשפּאַרט־אייגנס, וואָס לאָזט זיך נישט לייכט פאַרלירן. לעווענשטיין האָט זיי פייערלעך פאָרגעשטעלט, נאָר אין זיין קול האָט נאָך אַלץ מיטגעקלונגען אַ האַלב הומאָריסטישע נאָטקע. צוליב ראָזען פלעגן גימנאַזיסטן תמיד מיט איבערגעטריבענעם דרך־ארץ געדולדיק פאַרנעמען די עקסצענטרישע אויסברוכן פון איר פאָטער. זיי האָבן אָבער קיינמאָל נישט, ווי אויך איצט, נישט געקאָנט פאַר־פריער טרעפן פון די ערשטע רייד, צי וועט ער, לעווענשטיין, אַריינפאַלן אין הויך־גראַדיקן פּאַטאָס אָדער אין שטורמיש־פרייילעכער גלייכוועטלדיקייט.

— אָט איז דער באַרימטער רב שפּיראָ און אָט איז דער

נישט ווייניקער באַרימטער הער ליובינסקי — ביידע גרויסע, כּמעט געפערלעכע, יידישע געלערנטע און דערביי אויסגעצייכנטע עקסטערנעס...

לעווענשטיין האָט ברייט פונאַנדערגערוקט די שטולן און געזעצט זיי לעבן זיך אויבנאָן. גרעפין קוזניצקי האָט איצט בייגיריק אָנגעשטעלט דעם גאָלדענעם לאָרגנעט אויף דעם געהויבענעם רב שפּיראָ, וועלכער איז איצט אַזוי אימפּאָזאַנט געזעסן אַרום טיש. זי האָט אין אים גלייך באַמערקט און באַוואונדערט די אייגנאַרטיקע עלעגאַנץ פון אַ הויך־שטייענדיקער גייסטלעכער פּערזאָן. די שטאָלצע האַלטונג פון זיין גרויסער פיגור, דער לחלוטין רויקער און דאָך שטרענגער בליק, די אומדערשיטערלעכע זיכערקייט פון זיינע באַוועגונגען — דאָס גאַנצע באַנעמען האָט אַרויסגעוויזן אַ מין נאַטירלעכע, כּמעט זעלבסטפאַרשטענדלעכע און טאַקע דערפאַר פאַסצינירנדיקע, געהויבנקייט. ער קוקט רויק־פאַרטראַכט עטוואָס אין אַ זייט גלייך ווי די גאַנצע געזעלשאַפט גייט אים נישט אָן, די אויגן זענען ביי אים ווי באַדעקט מיט אַ קוים באַמערקבאַרן נעפּל. גלייכצייטיק אָבער ווענדט ער זיך צו די אַרומיקע מיט אַ נאַטירלעך פריינטלעכן שמייכל, וועלכער הייבט זיך אָן באַלכסון אין דעם לינקן ווינקל פון מויל און פאַרלירט זיך אין דער קליינער שוואַרצער באָרד, נישט דערגייענדיק אַפילו צום רעכטן ווינקל. מיט אַ פעסטער שטימע ציילט ער געלאַסן וואָגיקע ווערטער. אַלע אין סאַלאָן האָבן דערשטוינט אויף אים געקוקט און נישט ווילנדיק זענען כּמעט אַלע געווען פאַסצינירט פון זיין פּערזענלעכן איינפלוס. האָט זיך ביי לעווענשטיינען ווידער אויסגעלאָשן דער הומאָריסטישער גלאַנץ אין די אויגן און אויף זיין פּנים האָבן יונגעלייט שוין דערקענט, אַז אָט־אָט קומט אָן אַן אומגעריכט־פּאַטעטישער אויסברוך. טאַקע באַלד האָט לעווענשטיין מיט גרויס פאַרכאַפּטקייט זיך געווענדט צו שפּיראָן און ליובינסקין. און ווי אַלע מאָל, בשעת ער רעדט, האָט ער איינגעהויקערס די פּלייצעס און עטוואָס געזשמורעט מיט די אויגן:

— אָפן גערעדט, קוק איך אויף אייך מיט אַ געוויסער

התפעלות. אָט זיצן דאָ ביים טיש די געבילדעטסטע יונגעלייט פון שטאָט: וואָס זיי ווייסן — ווייסט איר נאָך בעסער, און וואָס איר ווייסט — ווייסן זיי גאָרנישט. מיט אַן אומדערהערטער גרינטלעכקייט, ווי ס'איז שוין אין דער גאַנצער שטאָט באַקאַנט, האָט איר איינגעזאַפּט די מאָדערנע בילדונג. דערביי אָבער טראָגט איר אין קאָפּ די יידישע חכמה פון דורות, דעם גייסטיקן זאַפּט פון גאַנצע יאָרהונדערטן... ס'איז דאָך אַן אומזין, אַז אַ סטודענט זאָל זיך וועלן גרייסן אַנטקעגן אייך, וואָס ער קאָן טאַנצן מיט מיידלעך און דרייען זיך פאַר זיי אויפן קאָריק. הער נאָר אויף, ראָזע, צו שמייכלען — כ'האָב געזען אַ וועלט און ווייס וואָס כ'רעד. מענטשן נעמען אַרום אין זיך פאַרשידענע וועלטן — טאַקע וועלטן! און אַז...

לעווענשטיין האָט זיך צעהיצט, און ווי אַלע מאָל אין פּאַטעטישע מאָמענטן, האָבן זיך ביי אים אויפן בלאַס געוואָרענעם פּנים באַוויזן שוואַרצע קרייזן אַרום די אויגן.

— ...אַנומלט האָט דאָס מיניסטעריום אין פּעטערבורג געצאָלט גרויסע טויזנטער פאַר אַן אַלט-גריכיש בילד, כדי עס צו פאַרצייכענען אין מלוכה-מוזיי. טאַקע דערפאַר, וואָס דאָס אַלטע בילד גיט אונז אַ בלייבנדיק געשטאַלט פון אַ לאַנג-פאַרשוואונדענער קולטור. און אָט די יונגעלייט טראָגן אין זיך דאָס גייסטיקע געשטאַלט פון לאַנג-פאַרגעסענע באַרימטע דורות. זענען זיי דערביי אָבער נישט קיין טויטע בילדער, נאָר שטאַרקע לעבנסנאַטורן, וואָס שטייען אויף דער הייך פון דער צייט און האָבן נאָך קראַפט זיך צו שטעלן אַ נ ט ק ע ג ן דער צייט. זיי טראָגן געשיכטע אין זיך אַליין און גלייכצייטיק פאַרמעסטן זיי זיך צו שאַפן געשיכטע, וואָס...

ביי שפּיראָן איז דער קוים באַמערקבאַרער נעפּל אין די אויגן עטוואָס געוואָרן געדיכטער און אויף זיין פּנים האָט זיך אַרויסגעוויזן די מינע פון אַ מענטש, וואָס הערט מיט פריינטלעכער געדולד אומנייטיקע רייד, צווישן די פאַרזאַמלטע געסט האָט זיך געפילט אַ פּיינלעך אָנגעשטרענגט שווייגן. האָט זיך לעווענ-

שטיין פלוצים אָפגעשטעלט און שוין גאָר מיט אַ הומאָריסטישן טאָן אַ פרעג געטון.

— צי קלערט איר נישט, הער שפּיראָ, אַז איך בין נישט אינגאַנצן ביים זינען? וואָרים ווי קומט עס אַ באַנקיר און נאָך דערצו אַ בעל־תּאווה, אַזוי הויך צו טרומייטערן, כע־כע־כע...

שפּיראָ האָט שמייכלענדיק געשוויגן. נאָר די שטרענג אַריסטאָקראַטישע פרוי לעווענשטיין, וואָס האָט קיין מאָל נישט געקאָנט פאַרטראָגן די עקסצענטרישע אויסדרוקן פון איר מאַן, האָט אים צאָרנדיק פאַר אַלעמען אָפגעשניטן:

— כ'הייב נישט אָן צו פאַרשטיין, וואָס דו האָסט אַזוי אויפגעזאָטן. ס'איז, דאַכט מיר, גאָר אַ קליין פאַרדינסט צו זיין אַ בלינדער פאַנאַטיקער און טראָגן אויפן קאָפ פאַרשימלטע פאָליאַנטן פונם טויטן תּלמוד. ס'איז אַ פיל גרעסער פאַרדינסט, ווען מען האָט מוט צו פאַרגעסן אַ טויטע עפּאָכע און זי אַזוי אַוועקשליידערן, אַז זי זאָל זיך נישט פּלאָנטערן די לעבעדיקע פאַר די פיס...

ערשט איצט האָט שפּיראָ אַ קער געטון דעם קאָפּ און רויק, אָבער שטרענג אַ זאָג געטון:

— אייערע אויסגעהאַלטענע רייד, פרוי לעווענשטיין, דערמאַנען דעם שיינעם ביבלישן אויסדרוק פון קהלת: „בעסער אַ לעבעדיקער הונט, איידער אַ טויטער לייב". די זאַך איז אָבער, וואָס ווי לעבעדיק אַ הונט זאָל נישט זיין, איז פאַר אים שווער, געפערלעך שווער צו דערקענען — צי דער לייב איז טאַקע טויט, צי ער איז נאָר איינגעדרימלט און וועט זיך אָט־אָט אויפכאַפּן מיט אַ פרישער מאַוימדיקער קראַפט. אַן אַלטע פלומרשט אָפּגעלעבטע קולטור, וואָס זעט אויס גאַנצע יאָרהונדערטן ווי טויט, טוט זיך פלוצים אַ טרייסל (ווי דאָס איז געשען מיט דער אַלטער גריכישער קולטור אין דער רענעסאַנס־צייט) און וואַרפט לעבעדיקע דורות אין אַ קרעפטיקן קדחת פון באַגייסטערונג. דאָס טרעפט נישט נאָר מיט אַ קולטור, נאָר אויך מיט דער וויג פון אַ קולטור, מיט איר געבורטס־לאַנד. אָט איז פאַלעסטינע געווען גאַנצע יאָרהונדערטן אַ טויטער מדבר, בלויז אַלטע זקנים פלעגן

פאָרן אַהין דאַוונען און שטאַרבן. און פּלוצים האָט דאָס פלומרשט טויטע לאַנד אויפגעוואַכט אין דעם באַוואוסטזיין פון היינטיקער צייט און אַרויסגערופן פאַר אונזערע אויגן אַזאַ שטורמישע ציוניסטישע באַוועגונג און...

פרוי לעווענשטיין איז געווען זייער אויפגערעגט — זי האָט זיך געפילט שאָקירט דורך דעם משל מיט דעם הונט. האָט זי שוין נישט געקאָנט פאַרטראָגן די זיכערע געהויבנקייט פון אָט דעם „רבנישן שלעפער". זי האָט מיט נערוועזער אומגעדולד אים איבערגעריסן:

— וואָס טויג אָט די גאַנצע פוסטע סכאָלאַסטיק, רעליגיע, ציוניזם, סאָציאַליזם — זענען טויטע אילוזיעס, וואָס גייסטלעכע, שווינדלער און אַוואַנטוריסטן נוצן אויס, כדי צו פאַרפירן און עקספּלואַטירן די פינסטערע מאַסע...

ביי שפּיראָן איז ווידער דער נעפּל אין די אויגן שטאַרק געדיכט געוואָרן. ער האָט ערנסט, רויק אַ צי געטון די ברעמען און דערביי פריינטלעך־געדולדיק געשמייכלט מיט דער מינע פון אַ מענטש, וואָס מוז שווייגנדיק איבערהאַקן אַ פאַרבלאָנדזשעטן שמועס. איז אָבער אָט־וואָס פאָרגעקומען. ליפנער איז פּלוצים אויפגעשפּרונגען און אַ בלישטשע געטון מיט די אויגן אויף פרוי לעווענשטיין, וועלכע איז געזעסן כמעט אַנטקעגן אים ביי יענער זייט טיש. אַלע האָבן זיך דערשראָקן פאַרוואונדערט אַ קער געטון, אָבער נאָך איידער מ׳האָט צייט געהאַט זיך אומצוקוקן, האָט ליפנער מיט פאַראַכטונג אַ שפּיי געטון אין דער לופט און זיך אַ לאָז געטון צו דער טיר. שוין ביי דער סאַמע שוועל האָט ער ערגעץ פון אַ קעשענע אַרויסגעכאַפּט אַ בליישטיפט און מיט אַ ווילד געלעכטער עס אַ וואָרף געטון דער פרוי לעווענשטיין אין פנים. ס׳האָט זיך אויפגעהויבן אַ טומל, ליפנער איז אָבער גלייך פאַרשוואונדן דורך דער טיר.

פרוי לעווענשטיין איז צוערשט בלאַס געוואָרן פון אויפרע־גונג. נאָר דאָס פאָרגעקומענע איז געווען אַזוי אומגעלומפּערט און ליפנערס רעפּוטאַציע פון אַ משוגענעם פאַנאַטיקער איז שוין געווען אַזוי באַקאַנט, דאָס נאָך דעם ערשטן אויגנבליקלעכן טומל

האָבן אַלע, אַפילו פרוי לעווענשטיין אַליין, עס אָנגעזען ווי אַ קאָמישן אַנעקדאָט. אַזאַ ווילדער משוגענער! אַנומלט, האָבן גימנאַזיסטן דערציילט, האָט ער, בשעת דעם דערלאַנגען די פּאַפּירן אין גימנאַזיע, אַזוי ווילד געשריגן אויף דעם דירעקטאָר, דאָס פון אַלע קלאַסן איז מען זיך צונויפגעלאָפן. ראָזע האָט לאַכנדיק דערציילט וועגן ליפּנערס ערשטן צוזאַמענשטויס מיט דאַווידאָוון, וועלכער האָט איצט אַליין אויף אַ טשעקאַוועס עס נאָכגעמאַכט.

דערווייל האָט דער פריערדיקער ערנסטער שמועס אָפּגעבראָכן און גלייכצייטיק האָט אָפּגעלאָזט די אָנגעשטרענגטע אויפמערקזאַמקייט צום רב עפּיראָן. יונגעלייט האָבן פרייליך אָפּגעאָטעמט. ס'האָבן גלייך אין אַלע עקן אַ ברויז געטון אומגעצוואונגענע שמועסן און מ'האָט זיך געלאָזט וואוילגיין. ווער ס'גיסט זיך אַריין אַ גלעזל קאָניאַק אין טיי, ווער ס'פאַרבייסט אַ געשמאַקע קאָנדיטער-נאַשעריי און ווער ס'קוויקט זיך מיט אַ שיינעם קרימער עפּל. און כאָטש צווישן די וואַזעס מיט בלומען זענען געשטאַנען אויפן לאַנגן טיש פיל טאָרטן, אייגענע און געשיקטע צום געבורטס-טאָג, האָט מען דאָך איצט צוגעטראָגן צום טיש צוויי פרישצאַפּלדיקע נוס-טאָרטן. ראָזע האָט אַליין מיט לוסטיקן ערנסט צעשניטן די קיילעכדיקע טאָרטן אויף שמאָלע סעקטאָרן און מיט שטיפערישע אויסגעשרייען אַלעמען צעטיילט. פרייליכע שמועסן, שמייכלענדיקע פּנימער, ברויזנדיקע וויצן און געלעכטער. ראָזע איז איצט געזעסן צווישן דעם יונגן גראַף, סטודענט קוזניצקי, און דעם גימנאַזיע-לערער בוליגין. זי האָט זיך מיט ביידן עלעגאַנט-שטיפעריש געווערטלט. מ'האָט זיך צווישן עולם געוואונדערט, וואָס ליובינסקי האָט די גאַנצע צייט געשוויגן, ער איז געווען ווי באַנומען און ביי ביידן האָט אַלץ מער געלויכטן אין די אויגן אַ פלאַטערנדיק פייערל.

פּלוצים האָט ראָזע אין האַלב-ערנסטער שרעק אַ פּאַטש-געטון מיט די הענט: וואו איז לייבעלע ריאַבטשיק? אין דעם פריערדיקן טומל האָט ער זיך אַפּנים שטילערהייט אַרויסגעגנבעט און פאַרשוואונדן. ראָזע אַליין איז געווען אין דעם שולדיק. זי

האָט פריער אַלע וויילע געקוקט אויף לייבעלען, שטיפעריש געוואונקען צו אים מיט די אויגן. אייניקע מאָל האָט זי אפילו האַלב־מוטערלעך, האַלב־שטיפעריש אים אַ גלעט געטון איבערן פּנים. זענען ביי אים פון בושה און שרעק די אויגן גרויס געוואָרן, ער האָט אויסגעזען ווי אַ קינד, וואָס האָט זיך אַריינגעכאַפּט צווישן גרויסע און זוכט מיט אַלע מיטלען זיך אַרויסצוראַטעווען. ראָזע איז איצט געווען אויסער זיך, האָט זיך גאָרנישט געלאָזט טרייסטן, ביז גראַף קוזניצקי און בוליגין האָבן פּאַמעלעך זי ווידער אַריינגעצויגן אין דעם עלעגאַנט־שטיפערישן שמועס.

נאָר אויבנאָן האָט זיך לעווענשטיין נעבנטער צוגערוקט צו שפּיראָן און צו ליובינסקין. ער איז שוין ווייטער פּאַטעטיש און מיט שוים אויף די ליפּן רעדט ער צו זיי ביידן. ער, לעווענשטיין, זעט אין דעם ווילדן ליפּנער יענע גרויזאַמע סטיכיע, וואָס וועט אַמאָל אַראָפּשווענקען אַלע סאַלאָנען. אָט די ליפּנערס זיצן דאָך נישט אין אַ דול־הויז, נאָר ווען קורצזיכטיקע מענטשן טרינקען אומבאַוואָרט טיי מיט קאָניאַק, האָבן די ליפּנערס שטענדיק אין זינען זייערס, שאַפן אויפרייס־מאַטעריאַל און זאַמלען אונטערערדישע כּוחות. וועט מען זיך באַצייטנס נישט כאַפּן, וועט... פלוצלינג האָט ביי אַ זייטיק טישל אויסגעשאָסן אַ הילכיק געלעכטער. פיל האָבן זיך נישט ווילנדיק אומגעקוקט. אַהאַ! דאָרט זיצט דער אייביק־לוסטיקער אַבראַשאַ בראָן: קנייטשנדיק מיט אַ קאָמישן ערנסט דאָס פּנים, דערציילט ער עפּעס אַזוינס, דאָס די צוהערער האַלטן זיך פאַר די זייטן. ראָזע האָט געלאָזט דעם גראַף און דעם גימנאַזיע־לערער און צוגעלאָפן צום לאַכנדיקן טישל. איז שוין ווייטער פאָרגעקומען אַן אומגעריכטער אינצידענט.

פּלוצים האָט דער דינער אָנגעזאָגט וועגן דעם אָנקומען פון אַ נייעם גאַסט. פון די נאָענטע חדרים האָט זיך דערהערט אַן עלעגאַנטער סקריפּ פון שיך, ברייטע און זיכערע טריט. אויף דער טיר פון סאַלאָן האָט זיך באַוויזן דער באַרימטער עקסטערן, גומינער. לעווענשטיין איז אים אויפגעשטאַנען אַנטקעגן, אַלע האָבן אים פאַרוואונדערט אָנגעקוקט און באַגריסט.

נישט נאָר זיין געהיימע באַרימטקייט, נאָר שוין זיין אויסזעען אַליין האָט דאָ געמאַכט אין סאַלאָן אַ סענסאַציע. מיטלוואוקסיק, ברייט־פלייציק און פעסט געבויט, איז ער גלייכצייטיק מאָדנע גראַציעז אין דער האַלטונג פון זיין שטאַרקער פיגור, אין זיין גאַנג און אויפטרעטן. אויף דעם ראָז־פרישן, גלאַט־ראַזירטן פנים לויכטן אַרויס פון אונטער דעם הויך־געוועלבטן שטערן העלבלויע אויגן און אַרום די צירלעך, קליינע בלאָנדע וואָנסעס שלענגלט זיך כמעט שטענדיק פון דער לינקער זייט אַ האַלב אירנאָנישער שמייכל. זיינע לאַנגע נאָך הינטן־פאַרקעמטע טונקעלע האָר, דער ברייט אויסגעבונדענער שניפס און דאָס שיינע בלויע אַנצוג זענען ווי דורכגענומען פון אַ מאָדנער ציכטיקער עלעגאַנץ. אין דעם שיין געטאָקטן פנים, ווי אין זיין גאַנצן וועזן, איז געווען אַ האַרמאָנישער צונויפמיש פון טרוימערישער ווייכקייט און פעסט־ניכטערער טיפזיניקייט. דערהויפט אָבער האָט ער, רעדנדיק מיט אַ ווייכער ברוסט־שטימע, אַרויסגעוויזן נאַטירלעכע פאָרנעמקייט פון אַ געבוירענעם שררה. פונוואַנען קומט דאָס אַלץ צו אַ יידישן עקסטערן און ווער איז ער?

אין שטאָט איז זיין נאָמען געוועזן אַרומגערינגלט כמעט ווי מיט אַ געהיימניש. ער איז געקומען אַהער אין שטאָט אין די ערשטע ווינטער־חדשים, אָבער קיינער ווייסט נישט, ווען אייגנטלעך, אין וועלכן חודש ער איז אַהער געקומען, און ווען האָט ער זערלאַנגט די פאַפירן אין גימנאַזיע. שטענדיק איינזאַם, פאַר זיך, האָט ער געוואוינט אָפגעזונדערט און זיך מיט קיינעם נישט געחברט. אַ פאָר מאָל זענען עקסטערנעס צו אים געקומען, האָט ער זיי גלייך איבערראַשט מיט זיין אַריסטאָקראַטישן אויסזעען און העפלעכע מאַניערן, וואָס שטעלן יעדן אַריינקומענדיקן אויף אַ געוויסער דיסטאַנץ. אינם שמועס מיט עקסטערנעס מיידט ער אויס אַלע רייד וועגן גימנאַזיע און עקזאַמענס, לאָזט זיך אָבער אַריין גערן אין שמועס וועגן פאַרשידענע גייסטיקע פראָבלעמען, וויזט אַרויס דערביי איבערראַשנדיקע טיפקייט, פילזייטיקע אָנגעלעזנקייט, עלאַסטישע שפראַך־מאַניערן. ס'האָבן זיך געטראָגן קלאַנגען, אַז ער שרייבט ערגעץ אין אַ מאָסקווער זשורנאַל קרי־

טישע אַרטיקלען אונטער אַ פסעוודאָנים, און אַז ער פאַרענדיקט איצט אַן אייגן פילאָזאָפיש ווערק. קוקנדיק אויף אים, האָט מען אַזוינס געקאָנט גלייבן. ס'האָבן זיך אויך געטראָגן קלאַנגען, אַז ער איז אַ מיטגליד אין צענטראַל־קאָמיטעט פון אַ געהיימער סאָציאַליסטישער פאַרטיי און איז אַהערגעקומען אין שטאָט מיט אַ „באַזונדערער" מיסיע.

פון זיין ביאָגראַפיע האָט מען געוואוסט קנאַפע פרטים. זיין פאָטער איז געווען ערגעץ אין דער ליטע (די שטאָט ווייסט קיינער נישט אָנצוגעבן) אַ גרויסער רב, אַ באַקאַנטער גאון אין יענער געגנט. אויף דעם צוועלפטן יאָר איז ער געבליבן אַ יתום. דעמאָלט איז ער אַריבערגעגאַנגען צו זיינס אַ רייכן אַריסטאָ־קראַטישן פעטער, וואו ער האָט זיך די גאַנצע צייט דערצויגן. מ'האָט אויך געוואוסט, אַז גומינער וויל דורכויס נישט לעבן אויפן פעטערס חשבון. דער דירעקטאָר פון דער היגער גימנאַזיע האָט אים רעקאָמענדירט אויף לערער־שעהן אין אייניקע רייכע הייזער, וואו מ'האָט אים אויפגענומען מיט גרויס דרך־ארץ. וואָס מער ער קומט אין אַזוינע הייזער, אַלץ מער האָט מען פאַר אים אָפשיי. דערהערט מען נאָר פון ווייטן דעם ספּעציפיש עלע־גאַנטן סקריפּ פון שיך, טוט מען זיך אַ קער: „גומינער גייט, גומינער..."

אפילו די שטרענג אַריסטאָקראַטישע פרוי לעווענשטיין האָט אים דאָ אין סאַלאָן מיט גרויס רעספּעקט אויפגענומען און גאָר־נישט געוואוסט, וואָס מיט אים צו טון. און די שטיפעריש־לוסטי־קע ראָזע איז פון איבעראַשונג אַ ווײַלע עפּעס ווי שטילער גע־וואָרן און האָט אים מיט נאַיווער, כמעט קינדלעכער העפלעכקייט באַדינט. זי האָט עס אָבער נישט לאַנג אויסגעהאַלטן און טאַקע באַלד אַ פרעג געטון מיט אַ לעבעדיק געלעכטער:

— פאַרוואָס, הער גומינער, ציט איר אויף זיך אַן אַזאַ געהויבענע כמאַרע און באַהאַלט זיך פאַר דער גאַנצער וועלט?

— איך? איך באַהאַלט זיך נישט פאַר קיינעם...

און כאָטש אונטער די קליינע בלאָנדע וואָנסעס שלענגלט זיך ברייט אַ מילדער שמייכל און די ווייכע ברוסט־שטימע לאַש־

טשעט דאָס אויער, קוקט ער אָבער כמעט נישט אויף ראָזען און זיין געזיכט ווערט עטוואָס ערנסט. ער האָט זיך אַ קער געטון צו שפּיראָן, פון וועמען ער האָט אַפּנים געהערט און מיט וועמען ער האָט זיך געוואָלט אויף זיין שטייגער אַריינלאָזן אין אַ שמועס. האָט אָבער שפּיראָ אַרויסגענומען פון זשילעט־קעשענע דעם גאָלדענעם זייגער און אַ קוק געטון: אים איז שוין דורכאויס צייט צו גיין! ער האָט זיך געזעגנט, לעווענשטיין און זיין פרוי זענען אַרויס אים באַגלייטן צו דער טיר. און ווען זיי זענען צוריקגעקומען אין סאַלאָן, האָט שוין דאָ ווייטער צווישן דער יוגנט געהערשט די פריערדיקע פאַרצוקטע פריילינג־שטימונג. פון אַלע עקן האָבן עס געברויזט שטורמיש־לאַכנדיקע כוואַליעס פון אומאויסשעפּלעכן הומאָר און יוגנט־פרייד, וואָס האָט פּאַמעלעך אַריינגעצויגן אויך דעם ערנסט־גראַציעזן גומינערן. איז אָבער אָט־וואָס פאָרגעקומען.

באַביצקי איז די גאַנצע צייט געזעסן איינזאַם אין אָט דעם אומהיימלעך פרעמדן סאַלאָן ביי אַ זייטיק טישל. מיט אייניקע חדשים צוריק האָט ער געמאַכט אויף זיין באַקאַנטן שטייגער אַ „הלוואה" ביי לעווענשטיין, וועלכער האָט אים איצט ביים אַריינקומען קוים די האַנט געגעבן. אפילו טאַלצינער און אַנדערע עקסטערנעס זענען עפּעס געווען ווי פאַרנומען און נישט אַ קוק געטון אויף אים. מיט יעדער רגע האָט ער זיך געפילט אַלץ מער פאַרלוירן און אַראָפּגעפאַלן. האָט ער אַליין אויסגעטרונקען מיטאַמאָל אַ גלעזל קאָניאַק. ער איז שטאַרק עמפּינדלעך צו אַלקאָהאָל, דאָס געזיכט און די אויגן זענען אים טאַקע גלייך פייעררויט געוואָרן. און כאָטש דער קאָפּ האָט אים אָנגעהויבן שווינדלען, האָט ער אָבער דערביי נאָך שמערצלעכער דערפילט זיין איינזאַמע פאַרלוירנקייט. און, ווי אַלעמאָל, בשעת ער ווערט פאַרלוירן, טרייבט אים פון אינעווייניק אַ פאַרצווייפלטע חוצפה. איז ער פּלוצים אויפגעשטאַנען, און אויפהייבנדיק די רעכטע האַנט, האָט ער זיך פייערלעך אַ קער געטון מיט דעם שטאַרק פלאַמענדיקן פּנים צום עולם, מ׳האָט זיך פאַרוואונדערט אומגעקוקט.

— צו די פריערדיקע רייד פון פרוי לעווענשטיין, מוז

איך באַמערקן, אַז איך בין נישט קיין גייסטלעכער און נישט קיין אַוואַנטוריסט, נאָר פון זיך אַליין בין איך געוואָרן אַ פייער־דיקער ציוניסט...

— יאָ, אַ פלאַמענדיקער, ביז איבער די אויערן — האָבן אייניקע מיט געלעכטער איבערגעריסן.

און טאָקע דערפאַר, וואָס באַביצקי האָט זיך דערפילט פאַר־צווייפלט־לעכערלעך, האָט אים אַ מין חוצפהדיקער אַזאַרט סטי־כיש פון אינעווייניק אונטערגעשליידערט: ער האָט זיך געווענדט צו דער לאַכנדיקער פרוי לעווענשטיין:

— פאַרשטייט איר, פרוי לעווענשטיין, ציוניזם איז יענע „טויטע אילוזיע", וואָס רייכע מיידן אויס, כדי זיי זאָלן קאָנען אין דעם גלאַנץ פון זייערע סאַלאָנען נישט זעען זייער אייגענע יידישע נאָז. אָט בין איך אַ קליינינק מענטשעלע און וויל זיך נישט פאַרלירן אין אַ פרעמדן סאַלאָן: בין איך דאָ, מוזט איר הערן מיין שטימע, גיי איך אַוועק — איז מיר מיין אייגן ווינקל אַ סאַלאָן. אַ קליין פאָלק וויל זיך נישט פאַרלירן צווישן גרויסע פעלקער. בשעת מיר זענען אין גלות, לאָזן מיר הערן אונזער שטימע, און אַז דער גלות שטיקט אונז, זוכן מיר אונזער אייגן ווינקל. דאָס גאַנצע פאָלק וועט ווי איין מענטש אויפשטיין. עס לעבט דאָס יידישע פאָלק! איך וואַרף זיך נישט ווי ליפּנער אויף קיינעם, כ'זאָג פאַרקערט: לעבן זאָלט איר אַלע, אויב איר וועט לעבן מיט דעם פאָלק און פאַר דעם פאָלק. און דערצו מוז איך נאָך זאָגן, אַז...

ביי די לעצטע רייד האָט אַבראַשאַ בראָן אויפגעהויבן אויף באַביצקין גרויסע קינדעריש־פאַרוואונדערטע אויגן און אויף זיין ברייט פנים האָט זיך אויסגעמאָלט אַזאַ קאָמיש־ערנסטע שרעק, אַז אַלע, אויך באַביצקי, האָבן זיך צעלאַכט. באַביצקי האָט פאַרלוירן דעם פאָדעם פון זיינע רייד און זיך אַ פאַרפלאַמטער־געזעצט צוריק.

אָבער ווי לעכערלעך באַביצקי האָט נישט אויסגעזען, האָבן אפשר דערפאַר זיינע אומגעלומפּערט־פּאַטעטישע רייד געמאַכט אַ באַזונדערן איינדרוק. בוליגין, דער רוסישער גימנאַזיע־לערער־

פון געשיכטע, האָט, פאַרריכטנדיק זיינע גאָלדענע פּענסנע, זיך גענומען היסטאָריש באַווייזן, אַז דאָס יידישע פאָלק געהערט צו יענע וואַנדער-פעלקער, וועלכע האָבן נישט קיין חוש און קיין חשק צו פּאָליטישער זעלבשטענדיקייט. דערויף האָט גומינער אויף זיין שיינעם עלעגאַנטן שטייגער זיך אַריינגעלאָזט אין אַ מאַרקסיסטישער הקירה וועגן יידישער געשיכטע, וואָס ער האָט ליטעראַריש-פילאָזאָפיש באַלויכטן מיט קיילעכדיק-גלאַטע און זאַפטיקע אויסדרוקן. זיין ווייכע ברוסט-שטימע כוואַליעט זיך איבער דעם גאַנצן סאַלאָן און לאַשטשעט דאָס אויער. צווישן דער יוגנט זיצן דאָ אייניקע ציוניסטן, עטלעכע געהיימע סאָציאַליסטן, געוויינלעכע און אידעאַליסטישע אַסימילאַטאָרן, סתם לוסטיקע לעב-יונגען און אַלע ווערן זיי פאַרכאַפּט פון דער הייסער דיסקוסיע, וואָס צעפלאַקערט זיך אַלץ מער. יאָשע הורוויץ, דער פאַרקאָכטער סאָציאַליסט, האָט אין זיין שטייף-אָנגעצויגענעם ערנסט זיך געוואָרפן מיט פייער אויף דעם ציוניסטיש-געשטימטן יאַניע העפּנער. באַביצקי איז עטלעכע מאָל אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט, דער „אייביקער עקסטערן" האָט זיך אַריינגעפלאָנטערט — ס'האָבן זיך באַלד אויסגעבילדעט פאַרשידענע לאַגערן און די פייער-ליניעס פון דער דיסקוסיע האָבן זיך געקרייצט. אַרום דאַווידאָוון, דעם געריבענעם אַרטיסט, קליבן זיך עטלעכע לעב-יונגען, וועלכע מאַכן זיך באַהאַלטן-שפּאָטיש איבער אַלעמען לוסטיק, פּראָוואָצירן, העצן, פלאָנטערן און גיסן בוימל אין דעם דיסקוסיע-פייער. אָבער די צעפלאַקערטע דיסקוסיע בייגט זיך דרך-ארצדיק, ווען גומינער, דער מייסטערהאַפטער דענקער, נעמט דאָס וואָרט. און אָט האָט דער עקסטערן ראַטנער, דער „אָנגעשטאָפּטער זאַק", אויפגעהויבן דעם קאָפּ און, קוקנדיק אַראָפּ מיט די אויגן דורך די פּענסנע, האָט ער אָנגעהויבן שיטן ווי מיט אַרבעס אַלערליי היסטאָרישע דאָקומענטן, געשיכטלעכע דאַטן, וויכטיקע מאָמענטן פון דער אַלטער און נייער יידישער ליטעראַטור. די פאַרגויישטע יוגנטלייט, וואָס קאָנען נישט רעדן און נישט לייענען קיין יידיש און האָבן כמעט קיינמאָל קיין יידיש ביכל נישט געזען, קוקן מיט אָפענע מיילער אויף ראַטנערן, וועלכער וואַרפט אַריין אַן אויפהער גרויסע

שטיקער פון יידישער געשיכטע און ליטעראַטור. און אַט די פרעמדע, אָבער עכטע שטיקער, פאַלן אויף די מוחות, וועלכע ווייסן נישט ווי אַ ריר צו טון אַט די פרעמדע מאַטעריע. יעדן אַרויסגעזאָגטן אַבסטראַקטן געדאַנק וועגן יידישקייט שיסט ער, ראַטנער, טויט מיט עוּציקלאָפּעדיש קאַלט פייער. האָט ראָזע אויף איר שטיפערישן שטייגער אַ פּאַטש געטון מיט די הענט.

— זייט נאָר איין מאָמענט רויק. כמעט יעדער פון אייך האָט שוין גערעדט. זאָל זיך אָבער איצט אַרויסזאָגן ליובינסקי, וועלכער האָט די גאַנצע צייט געשוויגן, זאָגט נאָר אָקאָרשט, ליובינסקי, אַ פּאָר ווערטער — כ׳בעט אייך...

ליובינסקי איז רויט געוואָרן. עפּעס גאָר אַ צעמישטער האָט ער געבלאָנדזשעט מיטן בליק און זיך אַנטשלאָסן אָפּגעזאָגט: ער האָט גאָרנישט וואָס צו זאָגן, לחלוטין גאָרנישט.

נאָך ביים אַריינגאַנג, ווען ער האָט דערזען ראָזען אין דער העל-בלויער בלוזע, האָט אים אַרומגעכאַפּט יענע זיסע פאַרלוירנקייט, וואָס ראָזע האָט אין אים פריער אַרויסגערופן און וואָס האָט איצט גלייך אים אינערלעך שטום געמאַכט. ער איז די גאַנצע צייט געזעסן ווי צוגעקאָוועט, האָט נישט געקאָנט אַוועקגיין, און בלייבנדיק, האָט ער זיך נישט געקאָנט רירן פון אָרט.

דערזען זיין צעמישטקייט, האָט ראָזע אים געלאָזט צורו און שטיפעריש אַלעמען באַפוילן:

— קיינער האָט נישט מער דאָס וואָרט. כ׳בעט אַלעמען אַריבערגיין אין עסצימער צום אָוונט-ברויט. קיין טראָפּן דיסקוסיע מער !...

אַלע זענען לאַכנדיק אַריבערגעגאַנגען אין עסצימער, וואו דער טיש איז געווען גרויסאַרטיק געדעקט צום אָוונט-ברויט. אויף דעם שניי-ווייסן טישטוך האָבן זיך אין אַ שיינער שורה פריילעך אויסגעשטילט טונקל-פאַרביקע פלעשער וויין. גימנאַזיסטן צעשפּיליען ברייטער די מונדירן, מ׳גיסט פריילעך וויין אין פיין-געשליפענע גלעזער. נאָר ליובינסקי זיצט צוערשט ווי אַ פרעמדער, אויבנאָן לעבן לעווענשטיינען. ער איז דער איינציקער, וואָס זיצט אין אַ

היט״ און וויל נישט עסן פון דעם נישט כשרן טיש. אָבער לעווענשטיין האָט הנאה, וואָס ער חייסט ווי אַרומצוגיין מיט אַזוינע טשעקאַווע פּרומאַקעס. ער שטעלט פאַר אים קיכלעך, קעז און פּוטער, געקאָכטע אייער... „אַלץ אַזוינע זאַכן״, לאַכט לעווענשטיין, „וואָס מ׳מעג עסן אפילו בײַ אַ גוי״. אָנשטאָט ווײַן שטעלט ער פאַר אים רויטן, קרעפּטיקן ווישניק. נישט נאָר בײַ די אַרומיקע, נאָר פאַר זיך אַליין זעט אויס ליובינסקי דאָ, בײַם פאַרגוויישטן טיש, ווי אַ פאַרצייטיקער, ווי אַ יונגער פּרוש. די נאַטירלעכע בושה פאַר די לאַכנדיקע יונגעלייט (באַזונדערס פאַר דער שיינער ראָזען) פאַרברענט ער אין זיין אינערלעכן פייער, ווי אַ לעבעדיקן קרבן. און בשעת ער מאַכט שטילערהייט, פאַר זיך, אַ ברכה אויפן קיכל, נעמט דורך אַ שטיל רעליגיעזער ציטער אַלע זיינע גלידער און זאַפּט אין זיך אַריין די זיסע פאַרלוירנקייט. האַלב איראָניש, האַלב פאַרוואונדערט שמייכלט פרוי לעווענשטיין צו דער גרעפין קוזניצקי, וועלכע שטעלט אָן איר גאָלדענעם לאָרנעט אויף דעם טשעקאַווען יונגנמאַן. גימנאַזיסטן לאַכן גוטמוטיק: אַ הייליקער קאַוואַליער! פאַר זיי איז ליובינסקי אַ יידישער וואונדער-הייליקער, ווי ראַטנער איז אַ יידישער וואונדער-געלערנטער. ביידע אָבער פאַרשאַרפן איצט בלויז, ווי טשעקאַווע געווירצן, די גרויסע פרייִלעכקייט אַרום טיש.

צווישן דער יוגנט האָט איצט אַלץ מער געגליט די פאַרצוקטע פריילינג-שטימונג. ס׳שוימט דער ווין אין די פיין-געשליפענע גלעזער. צווישן איין געריכט און דעם אַנדערן ציינדט זיך אָן בײַ דעם אָדער יענעם אַ לידל, וואָס ווערט אונטערגעכאַפּט און גלייך איבערגעריסן פון פריילעך-שניידנדיקע וויצן און געלעכטערס. אונטער גימנאַזיסטישע מונדירן מיט זילבערנע קנעפּ צוקן גלוסטיק בחורשע פּלייצעס און אַנטקעגן דעם העלן ליכט פון די לאָמפּן בלישטשען פּילפאַרביקע בלוזעס. פאַרוואָס הערן נישט אויף די געלעכטערס צו קייקלען זיך אין דער לופט? יוגנט-בלוט האָט זיך צעגעצונדן און ברויזט מיט ליידנשאַפט און שמחה. ליובינסקי טרינקט דעם שטאַרקן ווישניק און ווערט אַלץ אויפגעהויבענער. וואָס מער ער טראָגט זיך אין דער אַרומיקער צעפלאָסענער פריי-

לעכקייט, אַלץ מער קומט ער צו זיך אין זיין באַהאַלטענער שטיל־רעליגיעזער אָפּגרונטיקייט.

נאָר אָט האָט מיט באַביצקין ווייטער פּאַסירט עפּעס אומ־געריכטס. אַבראַשאַ בראַן האָט זיך לכתחילה געזעצט לעבן באַ־ביצקין און אויף אַ טשעקאַוועס מיט אים צוזאַמען וויין געטרונ־קען. נאָך די ערשטע גלעזער זענען ביי באַביצקין די אויגן קליין געוואָרן. די ווענט האָבן זיך אים געשטעלט באַלכסון און אָנגע־הויבן זיך לוסטיק צו שאָקלען. קלאַפּט ער לאַכנדיק אַבראַשען אין די פּלייצעס. באַלד אָבער איז ער פּלוצלינג אַנטשלאָפן גע־וואָרן, אָנשפּאַרנדיק דעם קאָפּ אויף די הענט. מיט אַ שטורמיש געלעכטער האָט מען אים אַ שלאָפנדיקן צוגעפירט אין אַ ווינקל צו דער סאָפע און אים דאָרט אַנידערגעלייגט. ער איז פעסט און געשמאַק געשלאָפן. חברה האָבן אים לאַכנדיק באַזונגען, מ׳האָט נאָכגעמאַכט דעם מאָטיוו און פּאַראַפראַזירט די ווערטער פון דעם טרויעריקן רעוואָלוציאָנערן ליד:

איר זענט געפאַלן אַ קרבן,
איר, שטאָלצער קאַוואַליער!
פונם ביטערן טראָפּן און באַהאַלטענעם גיפט,
איר, שטאָלצער קאַוואַליער!

דערווייל האָט מען צוגעקליבן אין סאַלאָן: אַרויסגעטראָגן פון דאָרט דאָס מעבל, צעשטעלט בלויז שטולן אַרום די ווענט און אָנגעצונדן אַלע הענג־לאָמפּן. באַלד איז געקומען דער פון פריער באַשטעלטער קליינער אָרקעסטער און פאַרנומען זיין פּלאַץ. נייע געסט זענען אונטערגעקומען צום היימישן באַל, וואָס זאָל זיך אָט אָנהייבן. און נאָך איידער מ׳האָט געענדיקט דעם דעסערט אין עסצימער, האָט פון סאַלאָן דער אָרקעסטער אַ קלאַפּ געטון אַ שיינעם וואַלס. ווי אַן עלעקטרישער שטראָם איז איבער אַלעמען אין עסצימער געקומען אַ פרייליכע אויפרעגונג. יונגעלייט כאַפּן זיך אויף פון די ערטער און גלייכן אויס זייערע קרעפּטיקע טאַליעס. פרויען כאַפּן אויף גיך אַ קוק אין די הענגענדיקע

שפּיגלען און בריִנגען זיך אין אָרדנונג. ראָזע תּאָם שטיפעריש אָנגעבונדן אויף אַבראַשאַ בראָנס אָרעם אַ בלויען באַנד און דער־מיט אים געקריינט פאַר אָרדנער. סאַקע באַלד זענען כמעט אַלע, פאַרלעכווייז, געאָרעמט, אַריין אין סאַלאָן. בלויז אין באַביצקי איז געבליבן אין עסצימער. שלאָפנדיק געשמאַק אויף דער סאָפע. אויך ליובינסקי און גומינער זענען, אויפהייבנדיק זיך פון די ערטער, צוגעגאַנגען איינער צו דעם אַנדערן און געכאַפּט דאָ אויף גיך אַ קורצן שמועס. און ווען זיי זענען אַריין אין סאַלאָן, האָבן זיך שוין פּאָרלעך טאַנצנדיק געטראָגן פאַרכאַפּט אין אַ וואַלס. ביידע זעצן זיי זיך אַרום דער וואַנט אויף שטולן און קוקן מיט אָפענע אויגן אין סאַלאָן. דער גימנאַזיע־לערער, בוליגין, טאַנצט מיט פרוי לעווענשטיין, וועלכע שמייכלט אויף אים קוקנ־דיק. אַלע ווײַלע פאַלט ביי אים אַראָפּ די פּענסנע און ער שלאָגט זיך קאָמיש אַרויס פון ריטם. דער יונגער גראַף קוזניצקי טאַנצט אָבער מייסטערהאַפט מיט ראָזען, ביי וועלכער ער האָט נאָך פאַר אָוונט־ברויט אויסגעבעטן דעם ערשטן וואַלס. כאָטש ער טראָגט זיך ווי אַ וויכער, באַהערשט ער יעדע באַוועגונג. ער שמועסט טאַנצנדיק מיט אַן ערנסטן שמייכל, ער בייגט און קנייטשט מייסטערהאַפט דעם וויכער־טאַנץ.

צווישן די יונגע פּאָרלעך טאַנצט אויך דער באַנקיר לעווענ־שטיין מיט גרעפין קוזניצקי. ער טאַנצט מיט טעמפּעראַמענט און געשמאַק. נאָר שוין ביים אָנהייב טאַנץ האָט ער אויף זיין גייסט־רייכן שטייגער זיך אַריינגעגליטשט אין זיינע שאַרפע וויצן, און אָט האָבן זיי זיך ביידע אַזוי צעלאַכט, דאָס זיי האָבן געמוזט איבעררייסן דעם טאַנץ און זיך צוריק אַנידערזעצן. לעווענשטיין האָט זיך אָבער ווי תּמיד געהאַלטן אַזוי אייגנאַרטיק פאָרנעם, דאָס זיין דונער־לאַכנדיקע שטים האָט קיינעם נישט שאָקירט, נאָר אַלעמען לוסטיק אויפגערודערט.

אַבראַשאַ בראָן דרייט זיך מעשה־אָרדנער מיט דעם בלויען באַנד אויפן אָרעם, און אויף דעם ברייטן יונגן פּנים זיינעם לויכטן אויף אַ קינדיש־הומאָריסטישן שטייגער זיינע גרויסע

בלויע אויגן מיט אומאויסשעפּלעכער פרייד. טוט גומינער אַ פרעג בײַ ליובינסקין:

— זאָגט מיר, הער ליובינסקי, אייער פרומקייט איז געוואוינהייט, אָדער איבערצייגונג?

— אַלע שטעלן מיר דיזעלבע באַנאַלע פראַגע. נישט געוואוינהייט, נישט איבערצייגונג...

— וואָס־זשע דען?

— פרעגט נישט אַזוי פיל. איר וועט אַזוי ווייניק פאַרשטיין מיין פרומקייט, ווי מיין טאַטע, אַן אַלטער רב, קאָן ווייניק פאַרשטיין די ליבע. אָט דיביידע זאַכן, ליבע און פרומקייט, זענען נישט צום פ אַ ר ש ט י י ן, נאָר צום א י ב ע ר ל ע ב ן. פאַרשטייט איר, פון יענעם זייט מוח, פון יענעם זייט געוואוינהייט איז פאַראַן אין מענטש אַ פלאַטערנדיקע וועלט, וואָס פרומקייט איז איינע פון אירע פייערדיקע אויסגוסן. אָט פיל איך דאָ אין סאַלאָן איצט דעם באַהאַלטענעם אָטעם פון יענער פלאַטערנדיקער וועלט, פון יענער...

ווערן ביידע אַנטשוויגן און קוקן פאַרוואונדערט אויף די טאַנצנדיקע. ווי דורך אַ כישוף האָט זיך די יוגנט גלייך פונם אָנהייב באַל געענדערט. די פריערדיקע צעפלאָסענע פרייליעכקייט האָט זיך אינערלעך מיטאַמאָל צונויפגענומען און איינגעהאַלטן קרעפטיק געררודערט אין דעם ריטמישן טאַנץ. אויסגעגלייכטע פיגורן, עלאַסטישע באַוועגונגען, לייכטנדיקע אויגן — יעדער קער, יעדע ווענדונג איז פול מיט צאַפלדיקן ריטם. אַלע ווילע באַרירן פיס דעם באָדן, טופען אויס אַ טאַקט, טויכן גלייך אונטער אין דעם פליסנדיקן ריטם, קומען אַרויס ווייטער מיט דעם זעלבן און דאָך שפּאָגל־נייעם טאַקט. יונגע שיינע פּאַליעס צוקען און שלענגלען זיך פאַרחלומט און אויף די פּנימער שפּילט זיך ערשט אָפּ האַלב־פאַרגאַפט די אָפענע מיסטעריע פון דער שמחה. מוזיק און טאַנץ שפּיגלען אָפּ איינע די אַנדערע. און יאָגנדיק זיך נאָכאַנאַנד, גיסן זיי זיך צונויף אין ריטמיש־אַנטציקטע צויבערכוואַליעס.

— ווער ווייסט, — זאָגט ליובינסקי, שמייכלענדיק צו גובערנער, — צי פייגל דערהערן זייער אייגענעם אַנטציקטן געזאַנג, ווי דאָס הערן אַרויס דיכטער און רעליגיעזע מענטשן. זעגען דען די טענץ דאָ אין זאַל אַזוי גליענדיק, ווי זיי זעען דיר אויס. אָט מיינט אָסקאַר וואַיילד, אַז דאָס לעבן אַליין איז בלויז אַן אָפּשפּיגלונג פון דער פּאָעזיע. מ'זעט אין דער וועלט, וואָס מ'האָט אַליין. דאָס רעליגיעזע וועלט-באַנעמען איז...

ליובינסקי איז אינמיטן די רייד אַנטשוויגן געוואָרן. דער אָרקעסטער האָט נאָר-וואָס אָנגעהויבן שפּילן אַ קראַקאָוויאַק, וואָס האָט זיי ביידן פאַרכאַפּט. מיט אַ יינגלש-פריילעכן און דאָך ריטמיש-ווייכן גערודער קלאַפּן אַן די פליסנדיקע מוזיק-כוואַליעס אָן דער באַהאַלטענער, לאַנג-איינגעדרימלטער פריילעכקייט, וואָס וואַכט אויף אין דער יוגנט און פייערט זיך אויס אין אַ טאַנץ. וואַרפט אָבער דער טאַנץ נאָך העכער די מוזיק-כוואַליעס, וועלכע רייסן אויף מיט אַ רעש איין באַהאַלטענע פריילעכקייט נאָך דער אַנדערער. אַבראַשאַ בראָן טאַנצט איצט מיט ראָזען, ער פאַרכליינעט זיך אַזש פון פרייד און גייט אַלע ווײַלע איבער אין אַ פייערדיקן „קאָזאַק". קוים וואָס ראָזע האַלט אים אויף מיט אַ שטיפערישן געפילדער.

ווי נאָר דער קראַקאָוויאַק האָט זיך געענדיקט, איז ליובינסקי אַ בלאַסער אויפגעשפּרונגען פון אָרט און זיך געשטעלט אין מיטן סאַלאָן. פאַרוואונדערט זענען צו אים צוגעלאָפן ראָזע און אַבראַשאַ. ער האָט זיי עפּעס געזאָגט און יענע האָבן הנאהדיק געשמייכלט. און אָט האָט אַבראַשאַ, מעשה אָרדנער, אַ דונער געטון אויפן גאַנצן סאַלאָן:

— איצט וועט ליובינסקי טאַנצן אַליין אַ יידישן קאָזאַק...

אַבראַשאַ האָט אַ וואונק געטון צום אָרקעסטער, וועלכער האָט גלייך אָנגעהויבן שפּילן אַ קאָזאַק. אַלע האָבן זיך אין קרייז אויסגעשטעלט און נייגיריק פאַרכאַפּט געקוקט אויף דעם טשעקאַווען יונגנמאַן אין דעם היטל מיט דער לאַנגער קאַפּאָטע. אויפן

בלאַסן פּנים האָבן בײַ אים געפֿינקלט די שוואַרצע אויגן און דאָס שוואַרצע שפּראָצנדיקע בערדל.

צוערשט האָט ליובינסקי שעמעוודיק, טאַקע גאָר מעשה יונגער פּרוש, זיך אײַנערלעך צונויפֿגענומען, און אַזוי שטייענ־דיק, האָט ער אַ קורצע ווײַלע מיט גרויס הכנעה געלאָזט די טאַנץ־מוזיק אויף זיך פֿײַערן.

נאָר אָט האָט אַ הייסער שמייכל זיך צעגאָסן איבער זײַן פּנים און ער האָט אָנגעהויבן אויף אַ טשעקאַוועס שטייענדיק צו טאַנצן. אויפֿן אָרט האָט יעדעס גליד אַרויסגעצוקט דעם פֿײַער־דיקן ריטם פֿונם טאַנץ.

פּלוצים האָט ער זיך אַ ריס געטון פֿון אָרט, ווי מיט הענט אַ כאַפּ געטון די פֿײַערדיקע מוזיק־כוואַליעס און מיט זיי צוזאַ־מען זיך געלאָזט אין אַ פֿאַרלוירענעם גלי־טאַנץ.

דאָס בלוט פֿון זײַנע חסידישע זיידעס האָט זיך אין אים אָנגעצונדן מיט זײַן אייגן, שפּאָגל־נײַ פֿײַער. וואָס מיר אַמאָל, וואָס מיר הײַנט — אין דעם גרויסן גלי־פֿײַער לײַכטן אַלע צײַטן גלײַך. צעפֿלאַקערט זיך אַלץ מער זײַן טאַנץ. אָט טוט ער זיך ווי אַ גלי־שטורעם אַ ריס אין דער הייך און תּוך־כּדי־דיבור באַרירט ער די ערד מיט די פֿיס און קלאַפּט אויס דאָס זעלבע און דאָך אַ שפּאָגל־נײַ פֿײַער. יונגעלײַט האָבן געגאַפֿט אויף אים קוקנדיק, קוים וואָס זיי זענען אויף דער ערד אײַנגעשטאַנען. האָט אָבער אין סאַמע מיטן גלי־טאַנץ אַ שימער געטון אַ העל־בלויע בלוזע. איז אין אים אויפֿגעשטיגן אַ זיסע פֿאַרלוירנקייט, וואָס נאָגט אים דאָס האַרץ און ציט אים צו דער ערד. איז טאַקע דאָך אַ גרויסער תּהום צווישן אַמאָל און הײַנט? ליובינ־סקי פֿאַרוואַרפֿט תּפֿילהדיק דעם קאָפּ, מאַכט צו די אויגן און טאַנצט אונטער[illegible]ײלעכטס מיט גרויס הכנעה און געבעט. טאַקע גאָר דאָס חי[illegible] גייט אים אויס. און ווען ער איז שוין גאָר גרייט אויסצוגיין פֿון בענקשאַפֿט, טוט אין אים פּלוצים פֿון יענער זייט מוח אַ גלי „יענע" פֿלאַטערנדיקע וועלט. אַהאַ! ער הייבט אויף דעם קאָפּ און אַ גרויסע שמחה פֿאַרפֿלייצט אים דאָס האַרץ.

ווײניקער ווי אַ רגע שטעלט ער זיך אָפּ און קוקט זיך אַרום מיט אָפענע אויגן. גײט אים שוין איצטער אויס דאָס חיות פֿון פֿאַרפֿלײצנדיקער שׂמחה. צערײסט ער אַלע ריטמען פֿונם טאַנץ און, שטעלנדיק זיך אויף אײן פֿוס, פֿאַרדרײט ער קונציק זיך און אַלע טאַנץ־ריטמען אין אַ באַטויבנדיקן, פֿאַרפֿלײצנדיקן שׂמחה־װיכער. מוזיק און טאַנץ זענען אין פֿרײד עפּעס ווי פֿון זיך אַלײן אויסגעגאַנגען...

ליובינסקי איז געבליבן שטײן אַ שטראַלנדיקער, יונגעלײט האָבן אים ענטוזיאַסטיש אַפּלאָדירט. נאָר אָט איז ראָזע צוגעגאַנגען און אים אויף אַ שטיפֿעריש־האַרציקן שטײגער פֿאַר אַלעמען אין די אויגן אַרומגענומען און אַ קוש געטון אין שטערן. ליובינסקי האָט זיך ווי דערשראָקן, אין אים איז װײטער אויפֿגעשטיגן די זעלבע זיסע פֿאַרלוירנקײט, וואָס האָט אים איצט אומדערטרעגלעך פֿאַרקוועטשט דאָס האַרץ. ער האָט זיך פּאַמעלעך אַרויסגעדרײט פֿון סאַלאָן אין פֿאָדערצימער, דאָרט האָט ער געכאַפּט זײן פּאַלטאָ און אומבאַמערקט אַרויס פֿון הויז.

אָפּגעלאָפֿן אַ פּאָר גאַסן, האָט ער דערהערט פֿון הינטן אַ רופֿנדיק קול. דאָס האָט אים באַביצקי אָנגעיאָגט. נישט לאַנג האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט דאָרט אין עסצימער אויף דער סאָפֿע און האָט זיך שטילערהײט אַרויסגעגנבעט פֿון הויז. דערפֿאַר איז ער זיך אָבער איצט גוט אויסגעשלאָפֿן, פֿריש און מונטער.

— ווי גוט, ליובינסקי, וואָס איך האָב דיך אָנגעטראָפֿן און מיר גײען צוזאַמען אַהײם. וואָס ביסטו אַזוי פֿאַרטראַכט ?...

— איך בין, באַביצקי, שטאַרק צערודערט. דו ווײסט דאָך אַ ביסל די שוואַרצע פּינטעלעך און וועסט מיך פֿאַרשטײן. דער בעל־שם האָט געזאָגט, אַז די ערגסטע שוואַרצע קליפּה קאָן ער הימליש אויפֿהײבן, אָבער נאָר נישט די קליפּה פֿון אפּיקורסות אָדער אומגלויבן, וואָרים כּדי אויפֿצוהײבן אַ קליפּה, מוז מען זיך אין איר פֿריער אָנטון. טוט מען זיך אָבער אָן אין דער קליפּה

פון אפּיקורסות, קאָן מען זיך שוין פון איר נישט אויסטון. כל באיה לא ישובון — די, וואָס קומען צו איר, וועלן זיך שוין נישט אומקערן... די צייטן האָבן זיך אָבער להלוטין געענדערט. די אפּיקורסות האָט זיך היינט אַליין דערהויבן צו דער אייביק־זוכנדיקער וויסנשאַפט, וואָס יעדע נשמה קען זי פון אינעווייניק אַדורכגליען, דורכגיין. דערפאַר איז אָבער היינט געפערלעכער געוואָרן די ליבע. מ׳קאָן פשוט אַמאָל נישט ביישטיין אַנטקעגן אַ העל־בלויער בלוזע. ביים ערשטן אָנבליק ווערט מען ווייניקסטנס אויף אַ געוויסער צייט שיער נישט פאַרלוירן און פאַרברענט. אָבער אויך דאָס קאָן מען בייקומען, ווען...

— הער נאָר איצט אויף, ליובינסקי, מיט דיינע הימלזאָרגן. ס׳זענען געבליבן אַ קאַרגע פּאָר וואָכן צו עקזאַמענס, וועלכע ליגן ווי אַ חלף איבערן האַלז. יעדע רגע איז איצט אַ יאָר, די ערד זידט אונטער די פיס. ס׳איז אַ געוואַלט, וואָס מיר האָבן היינט דאָרט אומזיסט פאַרלוירן אַ גאַנצינקן אָוונט אויף פּוסטע מעשיות. ביי זיי איז קולטור פאַרווייַלונג מיט שאַמפּאַניער, ביי אונז אָבער איז עס האָרעוואַניע און מסירות־נפש. גימנאַזיסטן האָבן דאָרט שטילערהייט דערציילט, אַז עס קומט אַראָפּ צו עקזאַמענס דער שרעקלעכער רעוויזאָר אַקסאַקאָוו... איך דאַרף דאָ פאַרקערעווען רעכטס צו מיר אַהיים. אַנטאָנאָוו האָט געזאָגט, מיר זאָלן קומען צו אים מאָרגן ניין אַ זייגער אינדערפרי. איך וועל נאָך דיר פאַרגיין. אַ גוטע נאַכט... מאָרגן ניין אַזייגער, אַ גוטן...

אויף מאָרגן זענען גימנאַזיסטן שפּעט אויפגעשטאַנען. און כאָטש די אויגן האָבן נאָך געלויכטן פון דער נעכטיקער אומפאַרגעסלעכער פרייד, האָבן זיך דאָך אַלע ווי אין אַ פיבער געכאַפּט פאַר די ביכער. ס׳האָט זיך באַשטעטיקט די ידיעה, אַז עס קומט אַראָפּ צו די עקזאַמענס אויף מאַטעמאַטיק דער רעוויזאָר אַקסאַקאָוו, אַ גרויסער מאַטעמאַטיקער, וואָס איז באַוואוסט מיט זיין סאַדיסטישער שטרענגקייט. טרויעריקע לעגענדעס האָבן אַרומגע־

רינגלט זיין נאָמען. נישט נאָר עקסטערנעס, נאָר אויך גימנאַזיסטן האָבן פאַר זיין נאָמען מורא געהאַט ווי פאַר פייער. איז נאָך מער אויף אַלעמען אָנגעפאַלן די מורא פאַר דעם יום־הדין פון די עקזאַמענס און אין גרויס אַנגסטן האָבן זיך אַלע פאַרגראָבן אין די ביכער.

6.

דער יום־הדין

מאָנטיק, דעם 14־טן מאַי, אַרום אַכט אַ זייגער אינדערפרי, האָט אַנטאָן אין דער שווייצאַרישער ליוורייע בין צו די טיאַטעס, געעפנט די מאַסיווע טירן פון ווייסן מויער און אַריינגעלאָזט די גימנאַזיסטן פון אַכטן קלאַס צו די ערשטע שריפטלעכע שלוס־עקזאַמענס. אַלע זענען זיי אין אוניפאָרמען מיט זילבערנע קנעפ. ביי די מייגסטע זענען די פנימער שטרענג, ערנסט, אָנגעצויגן. אַנטאָן דערפילט, גאָט ווייסט ווי אַזוי, זייער באַהאַלטענעם נער־וועזן ציטער און שמייכלט צו זיי מיט דער נאַטירלעכער איבער־געגעבנקייט פון אַ טרייען דינער. אָט די יונגעליים זענען מיינסטנס צען־יעריקע אָנגעקומען אין ווייסן מויער. אין משך פון אַכט יאָר האָט ער, אַנטאָן, זיי כמעט אַלע טאָג געזעען — פאַר זיינע אויגן זענען זיי אויסגעוואַקסן. און אָט־אָט וועלן זיי אויף אַלעמאָל אַוועק פון ווייסן מויער. און כאָטש אַלע יאָר קומען פאַר שלוס־עקזאַמענס, צינדן זיך דאָך עטוואָס אָן אין דידאָזיקע טעג ביי אַנטאָנען זיינע גרויע אויסגעלאָשענע אויגן. און ווען ס'קומען איצט דירעקטאָר און לערער אין מונדירן מיט גאָלדענע קנעפ און גייען אַריף עטוואָס פייערלעך מיט די גימנאַזיסטן אין גרויסן אַקט־זאַל צו די שריפטלעכע עקזאַמענס — באַגלייט זיי אַנטאָן, שטייענדיק מעשה־שווייצאַר אין פאָדערצימער, מיט לאַנגע וואַרעמע בליקן.

אין משך פֿון דריי טעג קומען פֿאָר אַלע דריי שריפֿטלעכע עקזאַמענס — דער ערשטער איז אַ רוסישער אויפֿזאַץ אויף אַ געגעבענער טעמע, די אַנדערע צוויי אויף מאַטעמאַטיק (אַלגעבּרע, טריגאָנאָמעטריע). און ווייל ס'זענען דאָ אַזוי פֿיל עקסטערנעס, עקזאַמינירן זיי זיך באַזונדער, נאָך די גימנאַזיסטן.

אויף דעם פֿערטן טאָג, אויך אַרום אַכט אַ זייגער אינדערפֿרי, האָט אין דעם ווייסן מויער אַ שאָט געטון צו עקזאַמענס די גאַנצע פֿילפֿאַרביקע עקסטערן־מאַסע. די מייסטע גייען אין קורטקעס איבּער רוסישע זומער־העמדלעך, אַנדערע גייען בלויז אין העמדלעך מיט אַ רימענעם אָדער פּשוט געפֿלאָכטענעם גאַרטל. ס'זענען אויך פֿאַראַן נגידישע עלעגאַנטע עקסטערנעס, ווי מאַניע טאָלציגער, אין שיינע רעקלעך מיט אויסגעבּונדענע שניפּסן אויף ווייסע מאַנישקעס. ס'וואַרפֿט זיך אין די אויגן דער געהויבענער רב שפּיראָ אין דעם לענגלעכן שוואַרצן זומער־מאַנטל, וואָס אַנטאָן נעמט ביי אים אַראָפּ מיט דרך־ארץ פֿון די פּלייצעס. לעבן אים שטייט ליובינסקי מיט דעם שפּראָצנדיקן בערדל און שוואַרצע טיפֿע אויגן, אויך אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע. משה־שרדה אָן אַ זייט שטייט גומינער, צו אים שטייט צו דער געריבענער אַרטיסט דאַווידאָוו. פֿיל עקסטערנעס, צווישן זיי באַביצקי, טיקן נאָך אַריין אויף איין פֿוס אין אַ ביכל און ווילן אין די לעצטע מינוטן נאָך עפּעס אַריינכאַפּן. די מייסטע זעען אויס אויפֿגערעגט, צאַפּלדיק, פֿאַרשמאַכט.

אַנטאָן קוקט אויף זיי פֿאַרוואונדערט און אומרויִק. שוין פֿון יאָרן ווייסט ער, אַז עקסטערנעס זענען שטיף־קינדער פֿון דעם ווייסן מויער, וועלכע מ'וועט אָבער היינטיקעס יאָר „שניידן" אָן רחמנות. ער איז בלויז אַ שווייצאַר און וואַגט נישט, פֿאַרשטייט זיך, אַ קול אויפֿצוהייבן. ער איז אָבער דאָך אַן עלטערער מענטש, אַ טרייער דינער, און אונטער דער גרינער ליווריע צעוואַרעמט זיך אים פֿאָטערלעך דאָס האַרץ אויף אָט די אַלע צאַפּלדיקע יונגעלייט. ווייסט ער שוין פֿון יאָרן דעם מאָדנעם אונטערשיד צווישן גימנאַזיסטן און עקסטערנעס טאַקע אויף די שריפֿטלעכע עקזאַמענס. ווען גימנאַזיסטן פֿאַלן דורך אויף שריפֿטלעכע עקזאַמענס,

לאָזט מען זיי צו צו די ווייטערע עקזאַמענס, וואו זיי קאָנען נאָך אַלץ פאַרריכטן. ווען אַן עקסטערן אָבער פאַלט דורך אויף אַ שריפטלעכן עקזאַמען, איז שוין אַלץ פאַרפאַלן און ער ווערט גלייך אָפגעשניטן פון ווייסן מויער. אין אַנטאָנס שווייצאַרישן מוח פלאָנטערן זיך אומקלאָרע געדאַנקען וועגן אָט דעם אונטערשיד, וואָס ער קאָן נישט אינגאַנצן באַגרייפן. און אָט גייען זיי איצט, די עקסטערנעס, נאָך דעם דירעקטאָר און לערער אויף דעם צווייטן גאָרן אין אַקט-זאַל — ווי שרעקעדיקע שאָף, וואָס זענען נישט זיכער, אַז מ׳פירט זיי נישט אויף אַ בייזן סוף.

אין קאָרידאָר און וועסטיביול האָבן מאָדנע אָפגעהילכט די טריט פון הונדערטער פיס, וואָס הייבן זיך אויף די מאַרמאָרטרעפ צום אַקט-זאַל. בלויז באַביצקי און נאָך אַ פּאָר עקסטערנעס שטייען אָפּ אויף אַ רגע און, האַלטנדיק אָפן אַ ביכל, שעפטשען זיי עפּעס אויפגערעגט צווישן זיך. נאָר אָט האָבן אויך זיי אַוועקגעלייגט דאָס ביכל און זיך אויפגעהויבן אויף די טרעפ מיט שנעלע טריט, וועלכע האָבן די לעצטע אָפגעהילכט אין דער לופט.

אַנטאָן בלייבט שטיין אַן ערנסטער אין וועסטיביול. ווי אַ לאַנג-יעריקער שווייצאַר, האָט ער זיך געוויינט צו האָבן אַן אומבאַוועגלעך געזיכט, בלויז די גרויע אויגן פינטלען ביי אים איצט עטוואָס טרויעריק. און ווייטער פלאָנטערן זיך ביי אים אין מוח אומקלאָרע געדאַנקען, וואָס מאַכן אים ענג אין קאָפּ. אָט דער חודש מאַי איז פאַר אים אַלעמאָל דאָ אין מויער אַ פינצטערע רעטעניש. דער גימנאַזיע-גאָרטן צעבליט זיך, דער ריח פון די מאַי-בלומען קוויקט און פאַרשיכורט, און פון די יינגערע קלאַסן לאָזט מען פונאַנדער פריי די גימנאַזיסטן אויף אַ גאַנצן זומער צו רוען און צו הוליען. אין דער זעלבער צייט אָבער, הייבט זיך אויף דאָ אין ווייסן מויער פאַר הונדערטער יונגעלייט אַ שוואַרצער גערודער פון פיין און מאַטערניש. אַנגסט און אויפרעגונג רייסן אויף די לופט פאַר און צווישן די עקזאַמענס. און אין טעג פון עקזאַמענס קומען אַראָפּ פון אַקט-זאַל יונגעלייט מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, פאַרצווייפלטע, צעשניטענע. וואָלט ער,

אַנטאָן, וועלן וויסן, פֿאַרוואָס די קלוגשאַפֿט פֿון אָט די אַלע בײַכער מאַכט אַזויפֿיל בייזן בלוט, פֿאַרוואָס צעפֿאַלן זיך אייגנטלעך אַזוי אָט די פֿאַרהאָרוועטע יונגעלײַט אין די קורטקעס און פֿאַרוואָס... בײַ אים שטעלן זיך אָפּ די געדאַנקען, ער האָט נישט ליב פֿיל צו טראַכטן. נאָר די נישט דערקלערטע געדאַנקען שטיקן אים עפּעס פֿון אינעווייניק און פֿאַר די אויגן שפּרינגען, ווי אין אַ וויכער, צאַפּלדיקע געשטאַלטן פֿון די נאָר וואָס דורכגעגאַנגענע. דערפֿילט ער מיטאַמאָל, ווי אָפּט אין די לעצטע יאָרן, די אומבאַהאָלפֿנקייט פֿון אַן אַלטן דינער, וואָס דאָס האַרץ טוט אים וויי און ער קאָן קיין מויל נישט עפֿענען. וואָס קאָן ער העלפֿן! ער נעמט זיך פֿאַר זײַן אַרבעט. גייט אַרײַן אין לערער-צימער, ווישט דאָרט אַרום דעם שטויב, עפֿנט אַ פֿענסטער, ברענגט אין אָרדנונג די פֿונאַנדערגערוקטע שטולן. פּלוצלינג שטעלט ער זיך אָפּ, מיט פּויעריש-טעמפּער פֿרומקייט צלמט ער זיך אַנטקעגן דער איקאָנע אין ווינקל און שטיל זאָגט ער דערבײַ עטלעכע מאָל אַרויס די געוויינלעכע רוסישע געבעט-ווערטער: „גאָטעניו, האָב רחמנות!....“ אַ באַרואיקטער גייט ער איצט צוריק אין וועסטיבול אויף זײַן שטענדיקן אָרט אַרום דער פּאַראַד-טיר. ערשט אין אַ קאַרגע פּאָר שעה אַרום זענען עקסטערנעס אַרויס צוריק פֿון אַקט-זאַל. אַנטאָן האָט זיי מיט גוט-שמייכלענדיקע אויגן באַגלייט צו דער פּאַראַד-טיר.

אַלע עקסטערנעס ווייסן, אַז בײַ דער איצטיקער לאַגע וועט מען אין ווייסן מויער שוין אויף די שריפֿטלעכע אַרבעטן (ווי גוט זיי זאָלן נישט זײַן) „שניידן“ דעם גרעסטן טייל עקסטערנעס, וועלכע וועלן שוין גאָרנישט צוגעלאָזן ווערן צו די ווײַטערע עקזאַמענס. קלערט אָבער יעדער, אַז „ער“ וועט זײַן פֿון די ווייניקע גליקלעכע. ווער ווייסט בכלל וואָס ס'קאָן נאָך זײַן, די רעזולטאַטן פֿון די שריפֿטלעכע עקזאַמענס וועט מען ערשט וויסן אין זיבן טעג אַרום. אַזוי האָרעווען דערווײַל אַלע ביז שפּעט אין דער נאַכט, גרייטנדיק זיך צו די קומענדיקע עקזאַמענס. די האָרעוואַניע גייט בײַ די מייסטן אַריבער אַלע גרענעצן, פֿיל שלאָפֿן קוים צוויי-דריי שעה אַ נאַכט.

אין אַ וואָך אַרום האָט מען אויף דעם פענסטער פון וועסטיבול אין גימנאַזיע אויסגעהאָנגען אַ ליסטע פון די עקסטערנעס, וועלכע האָבן אויסגעהאַלטן די שריפטלעכע עקזאַמענס און ווערן צוגעלאָזט צו די ווייטערע עקזאַמענס. מ'האָט אפנים אין ווייסן מויער מורא געהאַט פאַר אַן אויפרעגונג און מ'האָט דערפאַר אַרויסגעהאָנגען די ליסטע אויף דער דרויסנדיקער זייט פון פענסטער — די מאַסיווע פאַראַד־טיר האָט מען יענעם פרימאָרגן אָפגעשלאָסן. מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם האָבן זיך עקסטערנעס געשטופט אַרום פענסטער און נישט געגלייבט זייערע אייגענע אויגן. פון אַרום צוויי הונדערט עקסטערנעס האָבן אויסגעהאַלטן בלויז זעקס־און־דרייסיק. אין דער ערגסטער פאַרצווייפלונג האָט מען זיך דאָך נישט געריכט אויף אַזאַ שנעלן גלאַטן מאַסן־דורכפאַל שוין אויף די ערשטע שריפטלעכע עקזאַמענס.

אַ רגע זענען כמעט אַלע (בלויז די, וואָס האָבן אויסגעהאַלטן זענען גלייך פאַרשוואונדן, זשאַלעוועדיק די צייט און פילנדיק זיך עטוואָס אומהיימלעך פאַר די דורגעפאַלענע) געשטאַנען איבעראַשט, באַטויבט, אָפהענטיק. פון דער אָפגעשלאָסענער פאַראַד־טיר האָט געווייעט אַ שטומע פאַרפאַלנקייט. נישטאָ ביי וועמען וואָס צו מאָנען. יאָר־איין, יאָר־אויס מוזן זיי שוין שטעלן זייערע טעג און כוחות אויף דעם הפקר־שפיל פון גוייש־אומפאַרשעמטער פיינטשאַפט צו יידישע עקסטערנעס. נישט נאָר וואָס קיינער האָט נישט פאַר זיי זיך איינצושטעלן, נאָר זיי אַליין זענען נישט פאַרבונדן אין אַ געשלאָסענער געזעלשאַפט, האָבן קיינמאָל אפילו נישט געקלערט אויסקלויבן צווישן זיך אַ פאָרשטייער, וואָס זאָל רעדן פאַר זיי אין נאָמען פון אַ הונדערט־קעפיקער מאַסע. מענטשן־שטויב, וואָס מ'טרעט אונטער די פיס! און אָט האָבן זיי איצט, דאַכט זיך, ווי שטימע שאָף, נישט געפילט און נישט אַרויסגעוויזן קיין דראַנג צו פראָטעסט, נקמה און קאַמף. נאָר אינערלעך גליט אומבאַמערקט אין יעדן עקסטערן אַן אייזערנע געדולד, וואָס וועט דאָך אַלץ בייקומען. אמת, דער דורכפאַל איז אַ גרויסער ווייטיק. זענען אָבער איצט אַלע

אַזוי אויסגעהאָרעוועט, אויסגעשלאָגן פון די כּוחות, נישט דערשלאָפן, אַז מ׳האָט נישט קיין כּוח און קיין חשק דורכצופילן די גאַנצע ביטערקייט פון דעם דורכפאַל. די טויט-מידע נערוון ווערן גאָר פלוצלינג פאַרשיכּורט פון דעם געדאַנק וועגן דער מעגלעכקייט אַוועקצוואַרפן אויף אַ פּאָר טעג די ביכלעך, אויסשטרעקן די נאָגנדיקע גלידער אויף אַ סאָפע און זיך אויסשלאָפן. ווי קעמפנדיקע סאָלדאַטן פילן נישט צוערשט די גאַנצע ביטערקייט פון געפענגעניש, וואָס ברענגט דערוויילל, אויף דער ערשטער רגע, קוויקנדיקע אויסשפּאַנונג און שלאָף. אַ זיסע מידקייט נעמט דורך די נערוון און פאַרנעפּלט דאגות און געדאַנקען...

פונדעסטוועגן האָבן עקסטערנעס, גייענדיק אַהיים שוין, בײַשלאָסן אַוועקצופאָרן אין עטלעכע טעג אַרום אין צענטער און גרייטן זיך דאָרט נאָכאַמאָל צו די זעלבע עקזאַמענעס (פאַר אַכט קלאַסן), וואָס קומען פאָר אין צענטער שוין אין קומענדיקן האַרבסט. דערווייל האָט עמעצער גייענדיק זיך מיד אויסגעשטרעקט און געשמאַק צעגענעצט זיך אויף אַ קול. האָבן זיך אַלע צעלאַכט און אינערלעך שלאָפנדיק האָט מען זיך אָנגעהויבן גלייכווערטלען.

— דאָס איז נישט קיין דורכפאַל, נאָר עפּעס אַ שוואַרצע מגיפה, פון וועלכער הונדערטער מענטשן פאַלן אין איין טאָג, כע-כע-כע...

— אָט איז אייך אַ גלייכער חשבון, — האָט זיך אָפּגערופן בעני דובראָווסקי, אַ יונגער עקסטערן מיט רויטע האָר, אַ ליידנשאַפטלעכער מאַטעמאַטיקער — אַרום הונדערט און זעכציק עקסטערנעס זענען דורכגעפאַלן, יעדער האָט פאַרלוירן אַ יאָר, צוזאַמענגענומען זענען דאָס פאַרלוירן געגאַנגען הונדערט און זעכציק יאָר...

— וואַרט אַ ווײַלע, דו ביסט נאָך, גוטער ברודער, נישט פאַרטיק מיטן חשבון, פון די זעקס און דרײַסיק, וואָס האָבן אויסגעהאַלטן, וועלן נאָך מסתמא (הלוואַי זאָל איך זאָגן אַ ליגן) פאַלן אַ היפּש ביסל קרבנות. די עקזאַמענס הייבן זיך דאָך ערשט אָן. ס׳גייט נאָך אַ סדרה אַקסאַקאָוו, אַנטאָנאָוו און די אַלע אַנדערע

בייזע הינט. אין דער גימנאַזיע, וואו איך האָב פאַראַיאָרן געהאַלטן עקזאַמענס, זענען פון אַכציק עקסטערנעס געבליבן נאָך דעם לעצטן עקזאַמען בלויז דריי...

— וואָס טויגן די חכמות, האָט מען נאָר מזל, קאָן מען איבערקומען סיי אַ מגיפה, סיי עקזאַמענס. איר פאַרשטייט דאָך, גראַניעוויטש איז אַ פאַנאַטיש ערלעכער מאַטעמאַטיקער און וועט נישט פסלענען אונזערע גוטע מאַטעמאַטישע אַרבעטן. נאָר אַנטאָנאָוו, דער סאַדיסטישער יידן-פרעסער האָט עס געשניטן אַלעמען אויף די רוסישע שריפטלעכע אַרבעטן. קאָן מען פאַרשטיין, אַז ער האָט דורכגעלאָזט די אַלע, וואָס האָבן ביי אים גענומען פריוואַט-שעהן: באַביצקי, ליובינסקי און מינדלין, דער „אייביקער עקסטערן". אויך מאַניע טאַלצינער, דאָס גבירישע זונדל, האָט גענומען, זאָגט מען, ביי אַנטאָנאָוו פאַר גרויס געלט פריוואַט-שעהן. דאָס זענען, בקיצור, בלויז פיר אַנטאָנאָוועס. מ׳קאָן אויך פאַרשטיין, וואָס ס׳האָבן אויסגעהאַלטן דער אַריסטאָקראַט גומינער, דער אַרטיסט דאַווידאָוו און דער געהויבענער רב שפּיראָ — אַלע זענען זיי באַרימט אין גימנאַזיע. אָבער אַ חוץ אָט די זיבן האָבן דאָך אויסגעהאַלטן נאָך ניין און צוואָנציק, צווישן זיי דער פון אַלעמען פאַרהאַסטער ליפּנער. און אייניקע יונגע שניעקעס, וואָס פאַרזוכן צום ערשטן מאָל דעם טעם פון עקזאַמענס — איז דאָס נישט אַ מזל-זאַך?...

— ווער-ווער, אָבער באַביצקעלע וועט דורכקריכן אפילו אָן מזל. ער וועט מיט געוואַלט אויסהאַלטן אפילו ביי אַקסאַקאָוון און וועט נאָך מאַכן ביי אים אַ... הלוואה. כע-כע-כע...

— גענוג, חברים, צו באַלאַמוטשען. לאָמיר מאַכן פיס און אַ כאַפּ טון דעם אמתן שלאָף. מאָרגן דאַרפן מיר אַרויסנעמען אונזערע פּאַפּירן פון גימנאַזיע און זיך גלייך גרייטן צום וועג...

די ידיעה וועגן דעם אויסערגעוויינלעכן מאַסן-דורכפאַל פון די עקסטערנעס האָט אַרויסגערופן אין שטאָט אַ געוויסע סענסאַציע. אין דעם פּריצישן קלוב האָט מען וועגן דעם אייניקע אָוונטן גערעדט און געלאַכט. אָט אַזוי, האָבן אייניקע פּריצים גיפּטיר-

געשמייכלט, דאַרף מען מיט איין שלאָג פּטור ווערן פון אָט די אַלע קריכערישע זשידקעס. וועגן דעם האָבן אויך געשמועסט די פּאָרנעמע געסט אין לעווענשטיינס הויז ביי אַ שיינעם סאַלאָן-טיי. לעווענשטיין האָט אויף זיין פּאַטעטישן שטייגער וואַרעם גערעדט וועגן די עקסטערנעס, וועלכע זענען „אומדערשיטערלעכע פּיאָנערן פון מאָדערנער קולטור אויפן יידישן באָדן". אפילו אין בית-המדרש האָט אַריינגעדרונגען דאָס נייעס וועגן די דורכגעפאַלענע יידישע בחורים. אַלטע יידן האָבן ביז-טרויעריק געשאָקלט מיט די קעפּ: „אַ מצווה אויף די יונגאַטשעס — וואָס קריכן זיי אין דעם גויישן גיהנום".

אַ פּאָר טאָג נאָכדעם, ווי מ'האָט אין גימנאַזיע אַרויסגעהאָנגען די ליסטעס, האָבן די דורכגעפאַלענע עקסטערנעס, שוין עטוואָס אויסגעשלאָפן און אויסגערוט, אַרויסגענומען זייערע פּאַפּירן פון גימנאַזיע און זיך אָנגעהויבן גרייטן צום וועג. די מייניסטע האָבן געהאַט געפּלאָנטעטע שטרויענע קערב, אָנגעפּאַקטע מיט ביכער און אַנדערע זאַכן, האָבן זיי זיך שווער צוגעמאַכט. האָט מען אַרומגעוויקלט דעם שטרויענעם קאָרב מיטן ווינטערפּאַלטאָ און אַרומגעבונדן מיט אַ פעסטן שטריק.

אַרום איינס אַ זייגער ביי טאָג זענען אַלע אַוועקגעפאָרן מיט דעם דאַמפער אַהין אין צענטער, וואו זיי וועלן זיך שוין אין דעם קומענדיקן הערבסט שטעלן פון דאָסניי צו די זעלבע עקזאַמענס. אַלע זענען געפאָרן אין דריטן קלאַס, וואו מ'האָט צונויפגערוקט די טישלעך און זיך געפילט היימיש-אויפגעבונדן. אַ קורצע ווײַלע נאָכדעם ווי דער דאַמפער האָט זיך גערירט פון ברעג, האָבן זיי געקויפט הייס וואַסער און געמאַכט אַ חבריש גלעזל טיי. מ'האָט פאַרפירט אַ לעבעדיקן שמועס, וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אָט אין אַ היציקער דיסקוסיע, אָט אין אַן ערנסטן צוזאַמענשמועס וועגן זייערע לימודים. אוממענטשלעך געדולד ברענט אין זייער יונגן עקסטערן-בלוט און שטייפט זייער ווילן מיט אייזערנער עקשנות, וואָס וויל דורכברעכן די טויט-אָפּגעשפּאַרטע טירן פון אַלע בילדונגס-שולן אין לאַנד.

סיידוי האָבן עקסטערנעס געעפנט זייערע שטרענגע קערב

און אַרויסגענומען פאַרשידענע זאַכן צום פאַרבייסן. אַלע האָבן זיך צעלאַכט, ווען לייבעלע ריאַבטשיק האָט אַרויסגענומען פון זיין קאָרב אַ פלעשל בראָנפן. אַזאַ יונגאַטש אַט דאָס קליין־וואוקסיקע בחורל! האָט יעדער אָנגעשטעלט זיין טיי־גלאָז און לייבעלע האָט אַלעמען צו ביסלעך געגאָסן. נאָכדעם האָט ער אַ בויגעטון דעם קאָפּ נאָך הינטן און געטרונקען אַליין פון פלעשל. האָט זיך אויפגעהויבן אַ פריילעכער געפילדער. און אָט האָט לייבעלע צוגעזשמורעט די אויגן און אָנגעהויבן אויף זיין ייִנגליש־טשעקאַווען שטייגער צו זינגען. טאַקע איינס פון זיינע בעסטע לידלעך, וואָס איז שוין ביי אַלע עקסטערנעס אויף די ליפּן און וואָס אַלע האָבן איצט מיט אַ געפּילדער אויפגעכאַפּט.

וואָס פאַרפאַלן, ווען פאַרפאַלן?!
מ'ראָסטשינעט פרישע חלה
און מ'הייצט ערשט איין דעם אויוון,
וואָס פאַרפאַלן, ווען פאַרפאַלן?!

שטעלט אָן, קינדער, נאָז און אויערן:
מ'שטויסט אין שטייסל פרישן צימרינג,
די חלה רויטלט זיך אין אויוון,
וואָס פאַרפאַלן, ווען פאַרפאַלן.

ערגעץ־וואו אויפן דאַמפער האָבן מאַטראָסן געשפּילט אויף אַ האַרמאָניקע און צוגעזונגען. דרויסן האָט דאָס וואַסער געבלישטשעט מיט העל זילבער אַנטקעגן דער זון. און כאָטש דער דאַמפער האָט געדרודערט אינעווייניק מיט זיינע מאַשינען און כסדר געשניטן דאָס וואַסער, האָט אָבער נאָך יעדן שניט דאָס וואַסער אומדערמידלעך זיך ווידער צונויפגענומען און געבלישטשעט מיט דעם זעלבן העלן זילבער.

דערווייל האָבן זיך אין ווייסן מויער אָנגעהויבן די מינדלעכע עקזאַמענעס, וועלכע זענען געפירט געוואָרן אין אַקט־זאַל באַזונדער פאַר גימנאַזיסטן און עקסטערנעס. קיין איין גימנאַזיסט איז נישט דורכגעפאַלן, דערפאַר זענען אָבער געפאַלן אויף יעדן

עקזאַמען פרישע קרבנות פון די עקסטערנעס. דערהויפּט אָבער האָבן אַלעמען אויפגערודערט די פאַרשידענע אומהיימלעכע צוזאַמענשטויסן, וואָס זענען דערביי פאָרגעקומען, אַ באַזונדער אויפרעגנדיקער צוזאַמענשטויס איז פאָרגעקומען אויף דעם ערשטן מינדלעכן עקזאַמען פון רוסישער שפּראַך און ליטעראַטור.

אויבנאָן ביי אַ לאַנגן גרין־באַדעקטן טיש אונטער דעם בילד פון צאַר ניקאָלאַי דעם 2־טן, זיצט אַ גאַנצע עקזאַמען־קאָמיסיע. און כאָטש דער דירעקטאָר איז דער פאָרזיצנדער פון קאָמיסיע, לאָזט ער אַנטאָנאָוון, דעם שטענדיקן לערער פונם קעגנשטאַנד, פירן די עקזאַמענס. נאָר אין וויכטיקע מאָמענטן מישט ער זיך, מעשה־פאָרזיצנדער, אַריין. אין אַ געוויסן אָפּשטאַנד פון גרינעם טיש זיצן אויף שטולן שטיל־וואַרטנדיק די זעקס און דרייסיק איבערגעבליבענע עקסטערנעס, וועלכע זענען אויס מייַנסטנס שטאַרק פאַרהאָרעוועט, אויפגערעגט, ביישט אויסגעשלאָפן. די קאָמיסיע ברענגט אין אָרדנונג די פּאַפּירן און לאָזט דערווייל וואַרטן. צווישן די עקסטערנעס טיילט זיך אויס די שיינע הויך־אויסגעשטרעקטע פיגור פון דעם רב שפּירא, וועלכער זיצט אויף דעם עק פון דער ערשטער ריי שטולן אין אַ לאַנגן שוואַרצן סורדוט און רבניש־עלעגאַנטן סאַמעטענעם זשילעט. אין אַ פּאָזע פון דורכויס נאַטירלעכער געלאַסנקייט, זיצט ער האַלב אָנגעשפּאַרט אויף דער לינקער זייט, און, צונויפגעלייגט די הענט אויף די קני, קוקט ער עטוואָס פאַרטראַכט אָן אַ זייט. די שוואַרצע באָרד און פּאות זענען ביי אים ציכטיק אויסגעגלעט, פאָרנט פאַלן אים די האָר אויפן הויכן שטערן. נאָר בלויז פון די זייטן זענען ביי אים די האָר עטוואָס צוגעפּלעצט פון דעם שטענדיק אָנגעטוענעם היטל, וועלכעס ער האָט (ווי מ׳זעט עס בחוש אויף די האָר) נאָר־וואָס אויסגעטון און וועט עס טאַקע ביי דער נאָענטסטער מעגלעכקייט תיכף ומיד צוריק אָנטון.

די קאָמיסיע הייבט אָן צוטרעטן צו די עקזאַמענס. האָט דער דירעקטאָר גלייך באַמערקט דער רב שפּירא, האָט צו אים פונוויטנס געשמייכלט מיט יענעם אייגנאַרטיקן דרך־ארץ, וועלכן

פריצים ווייזן אַרויס פאַר הויכגעשטעלטע גייסטלעכע. ער האָט אַליין אויסגערופן:

— הער שפּיראָ!

מיט געלאַסענע טריט איז ער צוגעגאַנגען צום גרינעם טיש, וואו ס'איז איצט באַזונדער אויפגעפאַלן זיין אומגעווייניק הויכע פיגור. האָט, ווייזט אויס, זיין אויסזען אַזאַ שטאַרקן איינדרוק געמאַכט, דאָס דער דירעקטאָר אַליין האָט אים צוגערוקט אַ שטול און געבעטן זיצן. ניין, ער דאַנקט, ער וויל נישט זיצן. ער נעמט אַרויס פונם אָפענעם קעסטל אויפן טיש אַן עקזאַמען-בילעט, לייענט דורך מיושבדיק די דאָרט אָנגעצייכנטע עקזאַמען-פראַגן, פאַרטראַכט זיך בלויז אויף אַ פּאָר רגעס, קוקנדיק עטוואָס אָן אַ זייט. די אויגן ווערן ביי אים באַדעקט מיט אַ קוים באַמערקבאַרן נעפל און אין דעם רעכטן ווינקל פון מויל באַווייזט זיך פון הינטער דער שוואַרצער באָרד אַ רויקער שמייכל. טאַקע גלייך האָט ער עטוואָס אַ קער געטון דעם קאָפּ צו דער קאָמיסיע און האַלטנדיק דעם בילעט אין דער רעכטער האַנט, האָט ער אָנגעהויבן ענטפערן אויף די עקזאַמען-פראַגן. ער ציילט און מעסט זיינע ווערטער, וואָס ער זאָגט אַרויס מיט אַ רויקן, אָבער מאָדנע שאַרפן נאָכדרוק. אָט דער אייגנטימלעכער נאָכדרוק פאַרטוישט דעם יידישן אַקצענט פון זיין רוסישער שפּראַך. צי פון זיך אַליין, צי מחמת דער הייסער דרך-ארץ-שטימונג פון דעם געפירכטעטן דירעקטאָר, אָבער אויך אַנטאָנאָוו קוקט אויף שפּיראָן מיט אַ געווויסער אַכטונג. קיינער פון דער קאָמיסיע רייסט אים נישט איבער. נאָר אין צען מינוט אַרום האָט אים דער דירעקטאָר מיט אַ שמייכל איבערגעשלאָגן די רייד:

— ס'איז שוין גענוג, הער שפּיראָ, איר האָט זייער שיין גערעדט...

שפּיראָ האָט זיך אַ בייג געטון און, גייענדיק צו דער טיר, האָט ער פריינטלעך אַ וואונק געטון מיט די אויגן צו ליובינסקין און איז אַרויס פון אַקט-זאַל.

די קאָמיסיע האָט אַ פּאָר מינוט עפּעס שטיל גערעדט

צווישן זיך. איצט האָט זיך אַנטאָנאָוו אויף זיין פאַרבּיסענעם שטייגער אַ נעם געטון צו די עקזאַמענס.

— הער לוריע!

דאָס איז געווען אַ דריי און צוואַנציק יעריקער יונגערמאַן מיט בּלאָנדע האָר און נערוועז-גלאַנצנדיקע בּלויע אויגן, אין אַ שוואַרצער קורטקע אויף אַ ריין בּלוי העמדל. ער איז די לעצטע נעכט כּמעט ווי נישט געשלאָפן און איז געווען שטאַרק אויפגע־רעגט, ווי אייניקע נערוועזע מענטשן בּשעת עקזאַמענס, איז ער פון מוח בּיז צו די פּיאַטעס געווען פאַרכאַפּט פון יענער אייגנ־אַרטיקער עקזאַמען-אַנגסט, וואָס קלעמט דעם מוח און וואָס האָט איצט בּיים אויסרוף פון זיין נאָמען דערגרייכט דעם הויכפּונקט. מיט וואַקלדיקע טריט גייט ער צו צום גרינעם טיש, בּשעת דעם גיין הענגען בּיי אים די הענט, ווי פרעמדע אין דער לופט. ער נעמט אַרויס דעם בּילעט און הייבּט אָן רעדן אומזיכער מיט עפּעס אַ הייזעריקער שטימע. האָט אַנטאָנאָוו אויף אים בּייז און שטרענג אַ געשריי געטון:

— רעד העכער — כ'הער גאָרנישט...

ערשט איצט האָט לוריע זיך פּלוצלינג אַ ריס געטון פון דעם אַנגסט-קלעם און זיך דערפילט מאָוימדיק לייכט, ווי אַ פע־דער. טאַקע די אַנגסט אַליין האָט אין אים אַרויסגערופן אַ נאַקעטע אַנטשלאָסנקייט, וואָס שפּאַנט די אויפמערקזאַמקייט און וואַרפט אַ בּלענדנדיק-נאַקעטע שיין אויף דער קאָמיסיע און דעם גרי־נעם טיש. און כאָטש ער מוז איצט פיינלעך קאָנטראָלירן יע־דעס אַרויסגעזאָגטע (אויף נאַקעט-געוואָרענע) וואָרט, דענקט ער אָבער אַזוי שאַרף און בּליצאַרטיק שנעל, דאָס ער טראָגט זיך ווי אין אַ ווירבּער, ענטפערנדיק אויף די עקזאַמען-פראַגן פון בּי־לעט. דער גאַנצער זכרון האָט זיך מאָבּיליזירט און אויסגע־שאָטן מיט אַ דראַנג די כּמעט אומצייליקע, דורך פלייס און אַרבּעט אָנגעזאַמלטע, קענטנישן. האָט אים אַנטאָנאָוו פּלוצלינג בּייז און שטרענג איבּערגעריסן, כּמעט ווי מיט אַ געשריי:

— וואָס? וואָס האָט איר נאָר וואָס געזאָגט?

טראָגנדיק זיך אין דעם ווירבּער, האָט לוריע אין דעם

פאָרלעצטן זאַץ פאַרביטן דעם נאָמען „פּושקין” אויף „זוקאָווסקי” און דערביי געמאַכט אַ גראַמאַטישן פעלער אין דעם אויסדרוק. ס'איז געווען מער ווי קלאָר, דאָס דידאָזיקע טעותן זענען איינם וויכער לחלוטין צופעליק אַראָפּגעשפּרונגען פון דער צונג. אַנטאָנאָוו האָט אָבער מיט אַ כוונה דאָ אַריינגעביסן זיינע ציין און דורכגענומען דעם נערוועזן עקסטערן מיט ביין־פּיינטלעכע בליקן, אין דעם וויכער האָט לוריע נישט באַמערקט און דעריבער נישט געקענט כאַפּן דעם אומבאַוואוסט־געמאַכטן טעות. דערשראָקן דורך אַנטאָנאָווס געשריי, האָט ער זיך אומבאַהאָלפן אַרומגעקוקט אין גרויס פאַרלעגנהייט, אין אָט דער פאַרלעגנהייט האָט לוריע געשוויגן, נישט געקענט געפינען דאָס פּאַסנדיקע וואָרט. כדי אָבער איינגאַנצן צו דערקוילן דעם קרבן, האָט אַנטאָנאָוו זיך אַ קער געטון צום דירעקטאָר מיט אַ שפּאָטיש־צאָרנדיקן אויסרוף:

„אָט אַזוינע ווילן דאָס באַקומען אַן אַטעסטאַט פאַר אַכט קלאַסן”.

איז לוריע ווידער באַהערשט געוואָרן פון אַ קלעמענדיקער אַנגסט און ער האָט אומזיכער און שטאַמלענדיק געענטפערט אויף די ווייטערע פראַגן פון בילעט. איצט האָט אַנטאָנאָוו טרוקן און קאַלט אים איבערגעריסן:

— גענוג, איר קאָנט שוין גיין...

נאָך לוריען זענען איינס נאָך דעם אַנדערן דורכגעפאַלן צוויי עקסטערנעס, ברוין און דובין. ווי לוריע, זענען זיי ביידע איינפאַכע, „גרויע”, האָרעפּאַשנע־אַרבעטנדיקע עקסטערנעס, וואָס אַ גאַנץ יאָר גיבן זיי אַ האַלבן טאָג „שטונדן” און דעם אַנדערן האַלבן טאָג האָרעווען זיי אויף די ביכלעך. אַנטאָנאָוו האָט זיי געפּלאָנטערט מיט פראַגן, געכאַפּט פאַר דעם מינדסטן וואָרט און זיי אומפאַרשעמט מיט שפּאָט און האַס אומגעוואָרפן. אָט די אַכזריותדיקע פאַראַכטונג צו די שוצלאָזע „גרויע” עקסטערנעס, האָט זיך נאָך שמערצלעכער אויסגעטיילט דורך דעם, וואָס אַנטאָנאָוו האָט אויפפאַלנד גוט און קאָרעקט באַהאַנדלט די עקסטערנעס־„מיוחסים”, ווי גומינער און דאַווידאָוו, אויך די

עקסטערנעס, וואָס האָבן ביי אים גענומען פּריוואַט-שטונדן. דער קאָנטראַסט איז געווען אַזוי שרייענדיק, דאָס צווישן די עקסטערנעס אויף די שטולן האָט זיך אויפגעהויבן אַן אומבאַהאָלפענע אָבער זודיקע אויפרעגונג, דער דירעקטאָר האָט מערקווירדיק געשוויגן און אַנטאָנאָוו איז אַלץ מער אַריין אין אַ מין אַזאַרט פון סאַדיסטישער אומפאַרשעמטקייט. ווי די רוימישע שררהשע פרויען פלעגן נישט האַלטן זייערע שקלאַפן פאַר מענטשן און האָבן זיך דערפאַר נישט געשעמט אויסטון נאַקעט פאַר די שקלאַפן, אַזוי האָט מען זיך דאָ אין אַקט-זאַל נישט געשעמט פאַר די עקסטערנעס. איז אָבער אָט וואָס פאָרגעקומען.

נאָך דעם ווי גוזמינער, דאַווידאָוו, ליובינסקי און טאָלצינער האָבן נאָכאַנאַנד גוט אויסגעהאַלטן די עקזאַמענס, זענען ווייטער אויף דעם געוויינלעך-שווערן שטייגער, דורכגעפאַלן צוויי „גרויע” עקסטערנעס. דאָס האָט אויפגערודערט אַלע עקסטערנעס, וועלכע האָבן זיך נערוועז-אומבאַהאָלפן געדרייט און באַוועגט אויף די שטולן. אַנטאָנאָוו מערקט עס און ס'דאַכט זיך, אַז ער סמאַקעוועט זייער פאַרביטערונג. קוקט ער איצט אין דער ליסטע און לויט דער ריי רופט ער אויס:

— הער ליפנער!

פון צווישן די שטולן איז אַרויסגעגאַנגען ליפנער אין דער גרויער קורטקע, שטייף און האַרט, מיט דער באַוואַקסענער שטעכיקער טונקל-בלאָנדער באָרד און פאַנאַטיש-גלאַנציקע אויגן. מיט פעסטע טריט גייט ער צו צום גרינעם טיש און נעמט אַרויס אַ בילעט. נישט פאַרטראַכטנדיק זיך אפילו אויף אַ רגע, הייבט ער אָן גלייך צו ענטפערן אויף די עקזאַמען-פראַגן פון בילעט. ער רעדט מאָדנע הויך און אַנטשלאָסן, שניידט ווערטער און זאַצן, ווי מיט מעסערס, ער רעדט אַזוי ענערגיש, ווי בשעת ער האַלט אַ רעדע אויף אַ פאַרטיי-פאַרזאַמלונג. דערביי קוועטשט ער באַזונדערס ענערגיש דעם בוכשטאַב „ר”, וואָס הערט זיך ביי אים אָן, ווי עטלעכע צונויפגעפרעסטע קלאַנגען: „ר-ר-ר”. אַנטאָנאָוו האָט אים איבערגעריסן מיט אַ שפּאָטיש-בייזער באַמערקונג:

— איר ווילט עס באַקומען אַן אַטעסטאַט, בעת איר רעדט גאָר רוסיש ווי אַ טאַטאַר־ר־ר...

ביי ליפנערן זענען מיטאָמאָל די ליפּן בלאַס געוואָרן פון אויפרעגונג. ער האָט אין איין רגע אויפגעזאָטן, איז האַרט צוגעגאַנגען צום גרינעם טיש און, צונויפפרעסנדיק די פויסטן, האָט ער ווילד אויסגעשריגן:

— ווער איז דאָ דער טאַטאַר?

דער אַקט־זאַל האָט זיך געלייגט פון זיין געשריי. ווי אַן אויפגערייצטע חיה איז ער געשטאַנען מיט די ווילד־בלישטענדיקע אויגן און זיך געטרייסלט אין אַ שווערן צאָרן־קראַמף. דאָס איז פאָרגעקומען אַזוי אומגעריכט און אַזוי משונהדיק ווילד, דאָס אַלע אויפן אָרט זענען צעמישט געוואָרן. דער דירעקטאָר איז דערשראָקן אויפגעשפּרונגען פון שטול —

— באַרויקט אייך, הער ליפנער, איר זענט דאָך נאָך גאָר נישט דורכגעפאַלן, אייער עקזאַמען גייט נאָך...

ביי ליפנערן ווערט אָבער דאָס פּנים אַלץ מער פאַרקראַמפּט פון פאַרדרוס. ער, דער ווילדער פאַנאַטיקער, קאָן גאָרנישט קומען צו זיך. ער האָט אַ זעץ געטון מיט דער פויסט אויפן טיש.

— דאָס איז נישט קיין עקזאַמען, נאָר אַן עקזעקוציע. כ'וויל זיך ביי אייך נישט עקזאַמינירן, שוין גיט מיר אַרויס מיינע פּאַפּירן...

— באַרויקט אייך, האָט אים דער דירעקטאָר געזאָגט מיט אַ ווייכן, האַלב־בעטנדיקן טאָן, מיר וועלן גלייך באַהאַנדלען דעם אינצידענט אין קאָמיסיע. איצט מוז איך אַלץ איינס מאַכן אַן הפסקה פון די עקזאַמענעס, נאָכדעם וועלן מיר רעדן...

דער פאָטערלעך־ווייכער טאָן פונם דירעקטאָר האָט מערקווירדיק גוט געווירקט אויף ליפנערן און ער איז שווייגנדיק אַרויס פון אַקט־זאַל.

מ'האָט דערקלערט אַ פּויזע אויף אַ שעה. עקסטערנעס זענען אַרויסגעגאַנגען אין קאָרידאָר, די עקזאַמען־קאָמיסיע איז אַראָפּ אונטן אין לערער־צימער, וווהין דער שווייצער אַנטאָן האָט זיי דערלאַנגט פרישטיק. און דאָ האָט די קאָמיסיע צווישן זיך

גלייך אָנגעהויבן רעדן וועגן אינצידענט. דער דירעקטאָר, אַ מענטש אַ מבוהל מיט אַ שוואַכן ווילן, האָט זיך ביי דעם שמועס שטאַרק געקווענקלט. אייגנטלעך וואָלט מען געדאַרפט פאַר אַזאַ חוצפּה אויסשליסן ליפּנערן פון עקזאַמענעס, מעלדן די פּאָליציי, וועלכע וואָלט געמוזט אַרעסטירן און אָנלערנען אָט דעם מחוצף. דערמאָנט זיך אָבער דער דירעקטאָר אָן ליפּנערס בלישטשענדיקע אויגן און מיט אינסטינקטיווער שרעק דערפילט ער אין זיי דעם ווילד-פאַנאַטישן בליק פון אַ מאַניאַק. אָט אַזוינע ווילדע פאַנאַטיקער, זאָגט דער דירעקטאָר שטילערהייט צו אַנטאָנאָוון, האָבן נישט איינמאָל דערלאַנגט אַ באָמבע אַ מיניסטער און אַפילו דעם קייסער אַליין. דאָס ווירקט, ווי תמיד, אויף אַנטאָנאָוון, וואָס טראָגט אין זיך אייגנטלעך אַ נערוועז-שרעקעוודיקע נאַטור אונטער דעם פאַנצער פון סאַדיסט-שער פאַרביסנקייט. און, ווי אַלע מאָל, דער זענען דירעקטאָר און אַנטאָנאָוו (יעדער אויף זיין שטייגער) די יעניקע, וואָס ווילן דורכאויס צערייבן אַ געפערלעכן סקאַנדאַל און נישט לאָזן אים אַרויסוואַקסן.

נאָך דער פּויזע איז די עקזאַמען-קאָמיסיע אַריין אין אַקטזאַל, וואו עקסטערנעס זענען שוין אין אָנגעשטרענגטער וואַרטונג געזעסן אויף די שטולן. דער דירעקטאָר אַליין האָט אויסגערופן:

— הער ליפּנער!

קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן. ליפּנער איז גאָר אין זאַל נישט געווען. האָט דער דירעקטאָר זיך געווענדט צו די עקסטערנעס, עמעצער פון זיי זאָל אַריינרופן ליפּנערן. אַ פּאָר עקסטערנעס זענען אַרויס, האָבן אַרומגעזוכט ליפּנערן אין אַלע קאָרידאָרן און אים נישט געפונען. ער איז באַלד נאָך דעם אינצידענט אַוועק פון גימנאַזיע און צוריק נישט געקומען. אויף מאָרגן האָט ער טאַקע אַרויסגענומען פון גימנאַזיע זיינע פּאַפּירן און איז אין דעם זעלבן טאָג אַוועקגעפאָרן. די, וואָס האָבן נאָענט געקענט דעם שטרענג-זודיקן ליפּנערן, האָבן זיך גאָרנישט געוואונדערט. ס'האָבן זיך אָבער אויך געטראָגן קלאַנגען צווישן

עקסטערנעס, דאָס ליפּנער איז דרינגענד אַוועקגעפאָרן צוליב קאָנספּיראַטיווע פּאַרטייאישע צוועקן.

יעדנפאַלס האָט די מעשה מיט ליפּנערן אַפּנים שטאַרק געווירקט אויף דער עקזאַמען־קאָמיסיע. אַנטאָנאָוו האָט איצט עקזאַמינירט די איבעריקע עקסטערנעס מער קאָרעקט און איינגעהאַלטן. נאָר איינער איז איצט דורכגעפאַלן. די אַלע איבעריקע האָבן אויסגעהאַלטן. אויף דעם אופן זענען אויף דעם ערשטן מינדלעכן עקזאַמען דורכגעפאַלן „בלויז" זעקס עקסטערנעס, וואָס איז, לויט אַנטאָנאָווס האַמעטנער פאַראַכטונג צו יידישע עקסטערנעס, געווען כמעט אַן אומדערוואַרטעט קליינע צאָל קרבנות.

שוין אויף דעם ערשטן מינדלעכן עקזאַמען האָט זיך קלאָר אויסקריסטאַליזירט דער אונטערשיד צווישן „גרויע" און „געהויבענע" עקסטערנעס. דער דירעקטאָר אַליין האָט נאָך אויסער דעם אָפן אַרויסגעוויזן אַזאַ וואַרעמע סימפּאַטיע צו צוויי עקסטערנעס, דאָס כמעט אַלע זענען געווען זיכער פאַר זייער ביידנס דערפאָלג אויף די היינטיקע פרילינג־עקזאַמענס. דער ערשטער פאַל איז געווען מיט ליובינסקין. ווען ער איז צוגעגאַנגען צום גרינעם טיש און אַרויסגענומען אַן עקזאַמען־בילעט, האָט דער דירעקטאָר אַ זאָג געטון מיט באַגייסטערונג:

— אָט דער יונגערמאַן האָט דאָך שוין אַן אַטעסטאַט אויף אַכט קלאַסן, ער עקזאַמינירט זיך נאָכאַמאָל בלויז כדי צו פאַרבעסערן זיין אַטעסטאַט. פאַר אַזאַ געדולי אַליין איז ער ווערט, מ'זאָל אים שטעלן די בעסטע צייכנס...

אומדערוואַרטעט איז אָבער געווען דער צווייטער פאַל מיט דעם גוט־באַקאַנטן באַביצקין.

כאָטש ער האָט גענומען פּריוואַט־שעהן ביי אַנטאָנאָוון, איז ער דאָך געווען שטאַרק אויפגערעגט. שוין ביים אויסרוף פון זיין נאָמען איז ער רויט געוואָרן איבער די אויערן. ווען ער איז אָבער צוגעגאַנגען צום גרינעם טיש, האָט זיך ביי אים פלוצים די פאַרב געביטן, די ליפן זענען אים מיטאַמאָל בלאַס געוואָרן. דער פליכעוואַטער קאָפּ, באַדעקט פון קליינע, פלאַקסן־ווייסע הערלעך, האָט

זיך טיף איינגעגראָבן אין די ציטערנדיקע פּלייצעס און אויף דעם ווייס־געוואָרענעם פּנים האָבן שרעקנדיק צעריסגעקוקט די לויפנדיקע בלויע אויגן. זיין אויסזען האָט אפּנים שטאַרק דערשיטערט דעם דירעקטאָר, וועלכער האָט אים מיט אַלערליי מיטלען דערמוטיקט, געשטאַרקט און געהויבן. ווי אַלעמאָל אָבער, האָט באַביצקי אין דער פאַרלוירנקייט באַקומען אַ פאַרצווייפלטן איינפּעט און פאַרפלייצנדיק געענטפערט אויף אַלע פּונקטן פונעם עקזאַמען־בילעט. אויך איצט האָט ער עס גלייך געפונען און אויסגענוצט דעם אייגנטימלעך־חוצפּהדיקן דראַנג פון טיפער פאַרלוירנקייט, מיט וועלכער ער האָט, ווי מיט אַ געשליפענער שווערד, געפּאָכעט אין דער לופט און אָנגעוואָרפן אַ מין רחמנות־וועקנדיקע אימה. ער האָט טאַקע איצט דערשיטערט און איינגענומען דעם דירעקטאָר, וועלכער איז דאָך געווען דער קאָמיטע־פאָרזיצנדער אויף אַלע עקזאַמענס.

די ווייטערע עקזאַמענס זענען פאָרגעקומען, איינער נאָכן אַנדערן, מיט קלענערע הפסקות פון דריי־פיר טעג. מיט יעדן עקזאַמען האָט געשטיגן די צאָל קרבנות צווישן די „גרויע" עקסטערנעס. אויף דעם לאַטיינישן עקזאַמען איז אומגעריכט דורכגעפאַלן דער „אָנגעשטאָפּטער זאַק", מעניע ראַטנער. ער האָט, פאַרשטייט זיך, גלענצנדיק געענטפערט און האָט שוין טאַקע געזאָלט אָט־אָט אויסהאַלטן. ער האָט געשאָטן מיט זיינע אויסערגעוויינלעכע קענטענישן, ווי מיט קאַלטן באָב. דאָס האָט גערייצט דעם לאַטיינישן לערער. אין לעצטן מאָמענט האָט דער לערער קרום אַ קוק געטון אויף ראַטנערס פּענסנע, וועלכע זענען צוגעבונדן דורך אַ שוואַרץ שנירל צו דער אויבערשטער זשילעטקעשענע. דער לערער האָט זיך ביין צוגעטשעפּעט צו ראַטנערס אַ וואָרט און אומפאַרשעמט אים גלייך געלאָזט דורכפאַלן. עקסטערנעס האָבן נישט געקאָנט קוקן ראַטנערן גלייך אין די אויגן אַריין. זיין דורכפאַל האָט אַלעמען ווי געטון. אַ קלייניקייט, אַזאַ אומדערמידלעכער געלערנטער! אַזאַ אָנגעשטאָפּטער זאַק! אין זיינע שטענדיק אַראָפּגעלאָזטע אויגן, ווי אפילו אין דעם שוואַרצן

שניר׳ל, אין געוועזן עפּעס רירנד — אומבאַהאָלפענער מעניע ראַטנער!

נאָר אויף דעם פאַרלעצטן עקזאַמען פון געשיכטע און געאָגראַפיע האָט זיך איינער פון די „געהויבענע" עקסטערנעס אויסגעגליטשט אויף אַזאַ מאָדנעם אופן, דאָס די גאַנצע שטאָט האָט וועגן דעם געקאָכט. דאָס האָט געטראָפן מיט דעם „אייביקן עקסטערן" מינדלין, וועלכן דער דירעקטאָר און די גימנאַזיע־לערער האָבן ביז אַהער אויף אַלע פריערע עקזאַמענס שטאַרק געשאַנעוועט.

מינדלין איז אַ היגער, דעם אַלטן רבס אַ זון. אַ בחור פון אַ יאָר אַכט און צוואַנציק, איז ער אין זיין אויסזען, ווי אין זיין גאַנצער נאַטור, זייער ווייך און ווייבלעך־צאַרט. ער איז אַ מיטלוואוקסיקער, מיט אַ גוט געבויטער, אָבער זייער איידעלער פיגור, מיט אַ ראָז־פאַרביק פנים, שטענדיק שמייכלענדיקע אויגן און אַ הנעוודיק־טונקל קליין בערדל. שטענדיק איז ער ציכטיק אויסגעפּוצט, טראָגט אַ ווייסע מאַנישקע מיט אַ קליין שניפּסל, אַ ריין טונקל־פאַרביק רעקל. די פיין צוגעקליבענע שיך זענען כמעט שטענדיק פריש געפּוצט. ער חברט זיך אַלעמאָל מיט „געהויבענע" עקסטערנעס און עלטערע גימנאַזיסטן. ווייבלעך־נאָכגיביק גליטשט ער זיך אומבאַמערקט אַריין אין זייער טאָן און פּאַמעלעך ווערט ער כלומרשט אַ גאַנצער שיסער, אַ היימיש־גלייכער צווישן שטאַרקע און געהויבענע. ביי דער מינדסטער זאַך אָבער קאָן ער קומען אין פאַרלעגנהייט, ביי אים רויטלט זיך דאָס געזיכט, די אויגן קוקן האַלב־דערשראָקן און ער פאַרלירט כמעט דאָס לשון.

אויף אַלע עקזאַמענס זיצט ער צווישן די „געהויבענע" עקסטערנעס, וויצלט זיך און לאַכט מיט זיי שטילערהייט און איז כלומרשט, ווי זיי, אומגעצוואונגען לוסטיק. ווי נאָר אָבער מ׳רופט אים אַרויס צום גרינעם טיש, רויטלט זיך ביי אים דאָס געזיכט. מיט ציטעריקע הענט האַלט ער דעם עקזאַמען־בילעט און רעדט האַלב־שטאַמלענדיק מיט אַן אומזיכערער שטימע. שטרויכלט ער זיך אָבער אין אַ וואָרט, אָדער שטעלט אים דער לערער אַ שווערערע פראַגע (אַמאָל איז געווען דעם לערערס אַ בייז־פאַרוואונ־

דערטער בל״ק), קומט ער גלייך אין פאַרלעגנהייט, קוקט אומבאַהאָלפן אָן אַ זייט און פאַרלירט דאָס לשון. און כאָטש ער איז זייער אינטעליגענט און ווייסט גוט די למודים, האָט ער דאָך נישט קיין שליטה אויף זיין אייגנאַרטיקער שעמעוודיקייט, וואָס שטיקט אים אויף די עקזאַמענס, ווי אַ ספּאַזמע. אַזוי איז ער, איין יאָר נאָך דעם אַנדערן, פינף מאָל דורכגעפאַלן אינם ווייסן מויער (אין אַן אַנדערער גימנאַזיע האָט ער קיינמאָל נישט געוואַגט צו פאָרן). דאָס ערשטע מאָל איז ער דורכגעפאַלן אויף עקזאַמענס פאַר זעקס קלאַסן, דערנאָך צוויי מאָל פאַר זיבן קלאַסן, די לעצטע צוויי מאָל פאַר אַכט קלאַסן. פאַר אייניקע גימנאַזיע־לערער איז עס געוואָרן פשוט אומהיימלעך יאָר־איין, יאָר־אויס צו „שניידן" אָט דעם שעמעוודיקן וואויל־ציכטיקן בחור. דאָס פאָריקע יאָר האָבן נישט נאָר מ׳נדלינס איינפלוסרייכע פריינט, נאָר אויך אייניקע גימנאַזיע־לערער זיך פאַר אים געסטאַרעט. גליטשט ער זיך אָבער אויס אויף דעם אָדער יענעם עקזאַמען אַזוי, אַז מען קאָן אים נישט דערשלעפּן ביז צום סוף. היי־יאָר האָט מען אים בשלום דערפירט ביז צום פאָרלעצטן עקזאַמען פון געשיכטע און געאָגראַפיע, וואו ס׳איז אָט וואָס פאָרגעקומען.

ווען מ׳נדלין איז מיט יאָרן צוריק צום ערשטן מאָל דורכגעפאַלן, איז בוליגין, דער גימנאַזיע־לערער פון געשיכטע, דעמאָלט נאָך געווען אַ גימנאַזיסט פון אַכטן קלאַס אין דער היגער גימנאַזיע.

זיי זענען דעמאָלט געווען זייער באַפריינדעט, ווייל שוין דעמאָלט האָט זיך מינדלין זייער נאָענט געחברט מיט עלטע״ע גימנאַזיסטן.

פאַר פינף יאָר האָט בוליגין, וואָס שטאַמט פון גרויס אַדל און איז אַ זייער פעיקער מענטש, פאַרענדיקט דעם אוניווערזיטעט און איז געוואָרן אין לעצטן יאָר אַ לערער פון געשיכטע אין דער היגער גימנאַזיע. אַזוי האָט דער מאָדנער גורל געבראַכט, דאָס איצט האָט בוליגין געמוזט עקזאַמינירן זיין געוועזענעם יוגנט־פריינט פון גימנאַזיע.

בוליגין האָט זיך מיטן גאַנצן האַרץ איינגעשטעלט פאַר

מינדלינען, וועלכער האָט טאַקע גוט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען פאַר געשיכטע. נאָר אַט האָט זיך גלייך אָנגעהויבן דער עקזאַמען פאַר געאָגראַפיע. אויף דער ערשטער בוליגינס פראַגע האָט מינדלין עפּעס נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. האָט בוליגין גלייך געשטעלט אַן אַנדערע, פיל לייכטערע פראַגע. איז אָבער מינדלין שוין געקומען אין שטאַרקער פאַרלעגנהייט, די אויגן האָבן ביי אים דערשראָקן געקוקט און ער האָט שוין פאַרלוירן דאָס לשון. בוליגין האָט זיך אויסגעשלאָגן פון די כוחות און נישט געקענט באַ אים אַ וואָרט אַרויסבאַקומען. מינדלין איז אַ פאַרלוירענער אַרויסגעגאַנגען פון אַקט־זאַל.

די עקזאַמען־קאָמיסיע האָט לאַנג פאַרהאַנדלט דעם ענין, מען האָט דאָך געוואָלט געפינען אַ מעגלעך גוטן אויסוועג. ס'איז אָבער קיין פעולה נישט! ווען אַן עקסטערן ענטפערט נישט קיין איין וואָרט אויף אַן עקזאַמען, מוז מען אים אַרויפשטעלן אַ שלעכטן צייכן. מ'איז בלויז איינגעגאַנגען אויף בוליגינס פאָרשלאַג, אונטערצוהאַלטן מינדלינס אַ טעלעגראַפישע בקשה אין צענטער, מ'זאָל אים דערלויבן עקזאַמינירן זיך נאָכאַמאָל אויף געאָגראַפיע אין דער קומענדיקער וואָך.

פון צענטער איז שוין אָבער אויף מאָרגן אָנגעקומען אַן אָפּזאָג.

מינדלין האָט זיך דערמאָלט אויף אַלעמאָל אָפּגעזאָגט פון עקזאַמענעס. גענוג! אין דעם זעלבן יאָר האָט ער זיך פאַרליבט און חתונה געהאַט, האָט אָנגענומען די שטעלע פון אַ בוכהאַלטער אין אַ גרויסער פירמע. צי ער האָט די גאַנצע זאַך נישט גענומען שטאַרק צום האַרץ, צי ער איז געווען גליקלעך אין דער ליבע, ער האָט יעדנפאַלס אויסגעזען זייער צופרידן מיט זיין לעבן. ווי פריער איז ער איצט נאָך מער ציכטיק אויסגעפוצט און פון זיין ראָז־פאַרביקן פנים קוקן אַרויס שטענדיק שמייכלענדיקע אויגן.

אַ חודש צייט האָבן געדויערט די עקזאַמענס, וועלכע האָבן אָבער דערגרייכט זייער טראַגישן הויך־פונקט אויף דעם לעצטן עקזאַמען פון מאַטעמאַטיק. נישט נאָר דערפאַר, ווייל אַ לעצטער

עקזאַמען באַשליסט ענדגילטיק דעם גורל, נאָך הויפּטזעכלעך דערפאַר, וואָס דאָס איז אַן עקזאַמען אויף מאַטעמאַטיק ביים פאַנאַטיש־שטרענגן גראַניעוויטש. אָט אויף דעם עקזאַמען האָט עס געטראָפן דער ווייניק־באַמערקבאַרער, כמעט געהיימער, דער־פאַר אָבער מענטשלעך זייער טראַגישער פאָרפאַל.

דער רעוויזאָר אַקסאַקאָוו, אויף וועלכן אַלע האָבן מיט שרעק געוואַרט, איז מחמת פאַרשידענע סיבות נישט געקומען, אַלע האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט.

ס׳איז נאָר געבליבן די נערוון־שפּאַנענדיקע אָנשטרענגונג פון אַ לעצטער ניגוט, וואָס האָט פאַר די יונגעלייט אַ גורל־באַ־שליסנדיקע באַדייטונג. באַזונדערס דענערווירט האָבן אויסגעזען די עקסטערנעס. פון זעקס און דרייסיק נאָך די שריפטלעכע עקזאַ־מענס זענען איצט צום לעצטן עקזאַמען געבליבן עלף. זיי האָבן אויסגעזען ווי אַ הייפל אויסגעמאַטערטע סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך מיט די לעצטע כוחות אַרויסגעראַטעוועט פון אַ קאַטאַסטראָ־פאַל־צעשלאָגענער אַרמיי.

מאַטעמאַטיק איז געווען דער לעצטער עקזאַמען, ווייל גראַ־ניעוויטש איז אַ קורצע צייט קראַנק געווען. ער האָט תמיד גע־ליטן אויף גאַל־שטיינער, אָנהויב מאַי האָט ער אָבער באַקומען אַ שווערן אָנפאַל און האָט איבער אַ וואָך געמוזט ליגן אין בעט. צוליב אים האָט מען עס באַשטימט מאַטעמאַטיק אַלס לעצטן עק־זאַמען. גראַניעוויטש האָט אַ צײַט טאַקע אויסגעזען ווי נאָך אַ שווערער קרענק. דאָס אָפּגעמאַטערטע פּנים איז געלבלעך־בלאַס, די נאָז עטוואָס אויסגעצויגן און פון אונטער דעם הויכן פליכע־וואַטן שטערן האָבן אַרויסגעקוקט גרויסע שוואַרצע אויגן מיט אַ קרענקלעכן גלאַנץ. אויסער דעם איז ער איצט געווען עפּעס מאָד־נע שטיל, איינגעהאַלטן, קאָנצענטרירט. האָבן אַלע נאָך מער אָפּ־שיי כאַר אים באַקומען. דער דירעקטאָר אַליין האָט אים אויף דער עקזאַמען־קאָמיסיע מיט קיין איין איבעריק וואָרט נישט גע־שטערט. גימנאַזיסטן האָבן פון לאַנג מיט גרויס פלייס זיך גע־גרייט צו זיינע עקזאַמענס. און כאָטש ער האָט געקאַרגט אַ וואָרט, האָט מען דאָך אָן אים געזען, ווי ער איז אין אַלגעמיין מיט

זיי צופרידן. קיין איין גימנאַזיסט איז נישט דורכגעפאַלן. אויך פון עקסטערנעס איז בלויז איינער דורכגעפאַלן, אַלע איבעריקע האָבן אויסגעהאַלטן. ס'איז נאָר אָט־וואָס פאַרגעקומען.

ליובינסקי האָט דער לעצטער געהאַלטן זיין עקזאַמען, ווען אַלע שוין־עקזאַמינירטע עקסטערנעס זענען אַרויס אין קאָרידאָר, און אין אַקט־זאַל איז אַ חוץ אים און דער עקזאַמען־קאָמיסיע קיינער נישט געווען. די קאָמיסיע זיצט ביים גרינעם טיש, גראַניעוויטש און ליובינסקי שטייען אַרום שוואַרצן טאָוול, אויף וועלכן ליובינסקי צייכנט מיט קרייד מאַטעמאַטישע פאָרמולן און פיגורן און דערקלערט זיי גלייכצייטיק מיט אַ קונציק־געשליפענער קורצקייט. גראַניעוויטש לאָזט אים רויק רעדן, און שטיל־איינגעהאַלטן פאַרפאָלגט ער מיט זיינע גלאַנצנדיקע אויגן דאָס אָנגעשריבענע אויפן טאָוול. פּלוצלינג האָט ער איבערגעריסן ליובינסקין:

— גענוג — איר האָט גלענצנד געענטפערט...

אַ שטראַלנדיקער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף ליובינסקיס פּנים. ער האָט, הייסט עס, אויסגעהאַלטן דעם לעצטן עקזאַמען. אויף אים איז געקומען די נאַטירלעכע, כמעט אינסטינקטיווע פרייד פון אַ מענטש, ביי וועלכן ס'איז מיטאַמאָל אַראָפּ אַ באַרג פון די פּלייצעס. אַן עקסטערן איז געוואוינט און תמיד גרייט צו שטרויכלונג און דורכפאַל. און ווען ער האַלט שוין יאָ אויס, נאָך פאַרצווייפלטער אָנשטרענגונג, זיין עקזאַמען, האָט ער דאָס ספּעציפישע, כמעט באַטויבנדיקע געפיל פון וואונדער־פרייד, אומגעריכטער דערגרייכונג און פּלוצימדיקער באַפרייונג.

מיט קוים איינגעהאַלטענער פרייד האָט זיך ליובינסקי אַ נייג געטון צו גראַניעוויטשן און זיך שוין געקליבן אַרויסגיין אין קאָרידאָר, האָט אים גראַניעוויטש אָפּגעשטעלט:

— איר מוזט זיך נאָך עקזאַמינירן אויף פיזיק...

— וואָס?

ווי אַ בליץ איז פאַרשוואונדן דער שטראַלנדיקער שמייכל פון ליובינסקיס פּנים. ער איז געשטאַנען דערשטוינט און איבערראַשט.

— וואָס הייסט? נאָך אין יאַנואַר האָט איר דאָ בײַ אײַך אין הויז זיך אַליין אַרויסגערופן, אַז איר וועט מיך באַפרייען פון פיזיק. איר האָט נאָך דעמאָלט מיך הייליק פאַרזיכערט, אַז איר וועט דאָס נישט פאַרגעסן, ווײַל דאָס איז נישט קיין פּריווילעגיע נאָר...

— ניין, איר מוזט זיך עקזאַמינירן...

האָט ליובינסקי מיטאַמאָל דערפילט, דאָס אַ שוואַרצער, בייזער קאַפּריז פון גראַניעוויטשן פאַלט אים אויפן קאָפּ. די ליפּן זענען בײַ אים בלאַס געוואָרן, מיט אַ ציטערדיקער שטימע האָט ער זיך אָנגעהויבן בעטן:

— כ'האָב דאָך אָבער דורך אײַער פאַרזיכערונג נישט געגרייט זיך צו אָט דעם עקזאַמען. איר ווייסט דאָך, אַז איך האָב שוין אַן אַטעסטאַט פאַר זעכס קלאַסן און איך עקזאַמיניר זיך איצט נאָכאַמאָל, בלויז כדי צו פאַרבעסערן דעם אַטעסטאַט. אין יענעם אַטעסטאַט איז מיר נאָך פאַראַיאָרן אַרויסגעשטעלט געוואָרן דער בעסטער צייכן אויף פיזיק. דער אַטעסטאַט ליגט צווישן מײַנע פּאַפּירן אין גימנאַזיע — איר קאָנט אים גלײַך זען. לאָזט מיך ווייניקסטנס עקזאַמינירן זיך אויף פיזיק מאָרגן, כדי איך זאָל כאָטש פאַרן טאָג קאָנען דורכבלעטערן דאָס לערנבוך...

— איך האָב נישט קיין רעכט אָפּצולייגן דעם עקזאַמען. מאַכט נישט קיין לאַנגע רייד און שטעלט זיך צום עקזאַמען...

נאָך דער אויסגעהיילטער גאַל-קראַנקהייט איז גראַניעוויטש נאָך נישט אינגאַנצן געקומען צו זיך. ער ווערט קרענקלעך שנעל געגרייצט פון ליובינסקיס ווידערשטאַנד. אַ קאַלטע סאַדיסטישע פאַרביסנקייט איז אין אים פּלוצלינג אויפגעשטיגן. די לאַנגע פּאָלעס פון ליובינסקיס קאַפּאָטע האָבן אים פּלוצלינג זייער העסלעך אויסגעזען.

זיי זענען ביידע געשטאַנען נישט ווייט פון דעם טאַפּעל. די אַנדערע מיטגלידער פון קאָמיסיע האָבן צווישן זיך גערעדט בײַם גרינעם טיש און זיך גאָרנישט געקימערט וועגן זיי. בײַ ליובינסקין האָט פּלוצלינג אַ בליק געטון אַ טרייסטנדיקער גע-

דאַנק, דאָס פּאַר גראַניעוויטשן איז מסתמא אָט דער עקזאַמען בלויז אַ פאָרמאַלישקייט. גראַניעוויטש ווייס געוויס נעמען אין אַכט די פון אים זעלבסטגעשאַפענע לאַגע, און וועט אים שטעלן בלויז אַלגעמיינע לייכטע פראַגן. פאַרוואָס זאָל דען גראַניעוויטש וועלן אים אונטערשטעלן אַ פיסל? איז ער אונטערטעניק ווייטער צוגעגאַנגען מיט גראַניעוויטשן צום שוואַרצן טאַפעל. צו ליובינסקיס גרויסן דערשטוינען, האָט אים גראַניעוויטש געשטעלט אַ פאַרדרייטע פראַגע פון אַ פאַרוואָרפן קאַפיטל אין פיזיק, וואָס אפילו אין לער=בוך שטייט עס געשריבן מיט קליינע אותיות און וואָס די מיינסטע גימנאַזיעס טראָגן עס גאָרנישט אַריין אין עקזאַמען=פראָגראַם. ליובינסקי האָט אָנגעשטרענגט זיין זכרון און דאָך ריכטיק געענטפערט. ער האָט נאָר גערעדט עטוואָס לאַנגזאַם און אומגעשליפן, ווי אַ מענטש, וואָס דערפרישט אין מוח אַ לאַנג געלערנטע זאַך. גראַניעוויטש האָט, ווי פריער, אים שטיל צוגעהערט, נאָר אויף זיין פנים האָט זיך מיטאַמאָל באַוויזן אַן אומברחמנותדיק קאַלטע פרעמדקייט. אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט ער ליובינסקין איבערגעריסן מיט אַ פראָסטיק=קאַלטן טאָן.

— ניין, אויף מאַטעמאַטיק האָט איר בעסער געענטפערט...

ער האָט זיך גלייך אָפגעקערט פון ליובינסקן און איז אַוועק צום גרינעם טיש. ביי ליובינסקן האָט אָפגענומען דאָס לשון. אַ רגע איז ער געשטאַנען שטום אַרום טאַפעל. מיט וואַקלענדיקע טריט איז ער אַרויס אין קאָרידאָר. דאָרט האָבן עקסטערנעס געוואַרט, ביז דער דירעקטאָר וועט אַרויסגיין און וועט, ווי אַלעמאָל נאָך אַן עקזאַמען, מודיע זיין אָפיציעל די עקזאַמען=רעזולטאַטן.

ליובינסקי האָט נאָך אַלץ געוואָלט האָפן און גלויבן, אַז גראַניעוויטש מיינט עס נישט צום ביזן. צוליב וואָס דען זאָל גראַניעוויטש אים וועלן פאַרפירן אויף אַזאַ טייוואָלאָנישן אופן, וואָס וואָלט געווען מער אומגעלומפּערט, ווי אומגערעכט. פאַרוואָס-זשע אָבער האָט גראַניעוויטש ביים אָפשייד אים אַזוי ביין

און פרעמד אָנגעקוקט? ליובינסקי איז געווען שמערצלעך דערשטוינט און צעטומלט.

און אָט איז אַרויסגעקומען דער דירעקטאָר און געלייענט פון אַ ליסטע די עקזאַמען־רעזולטאַטן. און ווען ליובינסקי האָט זיך באַלד דערוואוסט, אַז ער איז דורכגעפאַלן אויף פיזיק, איז ער ווייטער געבליבן אַ ווײלע שטיין שטום־אומבאַוועגלעך. אַן אומדערטרעגלעכער פאַרדראָס האָט אים פאַרקוועטשט דאָס האַרץ. נישט נאָר דער אומזיסטער דורכפאַל, דער אומגליקלעכער אויסגאַנג פון זיין גאַנצער אַרבעט, נאָר דער מיאוסער אָפּנאַר, אָט דאָס טייוולאָנישע שפּיצל פון דעם דורכפאַל — האָט אים אָנגעצונדן דאָס בלוט. איז ער האַסטיק אַריין אין אַקט־זאַל און זיך געלאָזט צום גרינעם טיש, וואו די קאָמיסיע איז נאָך געזעסן און אונטערגעשריבן פאַרשידענע פאַפּירן.

ליובינסקי, בלאַס פון אויפרעגונג, האָט זיך פייערדיק געווענדט צו דער קאָמיסיע. ער האָט געטענהט, געבעטן, געמאָנט, געקלאָגט. ס'טייטש, גראַניעוויטש אַליין האָט דאָך אים באַפרייט פון פיזיק־עקזאַמען און האָט עס אַזוי הייליק פאַרזיכערט. דער הער לערער גראַניעוויטש לייקנט עס דאָך נישט. און נאָך אַלעמען האָט ער דאָך ביי דעם אומגעריכט־אַרויפגעצוואונגענעם פיזיק־עקזאַמען געענטפערט ריכטיק אויף אַלע שווערע פראַגן, וועגן וועלכע מ'געפינט נישט אין די מיינסטע לערן־ביכער. פאַרוואָס־זשע זאָל מען...

גראַניעוויטש האָט נערוועז געדרייט מיט דער רעכטער האַנט זיינע שוואַרצע וואָנסעס און געשוויגן. די אַנדערע קאָמיסיע־מיטגלידער זענען געווען ביין־אומגעדולדיק. און אָט האָט זיך דער דירעקטאָר אַ קער געטון צו ליובינסקין און אים מיט אַ שטרענגן טאָן אָפּגעשניטן.

— איר האָט נישט וואָס צו רעדן. דער באַשלוס פון עקזאַמען־קאָמיסיע קאָן בשום אופן נישט געענדערט ווערן. אויב איר זענט נישט צופרידן, קאָנט איר זיך באַקלאָגן אויף אונז אין צענטער. גייט אייך אייער וועג!

ליובינסקי איז אַן אָפּגעשמיסענער אַרויס פון אַקט־זאַל. אין

קאָרידאָר איז שוין קיינער נישט געווען, איז ליובינסקי איינזאַם אַרויס פון הייסן מויער, נישט געגאַנגען אַהיים, נאָר זיך געלאָזט גיין אין שטאָט־גאָרטן. איינגעהויקערט און פאַרטראַכט האָט ער זיך דאָרט געזעצט אויף אַ באַנק, וואָס איז געשטאַנען אָן אַ זייט, ווי באַהאַלטן צווישן ביימער. וואָס זאָל ער טון? אַ שוואַרצער פאַרדראָס האָט אים גענאָגט דאָס האַרץ, געצונדן דאָס בלוט. עס האָט אים אומדערטערעגלעך געפלאָגט דאָס שמערצנדיקע געפיל פון אַ מיאוס אָפּגענאַרטן, וואָס מ׳האָט אים פון הינטן, אָן וועלכער ס׳איז סיבה, נאָר סתם פון העלער הויט, אַריינגעשטאָכן אַ מעסער אין רוקן. וואָס־זשע זאָל ער טון?

ס׳איז געווען אַ שיינער יוני־טאָג אַרום איינס אַ זייגער. די זון האָט געפייערט, געגליט מיט אירע שטראַלן אויף גאָר דער וועלט. הייבט מען אָבער אויף אַן אויג צו דער זון, מוז מען עס גלייך צומאַכן. וואָלט זיך כאָטש דאָ וואָס־נישט־איז אַ ריר געטון; ביימער און גרעזער שטייען אומבאַוועגלעך אויסגעשטרעקט אַנט־קעגן דער ברענענדיקער זון. יעדעס גרינע בוים־בלעטעלע, יעדעס גרעזעלע נעמט אָן פאַר ליב דעם גליענדיקן זונען־גלאַנץ און שפּיגלט עס אָפּ אין אומבאַוועגלעכער פּראַכט.

אַרום צווי אַ זייגער האָט זיך ליובינסקי אַ כאַפּ געטון פון באַנק און איז אַרויס פון יענער זייט שטאָט־גאָרטן. ער איז צו־געגאַנגען צו גראַניעוויטשס שטוב און האָט אַ קלונג געטון. גראַניעוויטש אַליין האָט אים געעפנט די טיר און אים שטום אַריינגעלאָזט — מיט אַ האַנט־באַוועגונג האָט ער אים איינגע־לאַדן אין קאַבינעט אַריין און אים דאָרט געוויזן אויף אַ שטול, אויף וועלכער ליובינסקי האָט זיך געזעצט — גראַניעוויטש איז געשטאַנען אַנטקעגן ליובינסקין אָן אַ סורטוק, מיט ווייסע, האַלב־פאַרקאַטשעטע אַרבל.

אויף זיין פּנים האָט זיך איצט נאָך שאַרפער באַוויזן, ווי בשעת דעם פּיזיק־עקזאַמען, אַן אומברחמנותדיק קאַלטע פרעמדקייט.

— וואָס האָט איר צו זאָגן?

ווי נאָר אָבער ליובינסקי האָט אָנגעהויבן טענהן, האָט

גראַניעוויטש פּלוצלינג אין גרויס כּעס אויפגעפּלאַקערט. דאָס געלבלעך־בלאַסע געזיכט איז ביי אים נאָך געלבלעכער געוואָרן, אויך די ווייסלעך פון די אויגן האָבן געלבלעך דורכגעשימערט אין אַ קרענקלעכן גלאַנץ. די נישט לאַנג איבערגעקומענע גאַלקראַנקייט האָט אַפּנים נאָך געשטעקט אין די ביינער און גערייצט זיינע נערוון. ביי דער שוצלאָזער אומבאַהאָלפנקייט פון דעם עקסטערן אין דער לאַנגער קאַפּאָטע האָבן די גערייצטע נערוון זיך געלאָזט אומגעשטערט בושעווען.

— איך האָב אייך ביי מיר אין הויז אין אַ פּריוואַט־שמועס צוגעזאָגט, אַז איך וועל אייך באַפרייען פון פיזיק־עקזאַמען. עס איז אַ גרויסע חוצפּה פון אייך איבערצוגעבן מיינע פּריוואַט־רייד פאַר דער עקזאַמען־קאָמיסיע. אַן אומגעהערטע חוצפּה! אומפאַרשעמטע גראָבקייט!

ליובינסקי האָט אים דערשטוינט און צעטומלט אָנגעקוקט.

— כ'האָב דאָך גערעדט וועגן דעם פאַר דער עקזאַמען־קאָמיסיע ערשט נאָכדעם, ווען איר האָט מיך שוין געלאָזט אומזיסט דורכפאַלן אויפן לעצטן עקזאַמען. אין דער סאַמע לעצטער רגע פאַלט ווי אַ דונער אויפן קאָפּ אַן אומגלויבלעכע איבעררא־שונג און פאַרניכטעט אַלע שווער אויסגעהאַלטענע עקזאַמענעס, אַ גאַנץ יאָר אַרבעט, אַ לעבנס־פּלאַן, פאַרוואָס זאָל...

גראַניעוויטש איז געשטאַנען אין ווייסע אַרבל אַנטקעגן ליובינסקין און בייז־אומגעדולדיק צוגעהערט, דאָס פּנים איז ביי אים אַלץ פינסטערער געוואָרן. ביי די לעצטע רייד פון ליובינסקין איז ער פּלוצים אויפגעזאָטן, אין אַ שוואַרצן אימפּעט האָט ער געקריצט מיט די ציין און געשריגן:

— אַרויס פון שטוב, אַרויס!...

ליובינסקי איז בלאַס געוואָרן ווי קאַלך, די האָר האָבן זיך אים געשטעלט אויפן קאָפּ. ער איז אויפגעשפּרונגען פון דער שטול און אין אומזיניקער שרעק זיך געטוליעט צו דער וואַנט. מיט אויסגעגלאָצטע אויגן האָט ער געקוקט אויף גראַניעוויטשן. יענער איז איצט געשטאַנען לעבן דער שוועל און מיט דער רעכטער האַנט געוויזן ליובינסקין דעם אַרויסגאַנג, ווי מ'טוט עס,

בשעת מ׳טרייבט אַרויס אַ הונט. מיט קריצנדיקע ציינער האָט ער געשריגן:

— די מינוט זאָלט איר אַרויס פון שטוב, אַז נישט רוף איך גלייך פּאָליציי...

ליובינסקי קאָן אָבער נישט קומען צו זיך. מיט די לעצטע כּוחות האָט ער זיך דאָך אַ ריר געטון פון אָרט און ווי אַ באַטויבטער איז ער מיט וואַקלענדיקע טריט געגאַנגען צו דער טיר צו. אין דער זעלבער אומזיניקער שרעק האַלט ער זיך גייענדיק ביי דער וואַנט און נעמט נישט אַראָפּ די אויסגעגלאָצטע אויגן פון גראַניעוויטשן. ערשט ביים סאַמע אַרויסגאַנג האָט ער אָפּגעקערט דעם קאָפּ פון גראַניעוויטשן און ווי אַ פאַרסמטער אַראָפּלאָפן דורך די ווייניקע טרעפּלעך אויף דער גאַס. גראַניעוויטש האָט אים נאָכגעוואָרפן דאָס פאַרגעסענע היטל דורך דער טיר, וועלכע ער האָט גלייך צוגעקלאַפּט.

ליובינסקי האָט אויפגעהויבן דאָס היטל און איז אַ ווײַלע געשטאַנען מיט נאָך אַלץ אויסגעגלאָצטע אויגן אַנטקעגן דער צוגעקלאַפּטער טיר. נאָכדעם האָט ער זיך פאַמעלעך אַ קער געטון, איז געגאַנגען צוריק אין שטאָט-גאָרטן. דאָרט האָט ער זיך געזעצט ווייטער אויף דער זעלבער באַנק, וואָס איז געשטאַנען אין אַ זייט באַהאַלטן צווישן ביימער.

ער איז עטוואָס געקומען צו זיך, און, אָנגעשפּאַרט מיט דער לינקער זייט אויף דעם אָנלען פון באַנק, האָט ער טיף פאַרטראַכט געקוקט פאָראויס.

אַ מין בית-עולם-שטילקייט האָט אַרומגענומען זיין נשמה. די נאָר-וואָס איבערגעלעבטע סצענע פון שרעק און היגטישער דערנידערונג האָט זיך אינערלעך גליענדיק צונויפגעוויקלט, און ערגעץ-וואו טיף אין דער נשמה האָט אָט דער גליענדיקער קנויל מאָדנע שטיל געבראָכן און געריסן. האָט דאָס האַרץ אַזוי אומדערטרעגלעך געגאַגט, דאָס ליובינסקי האָט צייטנווייז פון ווייטיק שטיל אויסגעשריגן. איז אָבער מערקווירדיק, וואָס דער מוח אַרבעט מאָדנע שאַרף און קלאָר. הערט ער, דער מוח, נישט אויף צו עגבערן מיט אַ כּלומרשט ניכטערער, אָבער אייגנטלעך

פֿאַרשפּעטיקטער פֿראַגע: וואָס זאָל טון אַן עקסטערן, סתּם אַ מענטש, ווען מען טוט אים פֿלוצלינג אַ זעץ מיטן קאָפּ אין דער ערד? און ווייל דער מוח האָט נישט קיין ענטפֿער, גראָבט די גליענדיקע קויל אין דער נשמה אַלץ טיפֿער און ברענענדיקער.

די זון איז עטוואָס נידעריקער געשטאַנען אויפֿן הימל, האָט אָבער ווי פֿריער געפֿייערט און געגליט אויף גאָר דער וועלט. וואָגט מען צו שטיין אַנטקעגן דער זון, באַגיסט מען זיך מיט שווייס, קוים וואָס מען כאַפּט דעם אָטעם. נישטאָ קיין אַנדער תּרופֿה, סיידן באַהאַלטן זיך אין קילן שאָטן. ווי פֿריער שטייען ביימער און גרעזער אומבאַוועגלעך-אויסגעשטרעקט אַנטקעגן דער ברענענדיקער זון. פֿליגעלעך און אַלערליי קליינע באַשעפֿענישן טראָגן זיך פֿיבערהאַפּט אין דער לופֿט, קלאַמערן זיך אויף בלעטלעך און גרעזער, קריכן אויף אַלע גלידער און הערן נישט אויף זשומענדיק צו בעטן און צו זוכן רחמים און חיונה. שפּרייט זיך אויס אויף אַלץ און אַלעמען דער גרויסער הימל-געוועלב און אין העל-בלויער רחבֿות שמייכלט ער מיט גנאָדן פֿון זיין ליבן נאָמען, וואָס נעמט פֿון קיינעם קיין אויג נישט אַראָפּ. טאַקע גאָר פֿון קיינעם נישט.

אין אַ פּאָר שעה אַרום האָט ליובינסקי זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון דער באַנק, איז אַרויס הינטער דער שטאָט, דאָרט אַ גאַנצע צייט געוואַנדערט. ערשט שפּעט נאָך זון-אונטערגאַנג איז ער געקומען צו זיך אַהיים אין זיין קליינעם איינפֿענצטערדיקן צימער, וואו דורך דעם אָפֿענעם פֿענצטער האָט שוין אַ שיינע לבֿנה-נאַכט אַריינגעקוקט. פֿון דעם לאַנגן גיין האָבן זיך אים די פֿיס אונטערגעבראָכן. ער איז אָן כּוחות געפֿאַלן אויפֿן בעט. יעדעס גליד האָט אים גענאָגט. אויף די שלייפֿן האָבן זיך די אָדערן אָנגעגאָסן מיט בלוט און געקלאַפּט ווי מיט האַמערס. אַ קאַלטער שווייס האָט אים דורכגענומען. מיט גרויס מי האָט ער זיך קוים אויסגעטון, זיך געלייגט אונטער דער קאָלדרע און צוגעמאַכט די אויגן.

דער גליענדער קנויל פֿון דער איבערגעלעבטער דערשיטע-

רונג האָט שוין איבערגעגראָבן די גאַנצע נשמה, וואָס איז איצט אינגאַנצן שטיל־גליענדיק און אָט־אָט דערזעט זי פאַרגאַפּט דאָס אַנטציקט־פלאַטערנדיקע פון יענער זייט שמערץ און ווייטיק. איז אָבער ליובינסקי אַזוי מיד און צעבראָכן, אַז ער האָט איצט לחלוטין קיין כּוח נישט צו טראַכטן און צו פילן. מיט צוגע־מאַכטע אויגן ליגט ער אומבאַוועגלעך און אַלץ אין אים אי־נערלעך ווערט פּלוצלינג פאַרזונקען אין שטום־שרייענדיקער שטילקייט...

ליובינסקי שלאָפט אויף אַ זייט, אונטערשפּאַרנדיק דעם קאָפּ מיט די הענט, מיטן פּנים צום פענסטער. עפּעס פּלאָגט אים אין שלאָף. דאָס מויל איז אים האַלב אָפן און אַ ליידנדיקער שמייכל קרימט זיינע ליפּן. וואָס טוט מען? וואָס טוט מען? גאָרנישט! נישטאָ וואָס צו טון! פאַרפאַלן — און גאָר! ער וואַרפט זיך אַ ווייל̈ע און בלייבט ווייטער ליגן שלאָפנדיק אויף דער זעלבער זייט. אַלץ אין אים אינערלעך ווערט נאָך טיפער פאַרזונקען אין דער שטום שרייענדיקער שטילקייט, וואָס עפנט אויף מיטאַמאָל פון יענער זייט שמערץ און ווייטיק אומאויסשעפ־לעכע טרוים־פאַרגאַפטקייט.

פּלוצלינג דערהערט זיך פון גאַס דאָס גערויש פון אַן אָנקומענדיקער קאַרעטע. אין שטוב הייבט זיך אויף אַ גערודער: ווער איז דאָס געקומען? אַלע לאָזן זיך צום אַרויסגאַנג. ווי נאָר אָבער מ'עפנט די פאַראַד־טיר, בלייבן אַלע שטיין פאַרגאַפּט — פון דער קאַרעטע גייט אַרויס אַ הויכער ייד מיט אַ שיינער ווייסער באָרד, אין אַ פיין סויבעלן היטל און אַ לאַנג זיידן מאַנטל. ווי מלכותדיק ער זעט אויס! אַהאַ! מיט פרייד און דרך־ארץ דערקענט מען אין אים דעם גרויסן רבין, דעם הייליקן, וועלכער איז ליובינסקיס זיידע פון דער מוטערס זייט. מען מאַכט אים אַ וואַרע, ער גייט אַריין דורך דער פאַראַד־טיר אין הויז און קומט גלייך אַריין צו ליובינסקין אין חדר. דאָרט שטעלט ער זיך אָן אַ זייט לעבן טישל אַרום פענסטער, דאָס געזיכט ווערט אים העל באַלויכטן פון לבנה־ליכט, וואָס גיסט זיך דורכן פענסטער אין חדר. אויף דער ווייסער באָרד פלאַטערט דייטלעך

אַ ליכטיקער שמייכל. דערזעען דעם הייליקן זיידן, זעצט זיך ליובינסקי אויף אויפן בעט, טוליעט זיך פאַרגאַפּט מיטן רוקן צו דער וואַנט און קוקט אויפן זיידן פאַרוואונדערט און דערשראָקן.

אָט אַזוי שטייענדיק, פלעגט דער זיידע, ווי ליובינסקי דערמאַנט זיך פון די קינדער־יאָרן, נאָכן דאַווענען אין דער פרי אויפנעמען אויף „יחידות" חסידים, וואָס שפּאַרן זיך אין די הונדערטער אַרום זיין טיר. וויל ליובינסקי, פאַרשטייט זיך, אַ כאַפּ טון זיך איצט פון בעט, קאָן ער זיך אָבער פון אָרט נישט רירן, אומבאַהאָלפן שטרעקט ער אויס די רעכטע האַנט צום זיידן. אויפן אַלטנס פנים פאַרשווינדט דער שמייכל.

— אָן אַ היטל, אָן נעגל־וואַסער וואַגסטו מיר צו געבן שלום? דערצייל מיר אָקאָרשט, וואָס האָט היינט מיט דיר געטראָפן אַזוינס...

און כאָטש ביי ליובינסקין ווערט דאָס האַרץ פאַרחלשט, קאָן ער אָבער נישט, ווי אין די קינדער־יאָרן, ביישטיין אַנטקעגן דעם זיידנס אַ וואָרט. שטרענגט ער אָן די לעצטע כוחות און דערציילט די גאַנצע מעשה מיט גראַניעוויטשן. עס באַפאַלט אים נאָר דערביי אַ גרויסע בושה. וואָס ווייטער ער דערציילט, אַלץ גרעסער ווערט די בושה, וואָס ער קאָן גאָרנישט אַריבערטראָגן. און טאַקע נישט ער, נאָר די שטום־שרייענדיקע שטילקייט אין אים שמוגלט אַריין אַ שענערן סוף צו דער טאָג־פּאַסירונג. ווען ער איז געבליבן שטיין, דערציילט ער צום סוף, מיט אויסגעגלאָצטע אויגן אַנטקעגן גראַניעוויטשעס צוגעקלאַפּטער טיר, איז ער אין עטלעכע מינוטן אַרום ווידער אַרויף אויף די טרעפּלעך און אָנגעקלונגען. ווי נאָר גראַניעוויטש האָט געעפנט די טיר, האָט ער אַ שפּיי געטון גראַניעוויטשן אין פּנים און איז אַנטלאָפן... ליובינסקי גלייבט איצט אַליין אין זיינע רייד, דאָך פאַרהאַקט ער זיך און פאַרלירט פּלוצים פון בושה דאָס לשון. האָט זיך ביים אַלטן דאָס פּנים געענדערט פון צער און ווייטיק, ער האָט מאוימדיק אַ צי געטון די ווייסע ברעמען אינדערהייך און געשריגן:

— אָט אַזוי ני. עריק ביסטו געפאַלן, אַז דו מוזסט זיך שוין קוויקן מיט אַ מיאוסן, נאַרישן ליגן. וואו האָסטו עס שוין פאַרלוירן אונזער אייביקן כוח פאַר אמת און יסורים? זעסטו, זעסטו! גאָרנישט לאַנג האָסטו פאַרלאָזט אונזער קעניגלעך הויז און שוין ביסטו אַ געפּייניקטער קנעכט פון אַלע בייזע רוחות... וואָס איז דער חידוש? אפילו דער הייליקסטער מענטש, ווען ער גיסט נישט אָפּ קיין נעגל־וואַסער און האָט נישט קיין ריינע הענט, איז ער נישט זיכער פון בייזע רוחות. אין דער נייער וועלט איז מען נישט געהיט צו האָבן ריינע הענט, געוועלטיקן דאָרט טאַקע אַלע בייזע רוחות, וואָס האָבן דיך שוין פאַרכאַפּט און צעדרויבלט... וואָס טוט זיך עס מיט דיר..

פאַרצווייפלט און פאַרלוירן, האָט ליובינסקי פאַרדעקט דאָס פּנים מיט די הענט און ביטער געוויינט. זיין גאַנצער אויסגעמאַטערטער קערפּער האָט געצוקט אינם ביטערן געוויין. האָט אויף דעם אַלטנס פּנים ווידער אָנגעהויבן פלאַטערן אַ ליכטיקער שמייכל פון גוטסקייט און רחמנות. ער איז צוגעגאַנגען צו ליובינסקין, האָט אים געלייגט די האַנט אויפן קאָפּ און גערעדט האַרציק, טאַקע ווי נאָר ער האָט עס געקאָנט רעדן.

— וויין נישט, מיין קינד, און פאַל ביי זיך נישט אַראָפּ. כ'ווייס, אַז דו טראָגסט מיט זיך אונזער הייליק ליכט אין דער נייער וועלט אַריין. זאָג איך דיר, פאַר איין טראָפּן ליכט, וואָס דו וועסט אַהינברענגען, זענען כדאי אַלע דיינע יסורים. זיין ליבער נאָמען לאָזט זיך דאָך אויך אַראָפּ אין דער וועלט און די נשמה קומט אַראָפּ אין אַ גוף, כדי צו הייליקן און דערהויבן פרעמדע וועלטן. אַבי דו האָסט נאָר גאָט אין האַרץ, קאָנסטו רויק גיין דיין שווערן פינצטערן וועג. כ'בין אַלעמאָל מיט דיר, אין דיר, כ'וועל דיך קיינמאָל נישט פאַרלאָזן. טאַקע קיינמאָל נישט..

אינמיטן דעם אַלטנס רייד, האָבן זיך דורכן אָפענעם פענצטער אָנגעהויבן טראָגן מאָדנע רופנדיקע קולות. ליובינסקי האָט זיך נישטווילנדיק אומגעקוקט אויפן פענסטער. דערווייל איז דער אַלטער פאַרשוואונדן. זענען אָבער די רופנדיקע קולות

אַלץ שטורמישער און ברויזנדיקער געוואָרן. ליובינסקי האָט זיך אַ ריס געטון פון בעט צום פענסטער און האָט זיך... אויפגע־כאַפּט פון זיין שווערן שלאָף.

אינם חדר איז עס שטיל און איינזאַם. פונם פענסטער צום בעט ציט זיך אָן אַ זייט אַ ברייטער פּאַס פון לבנה־ליכט. ס'טראָגן זיך טאַקע דורכן אָפענעם פענסטער ברויזנדיקע קולות פון אַן ערגעץ־וואו שפּילענדיקן אָרקעסטער. ליובינסקי איז אַ באָרוועסער אַראָפּ פון בעט צום פענסטער און זיך צוגעהערט. דאָס האָט זיך דייטלעך געטראָגן אַ טאַנץ־מוזיק פון דעם נייעם בולוואַר, וואָס געפינט זיך הינטער דער שטאָט, נישט ווייט פון ליובינסקיס וואוינונג. דאָרט ווערט מסתּמא היינט געגעבן אַ טאַנץ־פעסט. ליובינסקי האָט זיך שטיל אָנגעטון, איז אַרויסגעשפּרונגען דורכן פענסטער און זיך געלאָזט גיין אַהין, אין נייעם בולוואַר. ער האָט זיך איצט געפילט עטוואָס באַרויקט און אָפּגעפרישט, נאָר אין אים אינערלעך האָט נאָך געפלאַטערט דער חלום־צויבער, וואָס האָט ווי אַ ווייכער נעפּל געוויקלט די נשמה.

אַריינגעקומען אין נייעם בולוואַר, האָט ליובינסקי זיך דער־שטוינט אַרומגעקוקט. דער בולוואַר איז העל אילומינירט. אַ לוס־טיקער געדראַנג פון אַ יום־טובדיקער יוגנט. און אין דעם היל־צערנעם, שיין־געפּאַרבטן, רחבותדיק גרויסן זומער־קלוב, וואָס שטייט אין סאַמע אָנהייב בולוואַר, רודערט עס אַ פריילעכער באַל. אַהאַ! דאָס איז דער אָפּשייד־באַל, וואָס די גימנאַזיע מאַכט יע־דעס יאָר נאָכן לעצטן עקזאַמען פאַר די גימנאַזיסטן, וואָס האָבן אויסגעהאַלטן און גייען שוין אויף אַלע מאָל אַוועק פון גימ־נאַזיע. ליובינסקי האָט זיך באַהאַלטן אין דעם שאָטן פון אַ בוים און געקוקט אויף די ברייט־צעעפנטע טירן פון דעם זומער־קלוב. אונטער ברויזנדיקע מוזיק־קלאַנגען טאַנצן דאָרט פּאָרלעך אין אַ פריילעך שפּרודלדיקן ריטם. די נאָך אין דער פרי געוועזענע גימנאַזיסטן טראָגן שוין איצטער שפּאָגל־נייע טונקל־בלויע סטו־דענטישע היטלען מיט גלאַנציקע דאַשקעס, אונטער וועלכע ס'בלישטשען יוגנטלעכע אויגן אין גרויסער פרייד פון באַפריי־

אונג און נייעם לעבן. אַרום בופעט שטייען גימנאַזיע־לערער, צווישן זיי אַנטאָנאָוו און גראַניעוויטש, און קוויקן זיך מיט פרישע געטראַנקען. אַבראַשאַ בראָן און אַנדערע „געוועזענע" גימ־נאַזיסטן וויצלען זיך היימיש חוצפּהדיק מיט די לערער, מיט אָט די נעכטיקע האַרן און פּייניקער, וועלכע שמייכלען איצט אַזוי לוסטיק־חבריש. פון וואַנען איז דאָס גראַניעוויטש אַזוי פריילעך געוואָרן? האָט ער עטוואָס אויסגעטרונקען? ראָזאַ לעווענשטיין באַצויבערט אים, אָט־אָט שלעפּט זי אים, דעם שטרענגן פּאַנאַ־טיקער, אַריין אויף טשעקאַוועס אין אַ טאַנץ.

די מוזיק האָט אָנגעהויבן שפּילן אַ קראַקאָוויאַק. האָבן זיך מיטאַמאָל אויפגעכאַפּט ליכטיקע פריילעכקייטן און געשטו־רעמט די לופט אין אַלץ העכער שפּרודלדיקע טאַנץ־ריטמען...

ס'האָט שוין אָנגעהויבן טאָגן, ווען ליובינסקי איז אויפגע־שטאַנען פון אונטערן בוים און איינזאַם־אומבאַמערקט זיך געלאָזט אַהיים. ער איז געגאַנגען דורך פעלדער און לאָנקעס, וואָס זענען געלעגן ווי פאַרחלשט אין באַגינען־בענקשאַפט. און כאָטש ערשט נעכטן האָט די זון געגאָסן אין שווערע שקיעה־פלאַמען, האָט זי דאָך איצט אָנגעצונדן דעם מזרח מיט אַ פריש פייער פון אַ נייעם, קומענדיקן, ליכטיקן טאָג. האָבן טוי־באַדעקטע גרעזער פאַרשמאַכט געבלישטשעט, און אונטער דעם גרויסן בלויען הימל האָט די שטילקייט אין דער לופט אַלץ מער פאַרגאַפט אויפגעלויכטן.

ליובינסקי איז דורכן פענסטער אַריין צו זיך אין חדר. ער האָט זיך מער נישט געלייגט שלאָפן. אין אים אינערלעך האָט געפלאַטערט אַ גרויסע לויטערע שטילקייט, די נשמה איז פעסט אויסגעגליט.

באַלד נאָכן זון־אויפגאַנג האָט ער זיך געשטעלט דאַוונען אַרום אָפענעם פענסטער.

שוין אין דער פרי האָט ער אַרויסגענומען זיינע פּאַפּירן פון גימנאַזיע און איז אין דעמזעלבן טאָג אַוועקגעפאָרן. ער האָט

זיך מיט קיינעם נישט געזעגנט און קיינער האָט נישט געוואוסט, וואוהין ער איז געפאָרן.

ראָזאַ לעווענשטיין האָט אַ לאַנגע צייט געזוכט זיין אַדרעס. ערשט שפּעט אין האַרבסט האָט זי זיך דערוואוסט, אַז ער איז אַוועק קיין אויסלאַנד און איז געוואָרן אַ סטודענט אין בערלינער אוניווערזיטעט.

7.

דער וואונדער־עקסטערן

שווערע צייטן זענען געקומען אויפן ווייסן מויער, וועלכער האָט נאָך יענעם שטורמישן פרילינג אַרויסגערופן אַ גרויסן צאָרן אינעם „צענטער". דער לייכטזיניקער דירעקטאָר האָט יאָרן־לאַנג אָפּגעלאָזט די לייצעס אין גימנאַזיע, פאַרנאַכלעסיקט די דיסציפּלין פאַר גימנאַזיסטן און ווייניק שטרענג באַהאַנדלט די עקסטערנעס. די גימנאַזיע האָט דורכדעם אַלץ מער צוגעצויגן עקסטערנעס פון דער גאַנצער וועלט. און ווען ס'איז ענדלעך געקומען צו דער געוואַלטיק אויפפאַלנדיקער „פאַרפלייצעניש" פון עקסטערנעס, האָט דער דירעקטאָר אָן טאַקט און פאָרזיכט, מעשה מבוהל, אַ צי געטון די לייצעס און עס געבראַכט צו לייטיש געלעכטער. דער אויסערגעוויינלעכער מאַסן־דורכפאַל פון די עקסטערנעס, די אַלע סקאַנדאַלן און צוזאַמענשטויסן פון דער לעצטער צייט אין גימנאַזיע — האָבן אַרויסגערופן אין פאַרשידענע קרייזן אויפרעגונג און פאַרדראָס. אויך אין פריצישן קלוב האָבן פיל געקריצט מיט די ציינער: ווי האָט עס דער דירעקטאָר געקאָנט דערלאָזן, אַז אַ רוסישע מלוכה־גימנאַזיע זאָל ווערן צוציענדיק פאַר יידישע עקסטערנעס, ווי אַ נבלה פאַר שוואַרצע קראָען. ס'האָבן זיך אַ שאָט געטון אין „צענטער" פּאַסקווילן און אָפענע מסירות אויפן ווייסן מויער. אין משך פון דעם זומער נאָך די פרילינג־עקזאַמענס, האָבן זיך אין שטאָט געטראָגן פאַרשידענע קלאַנגען וועגן נייע געשעענישן אין גימנאַזיע.

און טאַקע שוין אין אויגוסט, אין דעם ערשטן חודש פֿון
נײַעם לערניאָר, זענען דער דירעקטאָר און אײניקע לערער אַראָפּ
פֿון זײערע שטעלעס און אויף זײער אָרט זענען אָנגעקומען
נײַע שטרענגע אָנגעשטעלטע, וואָס האָבן גלײַך אַרויפֿגעצויגן אויף
אַלעמען אַן אימה. דערהויפּט האָט זיך אויסגעצײכנט מיט זײַן
אײַזערנער שטרענגקייט דער נײַ-אָנגעקומענער דירעקטאָר, מאַקסים
מאַקסימאָוויטש ברעדאָוו. אַ געוועזענער גענעראַל פֿון אַרטילעריע,
איז ער די לעצטע יאָרן מחמת פֿאַרשידענע סיבות אַוועקגעגאַנגען
פֿון מיליטער-לעבן, געוואָרן צוערשט אַ לערער פֿון מאַטעמאַטיק
אין אַ מיליטערישער שול און איצט האָט ער אויף דער אײנלאַ-
דונג פֿון „צענטער” אָנגענומען די שטעלע פֿון אַ גימנאַזיע-די-
רעקטאָר. און כאָטש ער איז שוין אַן אַלטער מאַן מיט אַ קלײ-
נער גרויער באָרד און אַ גרויען קאָפּ, איז ער אָבער הויך,
ברײטפּלײציק, מיליטעריש שטײף און קרעפּטיק. ער טראָגט גאָל-
דענע פּענסנע, דורך וועלכע ס'קוקן אַרויס זײַנע שטענדיק שאַרף-
בלישטשענדיקע שוואַרצע אויגן. אַ גענעראַל פֿון נאַטור, איז ער
גלײַכצײַטיק אַ שטרענגער וויסנשאַפֿטסמאַן, אַ באַדײַטנדיקער
מאַטעמאַטיקער. ער האָט לײדנשאַפֿטלעך ליב געהאַט די מאַטע-
מאַטיק, וואָס קאָן, ווי די מיליטערישע קונסט, געזעצמעסיק
מושטרירן און דיסציפּלינירן די אומענדלעכע וועלט פֿון צאָלן.
ער האָט עס איצט אַרײַנגעטראָגן אין וויסן מויער אַ מיליטע-
ריש-אומברחמנותדיקע שטרענגקייט. אויף די לערער-זיצונגען און
אין די קלאַסן רעדט ער קורץ און שאַרף, תּמיד צו דער זאַך,
פּינקטלעך און באַפֿעלעריש. מיט מיליטערישער זעלבסטפֿאַרשטענד-
לעכקייט פֿאַרלאַנגט ער פֿון יעדן צו דערפֿילן פּינקטלעך אַלע
פֿאָרגעשריבענע פֿליכטן, ווי אויך צו טראָגן אָן ווידערשטאַנד די
געהעריקע שטראָף פֿאַר יעדער מינדסטער נאַכלעסיקייט. דערבײַ
פּלעגט ער תּמיד באַפּעפּערן זײַנע טרוקענע רייד מיט מיליטעריש-
שאַרפֿע, ענערגיש בײַסנדיקע וויצן. אָט דער אײגנאַרטיקער מי-
ליטעריש-מאַטעמאַטישער אימפּעט האָט אַלעמען היפּנאָטיזירט און
באַהערשט. לערער און גימנאַזיסטן האָבן זיך אים אָן רייד אונ-

טערגעוואָרפן. איז ער אין גימנאַזיע געווען מער גענעראַל, ווי דירעקטאָר.

און טאַקע באַלד איז אין גימנאַזיע עטוואָס אויסערגעוויינלעכס פאָרגעקומען.

שוין אין זעם ערשטן חודש האָט ברעדאָוו שנעל און ענערגיש פאַרהערט די גימנאַזיסטן אין יעדן קלאַס און ער האָט גלייך פעסטגעשטעלט, אַז די מייננסטן האָבן (מחמת דער לאַנגיעריקער פאַרנאַכלעסיקונג פון דער לערער-אַרבעט) „מוראדיקע" קנאַפּע און שוואַכע קענטענישן. אָן לאַנגן ישוב-הדעת האָט ער גלייך דורכגעפירט אַ גוואַלטיקע עקזעקוציע. ער האָט געמלעך אין יעדן קלאַס אַריבערגעפירט אַ גרעסערן טייל גימנאַזיסטן נאָך אַ יף אַ יאָר אין כּריערן קלאַס. אין אַכטן קלאַס, למשל, האָט ער געלאָזט בלויז פירצען גימנאַזיסטן, די איבעריקע האָט ער אַריבערגעפירט נאָך אויף אַ יאָר אין דעם זיבעטן קלאַס. די דאָזיקע עקזעקוציע האָט ער דורכגעפירט ביז צו די נידעריקע קלאַסן. גימנאַזיסטן האָבן מיט שרעק און צער פאַרביסן די ליפּן, האָבן אָבער נישט געוואַגט אַ קול אויפצוהייבן.

— אָרימע פויערישע סאָלדאַטן, — האָט ער מיט אַ האַרבן שמייכל געזאָגט צו די גימנאַזיסטן, — דינען דעם פאָטערלאַנד געטריי און פּינקטלעך אין די קאַזאַרמעס, און קאָנען שטיין שעהןלאַנג מיט די ביקסן אויף דער פראָסט. מעגט איר, ליבע יונגעלייטלעך, כאָטש אַ העלפט אַזוי געטריי און פּינקטלעך אַרבעטן אין די שיינע גרויסע קלאַסן. שטאַרקט אייך, קאָזאַקלעך, איר וועט ווערן אַטאַמאַנען און נאָך וועלכע...

נישט מיט לערער, נישט מיט עלטערן לאָזט ער זיך אַריין אין וויכּוחים, דאָס פּראָגראַם איז פאָרגעשריבן, די אייזערנע געזעצלעכקייט לאָזט זיך נישט בייגן אויף אַ האָר. אין פּריצישן קלוב זיצט ער שטאָלץ אין אַ געקליבענער געזעלשאַפט פון פּריצים, לאָזט אָבער דאָרט קיינעם נישט פרעגן און נישט רעדן וועגן גימנאַזיע-זאַכן. ס'איז קיינעמס עסק נישט!

אין גימנאַזיע גופא האָבן דעם דירעקטאָר באַזונדער מיטגעהאָלפן אייניקע לערער, ווי אַנטאָנאָוו, גראַניעוויטש, תּויפּזעכ-

לעך אָבער דער נײַ־אָנגעקומענער לערער פון לאַטײַן, גרוזינאָוו, אַ קורצער דיקלעכער מענטש אין מיטעלע יאָרן, מיט קלײנע אויגן און רויטע ליפּן. ער איז שוין פון לאַנג געווען באַריכט אין „צענטער" מיט זײַן געוואַלטיקער שטרענגקייט.

האָט עס איצט אַ שטרענגער גייסט באַהערשט דעם ווייסן מויער. גימנאַזיסטן האָבן טאַקע, ווי סאָלדאַטן, שטום און הכנעה־דיק געאַרבעט. לערער און דירעקטאָר האָבן כמעט ווי אָפּיצירן זיי מושטרירט און דיסציפּלינירט.

ווי אַלעמאָל שטייט אין וועסטיבול אַנטאָנאָוו, דער שווייצאַר, אין דער גרינער ליווריי ביז צו די פּיאַטעס, ער איז אָבער איצט מער אויסגעשטרעקט, פלינק און פּינקטלעך. זײַן פּנים איז שטום אומבאַוועגלעך און זײַנע גרויע אויגן זענען איצט באַדעקט מיט אַ נעפּל פון האַלב־טעמפּער דערשראָקנקייט.

די ידיעה וועגן אָט דער „שרעקלעכער גימנאַזיע האָט זיך באַלד פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער עקסטערן־„וועלט". פאַר־שטייט זיך, אַז קיין איינציקער יידישער עקסטערן איז אַהער נישט אַראָפּגעפאָרן. ס'זענען אָבער געווען איינציקע, היגע, דאָ אין שטאָט געבוירענע יידישע עקסטערנעס, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין געלט אויף הוצאות צו פאָרן ערגעץ וואוהין זיך צו עקזאַמינירן. האָבן זיי זיך געוואָלט לאָזן אויפן פייער און האָבן דערלאַנגט זייערע פּאַפּירן צו עקזאַמענס. האָט אָבער ברעדאָוו אַלעמען אָפּ־געזאָגט, ער וועט הײַ־יאָר נישט צולאָזן קיין עקסטערן צו עקזאַ־מענס. פאַרוואָס? מיט וועלכן רעכט? אָט אַזוי — און גאָר! זאָלן זיך די אומצופרידענע באַקלאָגן אויף אים אין „צענטער", ער וויל זיך מיט קיינעם נישט אויסטענהן. איינער פון די היגע עקסטערנעס, אַ פאַרעקשנטער יידישער בחור, האָט זיך צו אים צוגעזעצט:

— וואוהין־זשע זאָל איך פאָרן זיך עקזאַמינירן?

— ווייניק שטעט זענען פאַראַן, פאָרט וואוהין איר ווילט...

— ס'איז דאָך אָבער אַרויס אַ נײַער צירקולאַר, אַז מ'זאָל נישט צולאָזן אין גימנאַזיום עקסטערנעס פון אַן אַנדערער געגנט.

אין יעדער גימנאַזיע וועט מען מיך דאָך פרעגן, פאַרוואָס איך עקזאַמיניר זיך נישט אין דער גימנאַזיע פון מיין געבורטשטאָט?

— זאָלט איר דאָרט ענטפערן, אַז אין אייער געבורטשטאָט איז אָנגעקומען אין גימנאַזיע אַ דירעקטאָר — אַ הונט, וואָס לאָזט נישט אַריבער קיין מענטש איבער דער שוועל...

— געוויס וועל איך עס זאָגן, מען וועט מיר אָבער נישט גלייבן. אפשר וואָלט איר מיר אַרויסגעגעבן אַ פּאַפּיר...

— קיין פּאַפּיר וועל איך אייך נישט געבן, נאָר אויב איר וועט נישט אָפּטראָגן באַלד אייערע ביינער, וועט מען אייך אַזוי אַרויסוואַרפן, אַז מען וועט שוין אין יעדער גימנאַזיע דערקענען..

און טאַקע אין יענע שווערע צייטן איז פּאָרגעקומען אַן אויסערגעוויינטלעך טשעקאַווע מעשה, וואָס האָט זיך אַ לאַנגע צייט געטראָגן ווי אַ לעגענדע אין דער גאַנצער געגנט.

אַ קאַרגע וואָך פאַר די גוישע ווינטער־חגאות איז אין אַ פרימאָרגן אַריינגעקומען אין וועסטיביול פון ווייסן מויער אַ מיטלוואוקסיקער יידישער יונגערמאַן אין אַ שוואַרצן, עטוואָס אָפּגעריבענעם, אָבער זייער ציכטיקן פּאַלטאָ. ער איז זייער אַ דאַרער, מיט אַ קליינער טונקל־בלאָנדער באָרד. ער טראָגט זילבערנע ברילן, דורך וועלכע עס קוקן אַרויס עטוואָס שעמעוודיק טיף־לויכטנדיקע בלויע אויגן. אויף זיין קינדיש קליינעם פּנים טיילט זיך אויס זייער אויפפאַלנדיק אַ הויכער ברייטער שטערן. און כאָטש ער איז מאָדנע שטיל און שעמעוודיק, איז אָבער זיין בליק שטרענג, גראַדליניק, דורכדרינגלעך. זיין דאַרע, ביינערדיקע פיגור איז ווייניק וואָס אָנגעזען, ס'וואַרפט זיך אָבער אין די אויגן די אינערלעכע אָפּגעשלאָסנקייט פון זיין גאַנצער האַלטונג און זיינע באַוועגונגען. ער האַלט אין דער רעכטער האַנט דאָס אַראָפּגענומענע שטאַרק אָפּגעריבענע היטל, וועלכעס איז אָבער, ווי דער פּאַלטאָ און די גאַנצע הלבשה, פיינלעך ציכטיק. ער וויל רעדן מיטן דירעקטאָר, פרעגט ביי אים אַנטאָן, וועגן וואָס ער דאַרף

עס צום דירעקטאָר. נאָך אײדער ער האָט געענטפערט, איז ערגעץ פון אַ קלאַס אַרויס דער דירעקטאָר און, דורכגייענדיק דעם וועסטיביול, האָט ער זיך לעבן אים אָפּגעשטעלט.

— וואָס דאַרפט איר?

דער יונגערמאַן האָט שעמעוודיק אַרויפגערוקט די ברילן אויף דער נאָז.

— כ'בין געקומען דערלאַנגען מיינע פּאַפּירן צו עקזאַמענעס פאַר אַכט קלאַסן...

דער דירעקטאָר האָט אים דערשטוינט־שפּאָטיש אָנגעקוקט.

— פונוואַנען זענט איר?

— כ'בין פון אַ ווייטער שטאָט אין מינסקער גובערניע און בין ערשט נעכטן אַהער אָנגעקומען...

— איר זענט, יונגערמאַן, אַראָפּ פון זינען. איר ווייסט דען נישט, אַז איך לאָז נישט צו אפילו היגע עקסטערנעס צו עקזאַמענס. וועלכע שדים האָבן אייך בכלל אַהערגעבראַכט. אין דער גאַנצער געגנט ווייסט מען, אַז אויך גימנאַזיסטן שנייד איך אָן אַ מעסער. דאָ איז אַן עקזאַמען פאַר עקסטערנעס אַ געזיכערטער דורכפאַל...

דער יידישער יונגערמאַן האָט שעמעוודיק־נערוועז גערוקט די ברילן אויף דער נאָז. נאָר אין די אויגן האָט זיך ביי אים אָנגעצונדן אַ פייערל, וואָס האָט אַרויסגעוויזן דעם באַהאַלטענעם אימפּעט פון זיין אינערלעכער אָפּגעשלאָסנקייט.

— טאַקע דערפאַר בין איך געקומען אַהער, ווייל ביי היינטיקן טאָג איז אייער גימנאַזיע, אויף וויפיל איך ווייס, די שווערסטע. געוויס וועט איר מיך וועלן ברענגען צום דורכפאַל, איר וועט עס אָבער בשום אופן נישט קאָנען...

— וואָס? — דער דירעקטאָר האָט דערשטוינט אַראָפּגענומען די גאָלדענע פּענסנע און האַלב־געפּלעפט האָט ער מיט ברייט־צעעפנטע אויגן געקוקט אויף דעם דאַרן יונגנמאַן אין דעם אָפּגעריבענעם ציכטיקן פּאַלטאָ. — וואָס מיינט איר דערמיט?

— פאַרשטייט איר, כ'האָב שוין אַזאַ נאַטור צו דערפירן

יעדע אַרבעט ביז צום מעגלעכסטן הויך־פּונקט, מעג עס מיך קאָסטן אָן אַ שיעור מי און צייט. כ׳האָב זיך נאָך קיינמאָל נישט עקזאַמינירט, כאָטש איך בין שוין אַלט ניין און צוואַנציק יאָר. טאַקע יאָרן־לאַנג האָב איך געזאַמלט און פאַרטיפט מיינע קענטע־נישן אַזוי, אַז איך קאָן איצט אויסהאַלטן עקזאַמענס פאַר אַכט קלאַסן אין דער שווערסטער גימנאַזיע אויף דער וועלט. דער שטרענגסטער גימנאַזיע־לערער וועט נישט זיין אימשטאַנד מיך אומצוּוואַרפן און...

ער האָט נישט געענדיקט זיינע רייד און ווייטער נער־וועז־שעמעוודיק גערוקט די ברילן אויף דער נאָז. אָט די שע־מעוודיקייט און נאַאיווע באַשיידנקייט פון זיין האַלטונג האָבן אַרויסגערופן צוטרוי צו זיינע אומגעריכט שטאָלצע רייד. און די דאָזיקע אומגעוויינלעכע רייד האָבן נאָך מער איבערראַשט דורך דער נאַטירלעכער איינפאַכקייט פון זייער טאָן. דער די־רעקטאָר האָט נאָך אַלץ אויף אים געקוקט מיט ברייט־צעעפנטע אויגן. פּלוצלינג האָט ער דערפילט אין דער מאָדנער אינער־לעכער אָפּגעשלאָסנקייט פון דעם שעמעוודיקן דאַרן יונגנמאַן אַ מין סטיכיש באַהאַלטענע קראַפט.

— ווי איז אייער נאָמען?

— רובינאָוו.

— גוט, טאַקע אויף אַ טשעקאַוועס נעם איך אָן אייערע פּאַ־פּירן. איר וועט קומען צו די פּרילינג־עקזאַמענס און לאָמיר טאַ־קע זען אייער גבורה, לאָמיר זען...

רובינאָוו האָט אים שווייגנדיק אָפּגעגעבן די פּאַפּירן, האָט זיך שעמעוודיק שטום אַ נייג געטון און איז אַרויס פון גימנאַזיע.

דער דירעקטאָר איז דערנאָך גלייך אַריין אין לערער־צימער. האַלטנדיק נאָך רובינאָווס פּאַפּירן אין דער האַנט, האָט ער דאָרט מיט התפּעלות דערציילט די לערער דעם טשעקאַוועין שמועס מיט רובינאָוון, וואָס האָט ביי אַלעמען אַרויסגערופן גרויס פאַרוואונדערונג. דער איינדרוק האָט זיך פאַרשטאַרקט דורך דער ברויזנדיקער התפּעלות פונעם דירעקטאָר, וועלכער איז נאָך אַלץ געווען אויסער זיך. סטייטש, אַ דאַרער יונגערמאַנטשיק,

וואָס מיט איין בלאָז קאָן מען אים איבערקערן, פּיקסירט אייך שעמעוודיק מיט מעסער־שאַרפע בליקן און דערציילט אייך פּשוט, אַז ער איז אומבאַזיגבאַר. איז ער אַ מאַניאַק, אַ משונהדיקע בריאה אָדער אפשר טאַקע אַ גרויסער מענטש... דער דירעקטאָר שילדערט עטוואָס איבערטריבן רובינאָווס אויסזען און מאַניערן. ווי ס׳טרעפט אָפט ביים דערציילן פון אויסערגעוויינלעכע און אומגעריכטע דערשיינונגען, האָט זיך דער דירעקטאָר באַגייסטערט פון זיינע אייגענע רייד. וואָס מער ער דערציילט, אַלץ מער ווערן ער און די לערער אומבאַמערקט היפּנאָטיזירט פון רובינאָווס אומבאַקאַנטער אויסטערלישער פּערזענלעכקייט.

דער גימנאַזיע־לערער בוליגין, דער ייִנגסטער צווישן אַלע לערער, איז אויך געווען שטאַרק נייגיריק. אַזוי ווי צווישן די פּאַפּירן, וואָס אַן עקסטערן מוז דערלאַנגען אין גימנאַזיע, מוז אויך זיין אַן אויטאָביאָגראַפיע (אייגענע לעבנס־באַשרייבונג), האָט בוליגין פאָרגעלייגט, מ׳זאָל גלייך אַדורכלייענען אויף טשעקאַוועס רובינאָווס לעבנס־באַשרייבונג. טאַקע באַלד האָט דער דירעקטאָר אַרויסגעפונען צווישן רובינאָווס פּאַפּירן זיין אויטאָביאָגראַפיע און אָנגעהויבן לייענען אויף אַ קול. שוין די ערשטע שורות האָבן אויסגעזעען איבעראַשנדיק אויסטערליש. אפשר טאַקע דערפאַר, וואָס אַלע זענען געווען אין אַ געוויסער מאָס זעלבסט־היפּנאָטיזירט, האָבן רובינאָווס ווערטער אויסגעזעען אַזוי איבערטריבן אויסטערליש. אָט ווי די אויטאָביאָגראַפיע האָט זיך אָנגעהויבן:

מיט ניין און צוואָנציק יאָר צוריק בין איך געבוירן געוואָרן. איייניקע חדשים פאַר מיין געבורט איז מיין פאָטער דורך אַן אומגליק פאַל געשטאָרבן, כ׳בין געקומען אַ יתום אויף דער וועלט. כ׳בין געווען אַן איינציק קינד אין דער פאַמיליע. נאָך דעם פאָטערס טויט האָט די מוטער זעלבסט געמוזט אַרבעטן אין דעם איבערגעבליבענעם קרעמל, פלעגט זי מיך אויף אַ גאַנצן טאָג איבערלאָזן אַליין אין שטוב אונטער דער השגחה פון דער שכנהס עלפיעריקן מיידעלע. איך האָב זיך איינזאַם אויפגעהאָדעוועט. אפשר דערפאַר, וואָס איך בין געווען קערפּערלעך זייער שוואַך און

קרענקלעך, האָב איך כּמעט ווי גאָרנישט געהאַט דעם נאַטירלעכן קינדערישן דראַנג צו שפּיל און באַוועגונג. פלעג איך שטיין אָדער זיצן כּמעט אַ גאַנצן טאָג אַרום פענסטער און בלויז טון איין זאַך: קוקן און טראַכטן, טראַכטן און קוקן.

אויף דעם פינפטן יאָר האָט מען מיך אָפּגעגעבן צו מיינס אַ פעטער אין חדר (דאָ ווערט מיט קורצע בולטע שטריכן באַשריבן דאָס חדר). מיין שטענדיק טראַכטן האָט מיך געצויגן צום לערנען, ס'האָבן מיך נאָר אָפּגעשראָקן די שטורמישע חדר-ייִנגלעך מיט זייערע טומלדיקע שטיפערייען, רייסענישן און לויפענישן. און ווען אַלע קינדער שפּילן, פאַרקלייב איך זיך באַהאַלטן אין אַ ווינקל און פאַרזינק ווי אַלע מאָל מיט גרויס אימפּעט אין מיין שטענדיקער געוואוינהייט: קוקן און טראַכטן, טראַכטן און קוקן. וועגן וואָס האָב איך געטראַכט. וועגן אָט די אַלע פראַגן, וואָס קומען אויף נאַטירלעך אין יעדן קינדערישן מוח און וואָס האָבן אָבער מיך פאַרכאַפּט, פאַרפלאָנטערט און פאַרשיכּורט. ווער זיצט אויבן אויפן הימל, און וויאַזוי קאָן מען מאַכן אַ לייטער צום הימל. צי האָט גאָט אַ באָרד, וויאַזוי ווערן מענטשן געבוירן, וואוהין גייען אַוועק די געשטאָרבענע, ווען וועל איך זען מיין געשטאָרבענעם פאָטער, וואו געפינט ער זיך איצט א. א. וו. אייגנטלעך איז אַפּנים יעדער מענטש פון נאַטור אַ וועלט-גריבלער, אַ מעטאַפיזיקער, וואָס ווייזט זיך ביי יעדן מענטש אַרויס מיט אַזאַ סטיכישער עכטקייט שוין אין די ערשטע קינדער-יאָרן. און טאַקע דערפאַר קאָן עס אַזוי אויפשטורמען דעם קינדס נשמה פון אינעווייניק אָט דער אינטערעס צו מעטאַפיזישע פראַגן וועגן טויט און לעבן, גאָט און הימל. נאָר דער שפּיל-דראַנג אין די קינדער-יאָרן און נאָכדעם דער לעבנס-קאַמף אין די עלטערע יאָרן באַהערשן דעם מענטש, מאַכן אים אַלץ פראַקטישער און קליינלעכער — און אָנשטאָט אַרומצונעמען וועלטן, פאַרבריינגט ער אַלץ מער אין שפּיל און לעבנס-קאַמף. אָבער מיך האָט אין די קינדער-יאָרן נישט געצויגן דער שפּיל-דראַנג, ווי אויך איצט פאַרכאַפּט מיך זייער ווייניק דער לעבנס-קאַמף. בין איך טאַקע אין אַ גרויסער מאָס געבליבן, וואָס יעדער מענטש איז פון נאַטור, אַ וועלט-

גריבלער, אַ מעטאַפיזיקער, וואָס וואַגט צו רייסן זיך אויף די ווייסע ווענט.

אויף דעם זעקסטן לעבנס־יאָר איז מיט מיר אין חדר פאָרגעקומען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט געהאַט אַן אומגלויבלעכע און דאָך אַנטשיידנדיקע ווירקונג אויף מיין גאַנצן לעבן. איך געדענק עס נאָך ווי היינט. אָנהייב ווינטער, אַ זונטיק אין דער פרי, בין איך געקומען אין חדר און געטראָפן דאָרט אַ בילד. אַלע חדר־יינגלעך זיצן ווי אַלע מאָל אויף לאַנגע בענק אַרום טיש. נאָר דער רבי, וועלכער זיצט שטענדיק אויבנאָן אויף אַ שטול, איז נישטאָ אין חדר. די שטול שטייט שטום און איינזאַם, עטוואָס אָפּגערוקט פון טיש. פאַרוואָס־זשע זיצן די קינדער אַזוי שטיל און דערשראָקן? פונם אַלקערל טראָגן זיך עטוואָס איינגעהאַלטן אויפגערעגטע רייד, דערשטיקטע געשרייען און זיפצן. און אָט גייט אַרויס פון אַלקערל אַ הויכער מאַן אָן אַ היטל מיט אַ געגאָלטער באָרד. אַהאַ! דאָס איז דער זעלבער דאָקטאָר, וועלכן מ׳פלעגט אויך רופן צו אונז אין שטוב ביי אַ קראַנקהייט. דער רבי, אַ מיטלוואוקסיקער ייד מיטברילן און אַ שטאַרק גרויער באָרד, לויפט נאָך דעם דאָקטאָר. דער רבי איז בלייך און דערשראָקן, די ברילן ליגן אים אויף דער שפּיץ נאָז. איבער די ברילן הייבט ער אַ בעטנדיקן בליק צום דאָקטאָר, עפּעס וויל ער ביי אים אויספועלן. דער דאָקטאָר איז אָבער באַלד אַרויס, און דער רבי איז געבליבן שטיין פאַרלוירן און דערשלאָגן. קינדער שושקען זיך דערשראָקן, אַלע ווייסן זיי, אַז דאָס איז דעם רבינס עלפיעריק ייִנגעלע, יאַנקעלע, זייער קראַנק. וועט ער שוין טאַקע באַלד שטאַרבן? דער רבי שטייט נאָך אַלץ אומבאַוועגלעך אויף איין אָרט, נישט ווייט פון דער טיר. פלוצלינג טוט ער זיך פאַרצווייפלט אַ קער צו די חדר־יינגלעך און מיט אַ בעטנדיקער שטימע רעדט ער צו אונז ווי צו גרויסע: „לאָמיר, קינדער, בעטן גאָט פאַר יאַנקעלען און זאָגן תהילים. דער אייבערשטער האָט ליב קליינע קינדער און ער וועט גלייך דערהערן אייערע קולות. ער וועט רחמנות האָבן, ער וועט... אָט האָט

איר תהילימס, מישט אויף די ערשטע זייט און לאָמיר גלייך אָנהייבן, לאָמיר..."

ווי געפלעפטע האָבן מיר זיך אויפגעכאַפּט פון די ערטער, האָבן קינדיש אויסגעשריגן דעם תהילים מיט שרעק און אימפּעט. אין אַ וואָך אַרום איז יאַנקעלע געזונט געוואָרן. אָט די געשעעניש האָט אויף מיר אַזוי געווירקט, ווי ס'ווירקט אויף אַ קריסט דער מאָמענט, ווען ער גיט זיך אָפּ און מ'נעמט אים אויף אין מאָנאַסטיר אויפן גאַנצן לעבן. יענץ תהילים-געבעט, וואָס גאָט האָט פון מיין קינדעריש מויל אויפגענומען, האָט מיך ווי אויף אייביק מיט אים פאַרבונדן. פון דעמאָלט אָן גליט עס אין מיר באַהאַלטן אַ שטומע ליבע צום באַשעפער און פון אינעווייניק שפּיר איך זיין אָטעם אויף יעדן שריט און טריט. די גאַנצע וועלט איז אַ הייליק געבעט-הויז און יעדע אַרבעט אויף דער וועלט איז מיר זיס און הייליק. און דערפאַר קאָן איך עס מיט אומדערטרעגלעכן און דאָך פיינלעך-זיסן געדולד דורכפירן יעדע אַרבעט ביז צום מעגלעכן און אוממעגלעכן הויך-פונקט. כ'בין אַ געשוואוירענער קנעכט פון זיין הייליקן נאָמען...

אַנטאָן, דער שווייצאַר, האָט געכאַפּט אַ בליק אויף דעם וואַנט-זייגער אין וועסטיביול און צו דער רעכטער מינוט האָט ער אָנגעהויבן דרייען דאָס הענטל פון דעם אומזיכטבאַרן גימנאַזיע-גלאָק. און טאַקע באַלד האָבן אין אַלע קאָרידאָרן געהילכט העלע גלאָק-קלאַנגען, וואָס האָבן, ווי אַלע מאָל, גערופן לערער און גימנאַזיסטן צו דער אָנגעקומענער לערן-שעה. אין לערן-צימער האָבן דירעקטאָר און לערער שווייגנדיק איבערגעריסן דאָס לייענען פון דער טשעקאַווער אויטאָביאָגראַפיע, וואָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט די היפּנאָטיזירנדע ווירקונג פון רובינאָווס אומבאַקאַנטער פערזענלעכקייט. נאָר גרוזינאָוו, דער לאַטיינישער לערער, האָט סקעפּטיש חוזק געמאַכט. „וואָס ווערט מען דאָ נתפּעל, האָט ער געטענהט, פון אַ קרענקלעכן מאַניאַק. ביי די זשידעס איז יעדער דריטער ייד ביי זיך אַ משיח. אויף דעם לאַטיינישן עקזאַמען וועט

ער, אָט דעם משיח, אויף גיך לאָזן אָפּווישן די נאָז". אָבער טאַקע פֿון אָט דעם איבערגעטריבענעם טאָן, איז געווען קענטיק, אַז אויך ער, גרוזינאָוו, איז אינערלעך עטוואָס באַרירט פֿון דער אַלגעמיינער התפּעלות.

אין שטאָט האָט זיך באַלד צעשפּרייט די ידיעה וועגן דעם אויסערגעוויינלעכן עקסטערן, וואָס האָט געקאָנט אפילו איינבייסן אָט דעם מיליטעריש-אייזערנעם דירעקטאָר. אויך אין פּריצישן קלוב האָט מען נייגיריק גערעדט וועגן אָט דעם אויסטערלישן יידל.

רובינאָוו האָט זיך גענומען אַ צימער ערגעץ אין אַ זייטיקער גאַס, איז צו קיינעם נישט געגאַנגען און האָט זיך מיט קיינעם נישט געחברט. טאָג און נאַכט האָט ער געאַרבעט מיט אַ שטילן, אין זיך איינגעהאַלטענעם אימפּעט. נאָר ראָזע לעווענשטיין, די שיינע באַנקירס טאָכטער, וואָס האָט ליב אויף איר מיידלש-רירעוודיקן שטייגער צו מאַכן אַן אַוואַנטורע פֿון יעדער טשעקאַווער זאַך, איז איינמאָל געקומען צו אים אין צימער. זי איז געווען איבערראַשט, וואָס ער, ווי-נישט-ווי אַ יונגערמאַן, איז גאָרנישט געווען גערירט פֿון איר. ווי אַ פֿאַראיינזאַמטער מענטש קוקט ער אויף איר מיט פֿאַרשעמטע, אָבער ווייטע און גלייכגילטיקע אויגן. וואָס דאַרף זי אייגנטלעך? זי וויל אים אָט-וואָס בעטן. ס׳האָט זיך נישט לאַנג געגרינדעט אַ מין יונגע סאָציאַל-וויסנשאַפֿטלעכע געזעלשאַפֿט, וואָס קלייבט זיך צונויף איינמאָל אין וואָך ביי איר אין שטוב. דער גימנאַזיע-לערער פֿון געשיכטע, בוליגין, נעמט אויך אָנטייל אין אָט דער געזעלשאַפֿט. אפשר וואָלט ער, רובינאָוו, געלייענט דאָרט דעם קומענדיקן דינסטיק אָוונט אַ רעפֿעראַט אויף דער ברענענדיקער טעמע וועגן „די אידעאַליסטישע און מאַטעריאַליסטישע פֿאַקטאָרן אין דער געשיכטע". רובינאָוו האָט, ווי זיין געוואוינהייט איז, גערוקט די ברילן אויף דער נאָז און אַ ווײַלע נאָכגעקלערט. גוט, ער וועט קומען האַלטן אַ רעפֿעראַט, ער וועט אָבער באַלד נאָכן רעפֿעראַט מוזן אַוועקגיין, ווייל ער איז זייער אַ פֿאַרנומענער און האָט נישט קיין פֿרייע רגע. געגעבן די דאָזיקע תשובה, האָט רובינאָוו גלייך אָנגעהויבן

קוקן אין אַ ביכל, גלייך ווי די שיינע ראָזע וואָלט דאָ גאָרנישט געווען אין צימער. זי האָט לוסטיק געצוקט מיט די אַקסלען און אַוועקגעגאַנגען.

דינסטיק, אַרום אַכט אַ זייגער אינאָוונט, איז רובינאָוו געקומען אין לעווענשטיינס הויז. מ'האָט אים אַריינגעפירט אין דעם גרויסן סאַלאָן, וואו אַלע זענען געווען פאַרזאַמלט. אַ חוץ די יונגע מיטגלידער פון דער נייער „געזעלשאַפט" זענען דאָרט געווען אייניקע זייטיקע עלטערע מענטשן, צווישן זיי אויך דער באַנקיר לעווענשטיין און די גרעפין קוזניצקי. ס'איז אויך געווען דער יונגער גראַף קוזניצקי, דער סטודענט, וועלכער איז נאָך אַלץ נישט געפאָרן צוריק אין דער אוניווערזיטעט־שטאָט און האָט זיין פאַרבאָרגענע ליידנשאַפט צו ראָזען נאָך טיפער באַהאַלטן אונטער דעם דינעם שלייער פון גרויסאַרטיקער עלעגאַנץ. די זעלבע ליידנשאַפט האָט דער גימנאַזיע־לערער בוליגין מאַסקירט דורך קאָכיקער געלערטזאַמקייט. ער איז היינטיקן אָוונט געווען פאָרזיצנדער.

אַלע האָבן זיך אַ קער געטון צו דעם אַריינגעקומענעם רובינאָוו. ער האָט אַלעמען איבערראַשט דורך דער מאָדנער איינפאַכקייט פון זיין דאַרער, לחלוטין נישט אָנזעעוודיקער פיגור. „אָט דער יונגערמאַנטשיק איז דאָס רובינאָוו?" — די פראַגע איז געשטאַנען אויף אַלע דערשטוינטע פנימער. ער האָט זיך שעמעוודיק פאַרנייגט, דערביי אויסגעמיטן צו קוקן ווען ס'איז אין די אויגן.

מ'האָט אים געזעצט אויבנאָן לעבן דעם פאָרזיצנדן, בוליגינען, וועלכער האָט באַלד געעפנט די „זיצונג" און געגעבן רובינאָוון דאָס וואָרט צום רעפעראַט. האָט אַן אָנגעשטרענגטע שטילקייט באַהערשט דעם סאַלאָן. אַלע אויגן, פול שפּאַנונג און נייגיר, זענען געווענדט צו רובינאָוון. ערשט איצט האָט מען באַמערקט די אינערלעכע אָפּגעשלאָסנקייט פון זיין האַלטונג. אַ קורצע ווײַלע האָט ער געקוקט אין אַ זייט און שעמעוודיק־נערוועז גערוקט די ברילן אויף דער נאָז. נאָר אָט האָט זיך אין זיינע בלויע אויגן אָנגעצונדן אַ קליין פייערל פון שטיל־איינגעהאַלטענעם אימפעט. דאָס אָפּ-

געשלאָסענע פּנים האָט זיך פלוצלינג געעפנט. ער האָט צום לעצטן מאָל אַ רוק געטון די ברילן, האָט זיך אַ קער געטון שמייכלענדיק צום עולם און אָנגעהויבן רעדן. אַלס קאָנטראַסט צו זיין שעמעוודיקייט, האָבן שוין אין די ערשטע רייד פאַרוואונדערט די ענערגישע ווענדונגען און שאַרפזיניקע אויסדריק.

— די טעמע פון מיין רעפעראַט איז די פראַגע וועגן די אידעאַליסטישע און מאַטעריאַליסטישע פאַקטאָרן אין געשיכטע. אַלס איינפירונג מעג איך אפשר דערמאַנען אַ באַקאַנט גלייכווערטל פון דער קינדער־וועלט. מ׳פרעגט ביי אַ קינד, וועמען האָט עס ליב בעסער, דעם טאַטן אָדער די מאַמען. ענטפערט דאָס קינד, אַז עס האָט ביידע ליב בעסער. אָט דער כלומרשט אומלאָגישער ענטפער איז אָבער פסיכאָלאָגיש אין תוך זייער וויכטיק, ווייל דאָס קינד האָט אין אַ געוויסן זין טאַקע אַזוי ליב ביידע עלטערן, אַז ער האָט יעדן איינעם בעסער ליב פאַר דעם אַנדערן. אָבער ווען דאָס קינד ווערט געשלאָגן פונם פאָטער, האָט ער דעמאָלט בעסער ליב בלויז די מוטער, ביי וועלכער ער געפינט שוץ און רחמנות. פאַרטיפט מען זיך עטוואָס אין דער גייסטיקער געשיכטע פון דער מענטשהייט, זעט מען, אַז בנוגע די אידעאַליסטישע און מאַטעריאַליסטישע פאַקטאָרן, האָט דער מענטש מייסטנס זיי „ביידע בעסער ליב“. אַנדערש אויסגעדריקט, אָט די ביידע פאַקטאָרן זענען, ווי עלטערן, צווישן זיך אַזוי געבונדן, דאָס יעדן איינעם קאָן מען אין אַ געוויסן זין שעצן בעכער פאַר דעם אַנדערן. ס׳מאַכט זיך אָבער אַן עפּאָכע, ווען דער מענטש ווערט געשלאָגן און אונטערדריקט דורך איינעם פון אָט די ביידע פאַקטאָרן (איז דאָס אַ פאַנאַטיש איבערגעטריבענער אידעאַליזם אָדער אַ ברוטאַל עקסטרעמער מאַטעריאַליזם), און דעמאָלט שעצט דער מענטש און ליבט בלויז דעם אַנדערן פאַקטאָר. שוין ביי די גריכישע פילאָזאָפן הערן מיר, דאָס...

וואָס ווייטער איז דער אויסדרוק געוואָרן מער קנאַפּ, שאַרף און קאָנצענטרירט, דער אינהאַלט געדיכטער און שטאַרקער. נישט נאָר האָט ער אַרויסגעוויזן אַ פונדאַמענטאַל וויסן פון אַלטער

און נייער פילאָזאָפיע, סאָציאָלאָגיע און פּאָליטישע עקאָנאָמיע (פּאַרש־דענע ווערק האָט ער ציטירט אויף אויסנווייניק), נאָר אַלע ווײַלע האָבן אויפגעבליצט אָריגינעלע געדאַנקען, וואָס האָבן זיין אומגעהויער וויסן באַלויכטן און באַלעבט. בוליגין אַליין האָט אים פאַרגאַפט צוגעהערט. ס׳האָט אַלעמען פאַרגאַפט דער שטיל־איינגעהאַלטענער אימפעט פון זיין אויסגעהאָרעוועטער פערזענלעכקייט. גרעפין קוזניצקי האָט די גאַנצע צייט נישט אויפגעהערט אויף אים צו קוקן דורך איר גאָלדענעם לאָרנעט. עטוואָס מער פון אַ שעה האָט געדויערט זיין רעפעראַט און ווען ער האָט געענדיקט, האָבן אַלע אַ קאַרגע מינוט געשוויגן. נאָך אַ קורצער דיסקוסיע, האָט רובינאָוו קורץ געהאַלטן אַ שלוס־וואָרט, איז דערנאָך ווי פּלוצים אויפגעשטאַנען, זיין געזיכט האָט זיך מיטאַמאָל ווידער אָפּגעשלאָסן. ער האָט זיך אַ נייג געטון און איז אַרויס פון סאַלאָן. ער האָט דערביי אויסגעזען דאָ אַזוי אָפּגעשלאָסן ווייט, פרעמד און אומבאַרירבאַר, אַז מ׳האָט גאָרנישט געוואַגט אים אויפצוהאַלטן. דער גאַנצער רעפעראַט, ווי רובינאָווס פערזענלעכקייט אַליין, האָבן געווירקט און פאַרכאַפּט טאַקע דורך אָט דער שטייפער אָפּגעשלאָסנקייט און אינערלעכן דראַנג. הויפּטזעכלעך האָט עס געוווייעט אַ מין מאָדנע אָפּגעטראָגנקייט און פאַרצוקטע ווייטקייט. ערשט אין אַ שעה אַרום האָט ראָזע געשפּילט אויפן קלאַוויר און מ׳האָט, ווי אַלע מאָל, געטאַנצט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

רובינאָוו האָט זיך כּמעט ווי גאָרנישט מער באַוויזן אין געזעלשאַפט. ער איז אפילו איינמאָל נישט געקומען אין גימנאַזיע נאָכפרעגן (ווי דאָס טוען די מייסטע עקסטערנעס) ביי דעם אָדער יענעם לערער וועגן זיינע ספּעציעלע פּראָגראַם־פאָדערונגען אויף די עקזאַמענס. אָט די אָפּגעזונדערטקייט האָט נאָך פאַרשטאַרקט די היפּנאָטיזירנדיקע ווירקונג פון די פאַרש־דענע קלאַנגען וועגן רובינאָוון. האָבן אַלע נאָך מיט גרעסערער שפּאַנונג געוואַרט אויף דעם אויסגאַנג פון זיינע קומענדיקע פרילינג־עקזאַמענס אין דעם איצט אומברחמנותדיק־שטרענגן ווייסן מויער.

אייגנטלעך האָט מען שוין פֿון דעם אינהאַלטרייכן און שאַרפֿן רעפֿעראַט אין לעווענשטיינס הויז געקאָנט זען, אַז רובינאָוו איז זייער באַגאַבט און האָט אויסערגעוויינלעך פֿיל געלערנט אין זיין לעבן. פֿענאָמענאַלער זכּרון און אויסערגעוויינלעכע התמדה זענען ביי אים דורכגענומען מיט דעם שטילן ברען־אימפּעט פֿון אַ באַהאַלטענעם אַסקעט. אומגעריכט, עפּעס ווי אָן אַ זייט, האָט ער זיך פּלוצים באַוויזן אין דעם עקסטערן־לעבן, ווי ס'פֿלעגט אַמאָל אין וואָלאָזשין, אין אַ פֿאַרוואָרפֿן ישיבה־ווינקל, פּלוצים אויפֿלויכטן דער שטיל־גליענדיקער דראַנג פֿון אַן „עילוי". ביי נאָרמאַלע תּנאים איז עס, פֿאַרשטייט זיך, גאַנץ נאַטירלעך, אַז אַזאַ באַגאַבטער און פֿלייסיקער מענטש זאָל נאָך יאָרן־לאַנגער אַרבעט אויסהאַלטן עקזאַמענס מיט אַ גרויסן דערפֿאָלג. די שפּאַנענדיקע פֿראַגע איז אָבער, צי און מיט וועלכע קענטענישן קאָן מען באַהערשן די מיליטעריש־פֿאַרביסענע בייזוויליקייט פֿון אַ גימנאַזיע־דירעקטאָר, וואָס פֿירט דורך אומברחמנותדיקע עקזעקוציעס אויף אייגענע גימנאַזיסטן, לאָזט נישט אַרויף אויף דער שוועל קיין עקסטערן, און אַן עקזאַמען פֿאַרן עקסטערן ווערט, כּמעט אָפֿיציעל, אַ „געזיכערטער דורכפֿאַל".

אין דעם פֿאַל פֿון רובינאָוון האָט אָבער געווירקט די זעלטענע איבערראַשונג, וואָס האָט כּמעט ווי באַטויבט און פֿאַרכאַפּט אָט דעם מיליטעריש־בייזוויליקן גייסט. דאָס אויסערגעוויינלעכע אויפֿטרעטן פֿון רובינאָוון, זיין נאַטירלעך אויסגעדריקט און טאַקע דערפֿאַר נאָך מער פֿאַסצינירנדיק געפֿיל פֿון אומבאַזיגבאַרקייט, די פֿאַרצוקטע ערנסטקייט און אינערלעכע אָפּגעשלאָסנקייט פֿון זיין אויסטערלישער פּערזענלעכקייט — דאָס אַלץ האָט כּמעט היפּנאָטיזירנדיק פֿאַרכאַפּט דעם דירעקטאָר און גימנאַזיע־לערער. און נישט קוקנדיק דערויף אָדער אפֿשר טאַקע דערפֿאַר, וואָס גימנאַזיע־לערער זענען אינערלעך גרייט אויף רובינאָווס אויסערגעוויינלעכן דערפֿאָלג, האָבן די פּרילינג־עקזאַמענס איבערגעשטיגן אַלע דערוואַרטונגען.

ווייל רובינאָוו איז היי־יאָר דער איינציקער עקסטערן אין גימנאַזיע, עקזאַמינירט ער זיך צוזאַמען מיט די גימנאַזיסטן אין

אַקט־זאַל. ווי אַלע מאָל הייבן זיך אָן אַרום מיטן מאַי די שלוס־עקזאַמענס. צוערשט זענען, איין טאָג נאָכן אַנדערן, פאָרגעקומען דריי שריפטלעכע עקזאַמענס (דער ערשטער איז אַ רוסישער אויפזאַץ, די אַנדערע צוויי אויף אַלגעברע און טריגאָנאָמעטריע). רובינאָוו איז דער איינציקער עקסטערן אין אַקט־זאַל. צווישן גימנאַזיסטישע מונדירן און גימנאַסטיאָרקעס מיט זילבערנע קנעפּ וואַרפט זיך אין די אויגן רובינאָווס טונקל־גרוי קורץ רעקל, וואָס איז עטוואָס אָפּגעטראָגן, אָבער פיינלעך־ציכטיק, אויסגעגלעט און פאַרשפּיליעט אויף אַלע קנעפּלעך. שטילערהייט ווייזן די גימנאַזיסטן אויף אים איינער דעם אַנדערן מיט די פינגער: „אָט איז „דער" רובינאָוו!..." ער זיצט אויף אַ באַנק נישט ווייט פון פענסטער, קוקט זיך אויף קיינעם נישט אום, טוט זיך נישט אַ קער, נישט אַ ציטער. פאַרטיפט אין דער אַרבעט, איז ער אין זיך אָפּגעשלאָסן און אָפּגעזונדערט. ער שרייבט ציכטיק און קלאָר — די אותיות קליינע, קיילעכדיקע, פּינקטלעכע, גלייכע, ווי אויסגעגאָסן. נאָר אַ געניט אויג וואָלט אין די אותיות דערקענט די ציטערדיקע וויברירונג פון דער קיילעכדיקייט. געענדיקט די שריפטלעכע אַרבעט, טראָגט ער זי צו צו דער עקזאַמען־קאָמיסיע, מיידט אויס דערביי צו קוקן וועמען אין די אויגן, פאַרנייגט זיך שטום און גייט אַרויס פון אַקט־זאַל. און טאַקע אויף די שריפטלעכע אַרבעטן האָט זיך איבעררעשנדיק קלאָר און בולט אַרויסגעוויזן רובינאָווס אייגנאַרטיקע באַגאַבונג.

דער דירעקטאָר האָט גענומען צו זיך אַהיים רובינאָווס שריפטלעכע מאַטעמאַטישע אַרבעטן, וועלכע ער האָט נייגיריק אָנגעהויבן לייענען. ס'איז צוערשט אויפגעפאַלן, וואָס שוין ריין אויסערלעך איז די אַרבעט געמאַכט פיינלעך־ציכטיק, שפּאָרעוודיק, שטייף, כמעט קאַנטיק, אָפּגעשלאָסן.

די אַרבעט איז באַשטאַנען פון צוויי טיילן. אין דעם ערשטן טייל ווערט די מאַטעמאַטישע אויפגאַבע געמאַכט לויט אָנגענומענע מעטאָדן, ווי זיי ווערן באַשריבן אין אַלגעמיינע לערן־ביכער. אין דעם צווייטן טייל באַשרייבט רובינאָוו זיינע אייגענע

מעטאָדן, וואָס זענען, לויט זיין מיינונג, „קורצער און איינפאַכער“.

דער דירעקטאָר, אַליין אַ מאַטעמאַטיקער, האָט גלייך אויפן אָרט אויסגעפּרוווט אויף פאַרשידענע אופנים רובינאָווס מעטאָדן און דערשטוינט אַרויסגעפונען זייער ריכטיקייט. פאַרוואונדערט און איבערראַשט, איז ער גלייך אַוועקגעגאַנגען צו גראַניעוויטשן, וועלכער האָט אויך נאָך לאַנגע קריטישע פּרוּוון באַשטעטיקט רובינאָווס נייע מעטאָדן, אַלס קורצערע און איינפאַכערע.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז פאָרגעקומען די זיצונג פון דער עקזאַמען-קאָמיסיע, וואָס זאָל אַרויסטראָגן רעזאָלוציעס וועגן די שריפטלעכע אַרבעטן.

אויף דער זיצונג האָט דער דירעקטאָר געבעטן אַנטאָנאָוון, דעם לערער פאַר דער רוסישער שפּראַך און ליטעראַטור, דורכצולייענען רובינאָווס רוסישן אויפזאַץ. די געגעבענע טעמע פאַר דעם רוסישן עקזאַמען-אויפזאַץ איז אין יענעם יאָר געווען וועגן „רעאַליזם און ראָמאַנטיזם אין דער רוסישער ליטעראַטור“. רובינאָווס רוסישער אויפזאַץ, ווי זיינע מאַטעמאַטישע אַרבעטן, איז באַשטאַנען פון צוויי אינערלעך געבונדענע, אָבער זעלבסטשטענדיקע טיילן. דער ערשטער טייל איז געווען כמעט אַ מוסטער פון אַן עקזאַמען-אויפזאַץ, וואו רובינאָוו האָט פיינלעך-קאָרעקט, מיט אַן אויסגעשליפענער שפּראַך, באַהאַנדלט די געגעבענע טעמע אין די גימנאַזיסטישע ראַמען פון רוסישער ליטעראַטור און קריטיק. דער צווייטער טייל אָבער איז געווען אַ קורצע ליטעראַריש-פילאָזאָפישע אָפּהאַנדלונג, וואו שטאַרק געשליפענע געדאַנקען האָבן איינפאַך און באַשיידן אַרויסגעוויזן אַן אינערלעך אויסגעטראָגענע, פאַטעטיש דורכגעטראַכטע און אויסערגעוויינלעך דורכזיכטיקע וועלט-אָנשויאונג. אָט די דורכזיכטיקע קלאָרקייט פון אייגנטלעך זייער קאָמפּליצירטע רעיונות האָט אויף אַלעמען שטאַרק געווירקט.

די עקזאַמען-קאָמיסיע האָט גלייך איינגעזען, אַז אין רובינאָווס שריפטלעכע אַרבעטן איז פאַראַן עפּעס מער ווי טאַלאַנט, און אפשר אויך דערפאַר, וואָס אַלע זענען געווען נאָך פון פריער

אינערלעך היפּנאָטיזירט, האָט זיך זיי איצט נאָך מער געדאַכט, דאָס אָט דער דאַרער ביינערדיקער עקסטערן טראָגט אין זיך אַ פאַרבאָרגענעם אומהיימלעך־זעלטענעם שאַפונגס־גייסט. פון דעם גרויסן שטערן אויפן קליינעם קינדישן פּנים, אפילו אין דעם עטוואָס אָפּגעריבענעם, אָבער פיינלעך־ציכטיקן רעקל ווייעט דער באַהאַלטענער פלאַטער פון אַ זשעני.

האָבן אַלע אין דער עקזאַמען־קאָמיסיע באַקומען יענעם נאַטירלעכן, כמעט אינסטינקטיוון אָפּשיי, וואָס מ'באַקומט תמיד אין דער נאָענטקייט פון אַ באַהאַלטן־אויפלייכטנדיקן זשעני. נאָר גרוזינאָוו האָט נאָך אַלץ סקעפּטיש חוזק געמאַכט. אים האָט אונטערגעהאַלטן דער שטענדיק פאַרביסענער עקסטערן־פּרעסער אַנטאָנאָוו.

אָט די כּלומרשט־תמעוואַטע יידעלעך, האָט אַנטאָנאָוו אויף זיין מאַניאַקאַלישן שטייגער געטענהט, מאַכן אַלערליי קונצן, וואָס בלענדן און פאַרפירן. אויף די ווייטערדיקע עקזאַמענס, אויג אויף אויג מיט רובינאָוון, וועט מען ערשט אַראָפּרייסן פון אים זיינע מאַסקעס. פונדעסטוועגן האָבן זיי ביידע, גרוזינאָוו און אַנטאָנאָוו, געמוזט מסכּים זיין מיט אַלעמען אַרויסצושטעלן רובינאָוון דעם „בעסטן" צייכן פאַר זיינע שריפטלעכע אַרבעטן. אין שטאָט האָט מען פון מויל־צו־מויל דערציילט. דאָס אין דעם זעלבן טאָג האָט דער דירעקטאָר אַוועקגעשיקט רובינאָווס שריפטלעכע אַרבעטן, אַלס דאָקומענטן פון אַלגעמיינער באַדייטונג. דאָס וויכטיקסטע איז אָבער פאַרגעקומען אויף די ווייטערע עקזאַמענס.

דער ערשטער מינדלעכער עקזאַמען איז אויף רוסישער שפּראַך און ליטעראַטור.

ווי אַלעמאָל קומט פאַר דער עקזאַמען אין גרויסן אַקט־זאַל, וואו רובינאָוו, דער איינציקער עקסטערן, עקזאַמינירט זיך צוזאַמען מיט די גימנאַזיסטן. ווי אויף די שריפטלעכע עקזאַמענס, זיצט ער אויף אַ באַנק נישט ווייט פון פענסטער, קוקט פאַרטראַכט אין אַ זייט, ווייט און אָפּגעטראָגן.

פריער עקזאַמינירט מען גימנאַזיסטן און ערשט נאָך אַלעמען קומט רובינאָוו. אָבער אַלע גימנאַזיסטן בלייבן אין אַקט־

זאָל און ווילן אויף אַ טשעקאַוועס צוהערן רובינאָווס עקזאַמען. ווען מ׳רופט אים אַרויס, גייט ער מיט אומזיכערע טריט צום טיש, נעמט אַרויס אַן עקזאַמען-בילעט. אָבער נאָך איידער רובינאָוו האָט צייט דאָס מויל צו עפענען, טוט אים אַנטאָנאָוו אַ פרעג וועגן איינעם פון די פונקטן אין דעם אַרויסגענומענעם בילעט, נעמלעך וועגן די „לעבנס-באַשרייבונגען פון רוסישע הייליקע״. אַנטאָנאָוו האָט געוואוסט פון זיין עקסטערן-פרעסישער דערפאַרונג, אַז דאָס איז מיינסטנס דער שוואַכסטער פונקט ביי די יידישע עקסטערנעס, וועלכע האָבן ווייניק פאַרשטענדעניש און אינטערעס פאַר קריסטלעכע הייליקע.

— וואָס ווייסט איר, הער רובינאָוו, וועגן די לעבנס-באַשרייבונגען פון רוס׳שע הייליקע...

רובינאָוו האָט זיך אַ רגע פאַרטראַכט און, קוקנדיק אָן אַ זייט, האָט ער נערוועז-שעמעוודיק גערוקט די ברילן אויף דער נאָז. פלוצלינג האָט ער האַסטיק אַ קער געטון דעם קאָפּ צו דער עקזאַמען-קאָמיסיע און, נ׳שט קוקנדיק קיינעם אין די אויגן, האָט ער אָנגעהויבן אויף זיין שטייגער צו רעדן — געמאָסטן און געשליפן יעדעס וואָרט און יעדע ווענדונג. ער האָט צוערשט געגעבן אַ קורצע אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק, האָט פאַמעלעך אָנגעהויבן אַריינדרינגען אַלץ ברייטער און טיפער אין דעם ענין. דערביי האָט ער ציטירט טעקסטן פון פאַרשידענע צייטן. אַנטאָנאָוו האָט אויסגעגלאָצט די אויגן, ווען רובינאָוו האָט ציטירט אַ ווייניק באַקאַנטן טעקסט, וואָס ווערט דערמאָנט „בלויז״ אין קאַראַמזינס געשיכטע. פאַרגלייכנדיק די מיינונגען פון פאַרשידענע קריטיקער און היסטאָריקער, האָט רובינאָוו אין קורצע קנאַפּע אויסדרוקן אַריינגעדרונגען כמעט אין יעדן ווינקל פון אָט דעם פאַרוואָרפענעם געביט. דער דירעקטאָר האָט איצט ווי אויף די ווייטערע רובינאָווס עקזאַמענעס, אַרויסגעוויזן זיין מיליטעריש-אויפבראַוזנדיקן טעמפּעראַמענט. ער, דער פאָרזיצנדער פון דער עקזאַמען-קאָמיסיע, האָט פלוצלינג איבערגעריסן רובינאָוון.

— גענוג, הער רובינאָוו, איר קאָנט פאַרפלייצן אַ וועלט מיט אייער וויסן...

אין עקסצענטרישער באַגייסטערונג האָט דער דירעקטאָר געדריקט רובינאָווס הענט. יענער האָט זיך שטאַרק פאַרשעמט, אַ קורצע ווײַלע האָט ער אומבאַהאָלפן געדריקט די ברילן אויף דער נאָז און איז פּלוצים אַרויס האַסטיק פונם אַקט-זאַל.

נאָך באַדייטנדיקער איז געווען רובינאָווס דערפאָלג ביי דעם פאָלגנדיקן עקזאַמען אויף מאַטעמאַטיק. דאָ האָט זיך באַזונדער אַרויסגעוויזן, אַז דער דירעקטאָר איז מיליטעריש-אימפּרוויזנדיק נישט נאָר אין זיין שטרענגקייט, נאָר אויך אין זיין באַגייסטערונג.

די מעשה איז אַזוי געווען.

גימנאַזיסטן זענען נאָך זייערע עקזאַמענס אויף מאַטעמאַטיק געבליבן זיצן אין אַקט-זאַל. זיי האָבן מיט גרויס בייגיר און שפּאַנונג געקוקט, ווי רובינאָוו אינם גרויען רעקל נעמט אַרויס דער לעצטער אַן עקזאַמען-בילעט און גייט צו מיט קינדלעך-אומזיכערע טריט צום טאַפעל. די עקזאַמען-קאָמיסיע זיצט אויבנאָן ביים גרין-באַדעקטן טיש, בלויז דער דירעקטאָר און גראַניעוויטש זענען צוגעגאַנגען צום טאַפעל לעבן רובינאָוון. אַ רגע האָט רובינאָוו נערוועז געדרוקט די ברילן אויף דער נאָז, האָט געכאַפּט אַ קוק אויף דעם עקזאַמען-בילעט און אָנגעהויבן דערקלערן די ערשט אָנגעמערקטע טעאָרעמע. ווי אין זיינע שריפטלעכע אַרבעטן, האָט רובינאָוו אויך איצט זיינע רייד געפירט אין צוויי טיילן. צוערשט האָט ער, שרייבנדיק מיט קרייד אויפן טאַפעל, דערקלערט די טעאָרעמע לויט ווי ס'איז באַשריבן אין די לערנביכער. ער האָט עס אויף זיין שטייגער דורכגעפירט מיט פיינלעכער ציכטיקייט און פיינער געשליפנקייט. ווען ער האָט געענדיקט דידאָזיקע דערקלערונג, איז כמעט דער גאַנצער טאַפעל געווען באַשריבן. ערשט איצט האָט רובינאָוו, האַלטנדיק נאָך אין דער רעכטער האַנט דאָס קרייד, אַ רוק געטון מיט דער לינקער האַנט די ברילן אויף דער נאָז און אַ זאָג געטון:

— דידאָזיקע טעאָרעמע לאָזט זיך אָבער דערקלערן אויף

אַן אַנדערן אופן, וואָס איז, ווי מ׳יר דאַכט זיך, פיל קירצער און לייכטער...

ער האָט אָפּגעווישט דאָס אָנגעשריבענע אויפן טאַפעל און אָנגעהויבן מאַכן זיין אייגענע דערקלערונג. שוין ריין־אויסערלעך איז אויפגעפאַלן, וואָס רובינאָווס אייגענע דערקלערונג האָט טאַקע פיל ווייניקער געדויערט און דער טאַפעל איז געווען ווייניקער ווי אַ העלפט באַשריבן.

האָבן איצט דער דירעקטאָר און גראַניעוויטש געשטעלט רובינאָוון פאַרשידענע קעגן־פראַגן. יענער האָט זיי רויק אויסגעהערט, אַ רגע געטראַכט און לאַנגזאַם געענטפערט. די גימנאַזיסטן האָבן פון ווייטן נישט געהערט רובינאָווס שטילע רייד. מ׳האָט נאָר בולט געזען אויף דעם דירעקטאָרס פנים אַ מאָדנע וואַקסנדיקע התפעלות. און נאָך איידער רובינאָוו האָט געענדיקט, איז דער דירעקטאָר צו אים פלוצלינג צוגעלאָפן און אין גרויס באַגייסטערונג אים אַרומגענומען.

— כ׳בין שטאָלץ, וואָס אויף די עלטערע יאָרן האָב איך דערוועען אַ גרויסן מאַן, וואָס שפּירט דעם אָטעם פון מאַטעמאַטיק און האָט איבער איר אַזאַ שליטה. ווער זענט איר, רובינאָוו, ווער זענט איר ?

רובינאָוו האָט זיך פון גרויס בושה דערשראָקן. אויף זיין פנים האָט זיך באַוויזן אַ ליידנדיקער שמייכל, גלייך ווי די פּערזענלעכע לויב־באַרירונג וואָלט אים שטאַרק וויי געטון. קוים האָט ער זיך באַפרייט פונם דירעקטאָרס האַנט, איז ער שעמעוודיק־דערשראָקן אַרויס האַסטיק פון אַקט־זאַל.

אין ווייסן מויער איז פאַר דער קורצער צייט כמעט לעגענדאַריש אויסגעוואַקסן דער נאָמען פון דעם וואונדער־עקסטערן אין דעם פיינלעך־ציכטיקן גרויען רעקל. ווי אַלעמאָל אין אַזוינע פאַלן, איז די איינמאָל־דערגרייכטע באַרימטקייט שוין געוואַקסן פון זיך אַליין.

דער איינדרוק איז נאָך געוואָרן לעגענדאַרישער דורך דעם כמעט אומגלויבלעכן קאָנטראַסט צווישן דער באַוואונדערטער גייסטלעכער גרויסקייט רובינאָווס און זיין אויסערליש־פּראָסטער

אויסערלעכקייט. די קינדלעכע שמעוודיקייט און די נאַטירלעכע באַשיידנקייט, די אינערלעכע אָפּגעשלאָסנקייט און די כמעט־ווילדע שרעקעוודיקייט פאַר יעדער פּערזענלעכער לויב־באַרירונג — דאָס אַלץ האָט נישט געלאָזט אין ווען ס׳איז אויפקומען װעלכעס ס׳איז נישט געפיל פון קנאה אָדער שנאה, וואָס שטייען תּמיד אויפן וועג פון יעדער וואַקסנדיקער באַרימטקייט. ס׳האָט, פאַרקערט, געוועקט אין יעדן מיטגעפיל און ליבע, וואָס האָבן אַרומגערינגלט רובינאָווס נאָמען מיט אַ מיסטיש־ראָמאַנטישן, דורכאויס היפּנאָטיזירנדיקן אָפּגלאַנץ.

אין ווייסן מויער האָט זיך אומגאַנערקט איינגעשטעלט אַ פייערלעכע אַטמאָספערע, וואָס ווערט תּמיד אַרויסגערופן, ווען אַ גרויסע געשעעניש אָדער אַ הויכע פּערזענלעכקייט וועקט און קאָנצענטרירט אַלגעמיינע שפּאַנונג און באַגייסטערונג. די עק אַמענס האָבן זיך כּאַמעלעך פאַרוואַנדלט אין פעסטלעכע אַקטן, וואו אַלע האָבן ביי רובינאָווס אויפטרעטן אָנגעשטעלט נאָז און אויערן, נישט נאָר לערער און גימנאַזיסטן, נאָר אויך אַנטאָן, דער שווייצאַר, אין דער גרינער ליווריע ביז צו די פּיאַטעס, האָט געקוקט אין וועסטיביול אויף דעם שטיל דורכגייענדיקן רובינאָוון מיט יענעם נאַטירלעכן, כּמעט אינסטינקטיוון אָפּשיי, וועלכן מ׳באַקומט תּמיד פאַר אַ פּלוצלינג אַנטדעקטן און דאָך אומהיימלעך באַהאַלטענעם זשעני. אָט דער אַלטער פּויעריש גוטער אַנטאָן, וועלכער האָט אַזוי פיל יאָר צוגעזען מיטליידנדיק די נויט און פּיין פון פאַרוואָגלטע עקסטערנעס, האָט זיך איצט קינדלעךאינסטינקטיוו געפרייט פאַר דער אויסערגעוויינלעכער גדולה פון אָט דעם באַשיידענעם דאַרן עקסטערן. מיט שטומער ליבע עפנט ער רובינאָוון די מאַסיווע פּאַראַד־טיר אין וועסטיביול און באַגריסט אים מיט קוים אַרויסגעהויזענער איבערגעבנקייט.

— גוט מאָרגן, הער רובינאָוו!

— הער רובינאָוו!

אַזוי ווי דער לאַטיינישער גימנאַזיע־לערער גרוזינאָוו איז נאָך אַלץ געווען סקעפּטיש און האָט זיך געקליבן אַרונטערררייסן רובינאָוון אויף דעם לאַטיינישן עקזאַמען, זענען טאַקע אַלע מיט

באַזונדערער שפּאַנונג געקומען אויף אָט־דעם רובינאָווס עקזאַמען. ס'האָט זיך איצט וויניקער געוואונדערט, ווען רובינאָוו האָט אויף דער ערשטער פראַגע וועגן האָראַציוס לידער, געוואוסט דידאָזיקע לאַטייניִשע לידער אויף אויסווייניק. ס'איז אויך דאָ נאָר אויפגעפאַלן די פיינלעך פולקאָמענע ציכטיקייט, מיט וועלכער ער האָט „סקאַנדירט" דידאָזיקע לידער. מ'האָט זיך אָבער געוואונדערט, ווען גרוזינאָוו האָט אים דערלאַנגט איינעם פון ווערגיליעס לידער־ביכער, וואָס מען באַנוצט כמעט קיינמאָל נישט אין גימנאַזיעס און וואָס רובינאָוו האָט דאָך „סקאַנדירט" אויף אויסווייניק. דאָ האָבן זיך באַזונדער אַרויסגעוויזן זיין פענאָמענאַלער זכּרון און לאַנג־יעריקע התמדה, ווי אויך די קראַפט פון זיין איינערלעכער אויסגעהאַלטנקייט. „ווייסט איר דען, האָט דער דירעקטאָר דערשטוינט אים געפרעגט, אַלע לאַטייניִשע לידער אויף אויסווייניק?" רובינאָוו האָט פאַרשעמט געשוויגן. נאָר ווען גרוזינאָוו האָט אים דערלאַנגט אַן אַנדער לאַטייניִש לידער־בוך, האָט ער ווייטער „סקאַנדירט" אויף אויסווייניק.

האָט זיך גרוזינאָוו גלייך אַ לאָז געטון מיט אים אויף אַ געראַנגל אין דער קאָמפּליצירטער לאַטייניִשער גראַמאַטיק. רובינאָוו ענטפערט לאַנגזאַם באַטראַכט, געמאָסטן און געשליפן יעטוועדעס וואָרט. אַלע ווילע שטעלט אים גרוזינאָוו אָפּ און לייגט אים פאַרבלענדנדיקע שטיינער אויפן וועג. וואַרט אָפּ דעמאָלט רובינאָוו אַ רגע, און מיט קאָנצענטרירטער אָנשטרענגונג גייט ער פאַרביי די אָוועקגעלייגטע שטיינער. פאַרפירט אים גרוזינאָוו אַלץ מער אין די ענגערע און וואַקלדיקערע ווינקלען פון דעם לאַטייניִשן גראַמאַטיק־לאַבירינט. האָט רובינאָוו אויף זיין באַרעכנטן שטייגער אויך דאָ געטיילט זיין ענטפער אויף צוויי טיילן. צוערשט האָט ער פיינלעך־קאָרעקט געענטפערט לויט פאַרשידענע לאַטייניִשע לער־ביכער, וועלכע ער פאַרגלייכט קריטיש־פאָרזיכטיק צווישן אַנאַנדער. נאָכדעם גיט ער, ציטירנדיק פאַרשידענע לאַטייניִשע טעקסטן, אייגענע פילאָלאָגישע דערקלערונגען, וועלכע זענען, לויט זיין מיינונג, „אפשר נישט גאָר אומריכטיק".

דער קליין-וואוקסיקער דיקער גרוזינאָוו האָט מיט פאַרדרייסלעכער דערשטוינונג און בייזער באַוואונדערונג פאַרביסן זיינע רויטע ליפּן. ווי מ'קוקט אין אַ געראַנגל מיט שנאהדיקער דערשטוינונג אויף דער אומבאַזיגבאַרער קראַפט פון דעם קעגנער. ער האָט שוין נישט געהערט דעם סוף פון רובינאָווס שאַרפע פילאָלאָגישע אויספירונגען, וועלכע ער האָט איבערגעריסן אין דער מיטן. „הערט שוין אויף", האָט ער זיך בייז געווערטלט צו רובינאָוון, צו קלעטערן אַזוי הויך". ער האָט גלייך אַ כאַפּ געטון רובינאָוון פאַר „רעאַליאַ", (ווי מען פלעגט עס אין יענע גימנאַזיע-קרייזן באַצייכנען), ד. ה. די באַשרייבונג פון דעם פאַרצייטיקן רוימישן לעבנס-שטייגער. גרוזינאָוו האָט עס אויך געוואוסט פון זיין עקסטערן-פּרעסערישער דערפאַרונג, דאָס „רעאַליאַ" איז דער שוואַכסטער פונקט ביי יידישע עקסטערנעס, וועלכע באַנעמען נישט אינערלעך אָט די פרעמדע ווייטע וועלט, לערנען עס אויס מעכאַניש און לאָזן זיך דערפאַר דאָ לייכטער „כאַפּן". איז אָבער איצט עטוואָס אומגעריכטס פאָרגעקומען.

רובינאָוו האָט זיך אַ קורצע ווײלע פאַרטראַכט און האָט באַלד אָנגעהויבן ענטפערן אויף זיין שטייגער. ציטירנדיק פאַרשידענע היסטאָרישע און ליטעראַרישע טעקסטן פון יענער צייט, האָט ער מיט דערשטוינענדיקער אויספירלעכקייט באַשריבן דעם רוימישן לעבנס-שטייגער. אָט גייט ער צום רוימער אַהיים און באַשרייבט דאָרט זיין הויזלעכע איינריכטונג, אָט זעצט ער זיך מיט אים עסן ביים טיש און באַשרייבט דאָס געשיר, די שפּייזן און די מאַנירן. און אָט באַגלייט ער אין דער באַשרייבונג דעם רוימער אויף דער מלחמה, אויף פאָלקס-שפּילן, אויף אַ חתונה, אויף אַ לוויה. רובינאָוו דערקלערט דעם שורש און די לאַטיינישע באַצייכנונגען פון יעדן מנהג און יעדן פרט. גרוזינאָוו, וועלכער האָט ליידנשאַפטלעך ליב געהאַט אָט דעם קעגנשטאַנד, האָט מיט-אַמאָל אויפגעלויכטן. און אָט האָט רובינאָוו באַשריבן און קריטיש באַלויכטן אייניקע איינצלהייטן, וואָס זענען אַפּנים נישט געווען באַקאַנט גרוזינאָוון און האָבן אים אפשר אויך דערפאַר אַזוי ליידנשאַפטלעך פאַרכאַפּט. האָט מען שוין באַלד אויך אויף

גרוזינאָווס פּנים דערקענט יענעם נאַטירלעכן, כּמעט אינסטינקטיוון אָפּשיי, וואָס אַלע האָבן געפּילט צו אָט דעם דאַרן, בייזערדיקן עקסטערן. און ווען רובינאָוו איז איבערגעגאַנגען צו אַן אַלגעמיינער כאַראַקטעריסטיק, איז דער קליינוואוקסיקער, דיקער גרוזינאָוו פּלוצים אויפגעשפּרונגען פון שטול, איבערגעריסן רובי. אָוון אין מיטן די רייד און אַ נעם געטון אים פאַר דער האַנט.

— איר האָט, רובינאָוו, אוממענטשלעך פיל געלערנט. זייט דעם טויט פון מיין אוניווערזיטעט-לערער, האָב איך נאָך אַ אַ פלייסיק-הייסן קלאַסיקער נישט געזעען...

אויף דעם עקזאַמען פון געשיכטע איז אָט-וואָס פאָרגעקומען. די גאַנצע עקזאַמען-קאָמיסיע האָט געבעטן רובינאָוון צו זיצן בשעת זיינע עקזאַמענס (כאָטש, לויט דעם מנהג אין ווייסן מויער, שטייען תמיד גימנאַזיסטן און עקסטערנעס בשעת עקזאַמענעס). דער דירעקטאָר אַליין האָט אים אַ שטול אַוועקגעשטעלט. רובינאָוו האָט זיך אָפּגעזאָגט און שעמעוודיק-קראַמפּהאַפט זיך געהאַלטן פאַר דעם אָנלען פון דער אַוועקגעשטעלטער שטול. דער גימנאַזיע-לערער, בוליגין, דער יינגסטער און נייגיריקסטער צווישן אַלע גימנאַזיע-לערער, האָט געוואָלט גייסטיק אויסנוצן רובינאָווס עקזאַמען. מיט דער דערלויבעניש פון דירעקטאָר, האָט ער אָנשטאָט דעם עקזאַמען-בילעט, פאָרגעלייגט רובינאָוון צו געבן אַן איבערבליק וועגן דעם אַכצענטן יאָרהונדערט אין דער רוסישער און אַלגעמיינער געשיכטע. אַזאַ ברייטע טעמע! און טאַקע דאָ האָט געטראָפן עפּעס אַזוינס, וואָס מ׳האָט בשעת מעשה גאָרנישט אַזוי באַמערקט און וואָס אָבער באַלד נאָכדעם האָט עס געקלונגען ווי אַ מאָדנע לעגענדע. רובינאָוו האָט דאָ אומגעריכט דערלאַנגט צו אַ געוואַלטיקן הויך-פּונקט. צוערשט האָט ער אָנגעהויבן אויף זיין שטייגער צו ענטפערן לויט די אָנגענומענע היסטאָרישע לערנביכער, באַלד אָבער איז ער אַריין מיט לייב און לעבן אין דער זאַך. עפּעס אַ מין פּאַטעטיש-גליענדיקע שטרענגקייט פון געדאַנק און אויסדרוק האָט זיך אין דורכאויס נאַטירלעכער איינפאַכקייט אַנטפּלעקט און פאַרכאַפּט. און — אַ מאָדנע זאַך : וואָס טיפער

ס'ווערט דער געדאַנק, אַלץ קלאָרער און דורכזיכטיקער ווערט דער אויסדרוק, וואָס ציט דעם בליק אין סאַמע פּינטל פונם טיף־גייענדיקן געדאַנק. אָבער אָט האָט זיך אָנגעהויבן דער געדאַנק צו פאַרטיפן צו שנעל און בליצאַרטיק, צו גליענדיק און מסירת־נפשדיק — נאָכיאָגנדיק זיך שלאָגט זיך אויס דער אויסדרוק פון די כוחות, צעגליט זיך באַלד אַליין און אָט גייט ער אויס אין גליעניש צוזאַמען מיטן געדאַנק.

רובינאָוו איז אַ בלאַסער געבליבן שטיין אין מיטן די רייד, קוקנדיק פאַרכראַכט און אָפּגעטראָגן אין אַ זייט. אַ פאַרגאַנטע שטילקייט הערשט אין אַקט־זאַל, קיינער וואַגט נישט אַ גליד צו רירן, ווייניקער ווי אַ מינוט האָט עס געדויערט. טאַקע באַלד האָט זיך באַוויזן אַ ליכטיקער שמייכל אויף רובינאָווס קליינעם קינדערישן פּנים. פון דער שטילער און באַהאַלטן־טיפער גליעניש האָבן זיך געדאַנק און אויסדרוק אויפגעכאַפּט און געליי־טערטע האָבן זיי אין גרויס פּשטות זיך קורץ און שאַרף אַרויס־געזאָגט. דאָס מערקווירדיקסטע איז געווען, וואָס אַלע זענען גע־ווען פאַרכאַפּט און האָבן אינערלעך ווי מיטגעמאַכט רובינאָווס נשמה־אויפשוואונג, האָבן דערפאַר ערשט נאָכדעם דערזען די גאַנצע וואונדערלעכקייט פון דער פאַרגעקומענער סצענע, וועל־כע זיי האָבן אָבער איצט אויפגענומען בלויז מיט נאַטירלעכער אַנטציקונג.

האָט רובינאָווס נאָמען אין ווייסן מויער געוועקט אַלץ גרעסערע עקסטאַטישע באַגייסטערונג. רובינאָוו האָט זיך אָבער ווי געשראָקן פאַר זיין לעגענדאַרישן דערפאָלג. פלעגט זיך שמערצלעך צונויפקאָרטשען אין שרעק פון יעדן ליבּ־וואָרט און האָט זיך אינערלעך אַלץ מער אָפּגעשלאָסן. אָט די אַסקעטישע אָפּגעטראָגנקייט און קינדערישע שעמעוודיקייט, האָבן אים אַלץ מער צוגעגעבן דעם שיין פון אַ הייליקן, די גלאָריע פון אַ פאַרגאַפטן וואונדער־אַסקעט. פון מויל צו מויל האָבן זיך גע־טראָגן ציטאַטן פון זיין אויסטערלישער אויטאָ־ביאָגראַפיע. אין אייניקע גימנאַזיסטישע ה י ץ־ק ע פּ איז עס שוין אויפגעקומען די פאָרשטעלונג, אַז רובינאָוו איז אַ „געהיימער" יידישער היי־

ליקער, וואָס וואַנדערט איצט אַרום אויף דער וועלט אין דעם „געשטאַלט" פֿון אַן עקסטערן.

פֿון ווייסן מויער האָבן זיך איבער דער גאַנצער שטאָט צעשפּרייט קלאַנגען וועגן דעם „הייליקן" וואונדער-עקסטערן. די קלאַנגען האָבן געוואַקסן אין דער לופֿט און געצונדן די מוחות. האָבן זיך אויף די לעצטע עקזאַמענס פֿון דער גאַנצער שטאָט אַ לאַז געטון נענפּען צום ווייסן מויער. דער דירעקטאָר האָט געמוזט הייסן אָפּשליסן די פּאַראַד-טיר, קוים-וואָס מ'האָט דעמאָלט אָפּגעטריבן דעם עולם פֿון ווייסן מויער. נאָר ווען רובינאָוו איז אַרויסגעקומען פֿון ווייסן מויער אויף דער גאַס, האָט אָט דער פֿריער אָפּגעטריבענער עולם פֿאַרגאַפֿט דערזעען זיין דאַרע, ביי-נערדיקע פֿיגור מיט דעם קינדלעך-קליינעם פּנים. רובינאָוו האָט זיך פֿאַרוואונדערט אומגעקוקט און איז אין גרויס שרעק פֿאַרשוואונדן ווי אַ בליץ. האָבן אַלע אויסגעשטרעקט די הענט און פֿאַרגאַפֿט געשריגן:

— רובינאָוו!..

— רובינאָוו!...

אינם פּריצישן קלוב האָבן דאָרט אין דעמזעלבן אָוונט אַלע געסט צוגעהערט מיט פֿאַרכאַפּטן אָטעם דעם דירעקטאָרס דערציילונגען וועגן דעם וואונדער-עקסטערן. ווי פֿיל מיליטערישע לייט, האָט אויך דער דירעקטאָר. דער פֿריערדיקער גענעראַל, געהאַט אַ נייגונג צום גראַנדיעזן, מיסטישן און אַבערגלויבערישן. וואָס מער ער דערציילט, אַלץ מער ווערט ער פֿאַרגאַפֿט און באַרוישט. האָט ער אָבער דאָך די מיליטעריש-אייזערנע דיסציפּלין פֿון אַן אַלטן גענעראַל, וואָס ביי דער גרעסטער אַנטציקונג אָדער התפּעלות סאַלוטירט ער דעם קעניג מיט פֿיינלעך שטרענגן טאַקט און ריטם. ער האָט בשום אופֿן נישט צוגעלאָזט קיין פֿרעמדע צום ווייסן מויער, האָט שטרענג געצוימט די פֿייערדיקע באַגייסטערונג פֿון היציקע גימנאַזיסטן, בשום אופֿן נישט געלאָזט קומען צו וועלכן ס'איז אויפֿפֿאַלנדיקן אויסדרוק אָדער רוישנדיקער אָוואַציע. אַ גימנאַזיע איז אַ מלוכה-אַנשטאַלט און ביי קיין פֿאַל טאָר דאָרט קיינמאָל נישט געשטערט ווערן די אָרדנונג.

מ׳מעג צעזעצט ווערן פון התפעלות, טאָר מען נישט הויך אַ פּיפּס טון אין אַ מלוכהשער גימנאַזיע. ער האָט אָבער פאָרזיכטיק אויסגענוצט דאָס שפּאָרזאַמע מיטל פון דער שטרענגער גימנאַזיע־דיסציפּלין, כּדי אויסצודריקן די אייגענע און אַלגעמיינע ענטוזיאַסטישע פאַרערונג צו רובינאָוון.

די פּאַסירונגען פון יענע טעג האָבן דערנאָך, שוין אין אַ קורצער צייט אַרום, אויסגעזעען ווי אַן אומגלויבלעכע לעגענדע, וואָס האָט אָבער בשעת־מעשה, ביי דער אַלגעמיינער עקסטאַטישער פאַרכאַפּטקייט, אויסגעזעען לחלוטין נאַטירלעך.

נאָך דעם לעצטן עקזאַמען האָט דער דירעקטאָר געזאָגט רובינאָוון, אַז ער זאָל קומען אָפּנעמען זיין אַטעסטאַט אין אַ צוויי טעג אַרום, אַ זייגער צוועלף אינדערפרי, אין דעם אַקט־זאַל, וואו מ׳וועט דעמאָלט אויך די גימנאַזיסטן אַרויסגעבן זייערע אַטעסטאַטן. יענעם טאָג האָט דער שווייצאַר אַנטאָן ווייטער געמוזט אָפּשליסן די פּאַראַד־טיר, קוים וואָס מ׳האָט אָפּגעטריבן דעם עקזאַלטירט־נייגיריקן עולם, וואָס האָט זיך אַ לאָז געטון פון פאַרשידענע עקן שטאָט צום ווייסן מויער, כּדי צו זען רובינאָוון, דאָרט ביי דער „אָפּשייד"־שעה.

ווען רובינאָוו איז צוועלף אַ זייגער געקומען אין אַקט־זאַל, זענען דאָרט געזעסן די גימנאַזיסטן, וועלכע האָבן שוין אָפּגענומען זייערע אַטעסטאַטן און האָבן איצט אין עקזאַלטירטער שפּאַנונג געוואַרט אויף רובינאָווס אָנקומען. די עקזאַמען־קאָמיסיע איז נישט לאַנג אַוועק פון אַקט־זאַל אויף פרישטיק אין לערער־צימער. ביי רובינאָווס אַריינגאַנג אין אַקט־זאַל, זענען אַלע גימנאַזיסטן, ווי איין מענטש, אויפגעשטאַנען פון די ערטער. ווייל מ׳טאָר דאָ נישט אַפּלאָדירן אָדער אַ קול אויפהייבן, האָבן זיי אַזוי אַרום אין שטומער פאַרגאַפטקייט אויסגעדריקט זייער באַגייסטערונג. רובינאָוו האָט זיך דערשראָקן אַרומגעקוקט, האָט שוין געוואָלט אויף זיין שטייגער זיך ערגעץ־וואו אַוועקזעצן אויף אַן עק באַנק. האָבן אָבער אַ פּאָר גימנאַזיסטן אים פאַרשטעלט דעם וועג און אונטערגעטראָגן אַ שטול.

און אָט איז די עקזאַמען־קאָמיסיע, מיט דעם דירעקטאָר אי־

דער שפּיץ, אַריין אין אַקט-זאַל, האָבן זיך געזעצט אויבנאָן אַרום דעם לאַנגן גרין-באַדעקטן טיש. איבער דעם קאָפּ פונם דירעקטאָר איז אויף דער מיטן וואַנט געהאָנגען דאָס אימפּאָזאַנט-פּאַרביקע בילד פון דעם קייזער, ניקאָלאַי דעם צווייטן, וועלכער האָט קעניגלעך פאַרבייגעקוקט איבער דער פייערלעך-הערשנדער שטילקייט דאָ איצט אין אַקט-זאַל. דער דירעקטאָר האָט אַ רגע איבערגעקוקט אייניקע פּאַפּירן, האָט צוגערופן רובינאָוון, אים געגעבן דעם אַטעסטאַט, און אים געלאָזט, ווי דער שטייגער איז, זיך פונאַנדערשרייבן. ווען רובינאָוו איז נאָך געשטאַנען מיט דעם אַטעסטאַט אין דער האַנט, האָט אים דער דירעקטאָר געבעטן זיך צוריקזעצן און האָט זיך צו אים געווענדט מיט אַ פייערלעך-איינגעהאַלטענער שטימע:

— די עקזאַמען-קאָמיסיע גיט אייך הער רובינאָוו, אַרויס אַן אַטעסטאַט מיט די בעסטע אויסצייכענונגען, וואָס מיר האָבן און וואָס זענען אָבער דורכאויס נישט גענוג פאַר אייער געניאַלער פערזענלעכקייט. אויף אייערע עקזאַמענס האָבן מיר אַלע פיל געלערנט, נישט פיל אוניווערזיטעט-פּראָפעסאָרן וואָלטן זיך געקאָנט מיט אייך פאַרמעסטן. אַזוינס האָט נאָך, דאַכט זיך, אַ גימנאַזיע קיינמאָל נישט זוכה געווען צו זען, ווי אַ פּלוצים פאַרווירקלעכט צויבער-מעשהלע, וועלן אייערע עקזאַמענס, הער רובינאָוו, אומפאַרגעסלעך ליכטן אין דער געשיכטע פון אונדזער גימנאַזיע, און אייער נאָמען וועט אַ לאַנגע צייט אין דער גאַנצער געגנט קלינגען, ווי אַן עקזאַלטירנדיקע לעגענדע. צום אָנדענקען, און ווי אַן אויסדרוק פון אונדזער עכטער באַגייסטערונג, טראָג איך אייך צו אין נאָמען פון לערער-ראַט אָט דאָסדאָזיקע בוך — פּושקינס געזאַמלטע ווערק, ספּעציעל אין לעדער געבונדן. אויף דעם ערשטן טאָוול האָבן מיר געלאָזט צייכענען מיט גאָלדענע אותיות אָט די אויפשריפט, וועלכע...

רובינאָוו, וואָס האָט אין גרויס פאַרלעגנהייט די גאַנצע צייט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען, איז פּלוצים אַ פאַרקאָכטער אויפגעשפּרונגען. דער דירעקטאָר איז פאַרוואונדערט אין מיטן די רייד געבליבן שטיין. אַ רגע האָט זיך רובינאָוו אַנגסטלעך צעשטרייט

צוזאַמענגעקוקט, האָט זיך אָבער גלייך צונויפגענומען און ווי פּלוצים זיך אָנגעצונדן:

— וואָס טויגן אָט די אַלע איבעריקע לויב-רייד. איך בין דאָך בלויז איינער פֿון פֿיל יידישע עקסטערנעס, וואָס בלאָנדזשען אַרום פֿאַרשמאַכט אויף אַ פֿרעמדער וועלט, און דערנידעריקטע קלאַמערן זיי זיך אָן די אָפּגעשלאָסענע טירן פֿון שטאָלצע מלוכה-גימנאַזיעס. טאַקע נאָר דערפֿאַר, וואָס איך בין אַ געבוירענער יתום, אַן איינזאַמער כּמעט פֿון דער וויג, האָב איך געמוזט און געקאָנט נאָך מער זיך פֿאַרטיפֿן און אַריינאַרבעטן אין מיינע אינערלעכע כּוחות. אויך מיין פֿאָלק איז אַ פֿרעמד עקסטערן-פֿאָלק צווישן שטאָלצע איינגעזעסענע פֿעלקער, ווי איך און מיינס גלייכן זענען הפקר-פֿרעמדע עקסטערנעס צווישן זיכערע און שטאָלצע גימנאַזיסטן מיט זילבערנע קנעפּ. די איינזאַמע און אָפּגעזונדערטע שטייען אָבער נענטער צום אור-קוואַל פֿון דער וועלט, אין גרויס ליידן שטרעקן זיי זיך אויס פֿאַרצוקט אויף דער ערד, בייגן צוראָפּ דעם קאָפּ נאָך נידעריקער צום טיפֿן אור-קוואַל און טרינקען זיינע לייבי ע וואַסערן. איר, שטאָלצע און זיכערע, פֿאַרשטייט איר דען דעם איינזאַם-אייביקן עקסטערן-גייסט ? ! כ׳בעט אייך, לאָזט מיך צורו. כ׳וויל נישט אייערע געשאַנקען און דאַרף נישט אייער פֿאַרערונג. איך בין בלויז אַן אָרימער גאָטס-קנעכט דאָ אויף דער ערד און... ניין, ניין — וואָס האָב איך דאָ געזאָגט ? וואָס ? כ׳בעט אייך, האָט אויף מיר נישט קיין פֿאַריבל. וואָס האָב איך דאָ בלויז געזאָגט ? ניין, ניין — כ׳בעט אייך, כ׳בעט...

צעטומלט, פֿאַרלוירן און דערשראָקן האָט ער אויסגע-שטרעקט די הענט. אויף זיין פּנים האָבן זיך באַוויזן שמערץ און ליידן פֿון אַ מענטש, וואָס האָט נישטווילנדיק אַרויסגעגעבן אַ הייליק באַהאַלטענעם סוד און איז פּלוצלינג אַריינגעפֿאַלן אין אַ נעץ פֿון אייגענעם פֿאַרראַט. אויף זיין בלאַס-געוואָרענעם פּנים האָבן די ליפּן קרעמפּנדיק געציטערט, ער האָט זיך אומבאַ-האָלפֿן אַרומגעקוקט און איז האַסטיק גלייך אַרויס פֿון זאַל.

ווען ער איז אַרויס אויף דער גאַס, האָט דער פֿריער אָפּ-

געטריבענער עקזאַלטירטער עולם דערזען פאַרגאַפּט דעם דאָרן, ביינערדיקן עקסטערן מיט דעם קליינעם קינדישן פּנים. רוּבינאָוו האָט זיך אין שרעק און ליידן אומגעקוקט, האָט זיך פייל פון בויגן געלאָזט לויפן און פאַרשוואונדן ווי אַ בליץ. האָבן פיל עקזאַלטירטע מענטשן צווישן דעם עולם אויסגעשטרעקט די הענט און פאַרגאַפּט געשריגן:

— רובינאָוו...

— רובינאָוו...

נאָך אין דעם זעלבן טאָג האָט ער די שטאָט פאַרלאָזט.

8.

יידישע נקמה

אין עטלעכע יאָר אַרום נאָך ליובינסקיס טויעריקן דורכפאַל אין ווייסן מויער איז מיט אים פאָרגעקומען אַ שווערער צוזאַמענשטויס, וואָס האָט נישט נאָר אים אַליין געבראַכט צום ראַנד פון אַן אומגעהויערן אָפּגרונט.

פאָרגעקומען איז עס אָט ווי אַזוי.

ליובינסקי איז תמיד, ווי יעדער עקסטערן, אינערלעך גרייט געווען צו אַ דורכפאַל אויף עקזאַמענס. וואָס איז מער ווי וואָרשיינלעך פאַר יעדן עקסטערן און שרעקט אים, דעם עקסטערן, אַזוי ווייניק, ווי פּולווער־רויך אַ מוטיקן סאָלדאַט. נאָר דער לעצטער דורכפאַל אין ווייסן מויער (ביי גראַניעוויטשן) איז געווען פאַר ליובינסקין מער, ווי בלויז אַ הימל־שרייענדיקע אומגערעכטיקייט. ביי די גיפטיק־ברוטאַלע סצענעס בשעת און נאָך אָט דעם דורכפאַל (דערהויפּט די אומפאַרגעסלעך ווייטיקדיקע דערנידעריקונג, ווען דער לערער גראַניעוויטש האָט אים ווי אַ הונט אַרויסגעוואָרפן פון שטוב) איז עס געווען פאַר ליובינסקין אַ שווערע נשמה־קאַטאַסטראָפע, אָט די נשמה־קאַטאַסטראָפע האָט אים אינערלעך דערשיטערט און איבערגעלאָזט אין אים, ווי אויף אייביק, אַ באַהאַלטן־טיפע, אומהיילבאַר נאָגנדיקע נשמה־וואונד. דורך דידאָזיקע אינטימע דערשיטערונגען האָט ער זיך עפּעס ווי מיטאַמאָל געענדערט.

ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט מער זיך ווען ס׳איז
עקזאַמינירן אין אַ מלוכה=גימנאַזיע. טאַקע קיינמאָל נישט! ווי
אַלעמאָל נאָך אַן אינטימער דערשיטערונג, האָט זיך אים געוואָלט
אַהע, פאָרן ערגעץ אין אַן אַנדער ווייט לאַנד און אויף אַ לאַנ=
גע״ צייט פאַרלאָזן די פיינלעכע אַטמאָספערע פון די שווערע
שאַנד=איבערלעבענישן. באַזונדער האָט עס אים געצויגן אין מערב=
אייראָפּע, וואו די אוניווערזיטעטן האָבן נישט קיין פּראָצענט=נאָרם
פאַר יידן און מ׳קאָן דאָרט לייכט אָנקומען. האָט ער אָנגעשטרענגט
אַלע כוחות צו באַקומען די נייטיקע געלט=מיטלען און מיט דער
הילף פון פריינט און קרובים איז ער דאָס זעלבע יאָר, אין אוי=
גוסט, אַוועקגעפאָרן קיין בערלין. אין עטלעכע וואָכן אַרום איז ער
אָנגעקומען דאָרט אין אוניווערזיטעט און איז געוואָרן אַ סטודענט
פון מעדיצינישן פאַקולטעט.

ליובינסקי האָט אין בערלין פריי אָפּגעאָטעמט. דאָ איז
קודם=כל נישטאָ די פאַרפעסטעטע אַטמאָספערע פון האַס און
גזירות, וואָס לאָזן נישט, דאָרט אין דער היימאַט, אָטעמען און
וואַקסן דעם עקסטערן, ווי די גאַנצע יידישע יוגנט. אַ חוץ דעם
האָט עס געשטאַרקט דעם גייסט און באַרויקט די פעסטע דייטשישע
געאָרדנטקייט, וואָס שפּיגלט אָפּ אויף שריט און טריט דעם אַזוי
מעכטיקן און אַזוי באַרימטן דייטשישן דראַנג צו ריינקייט, אָרדנט-
לעכקייט און פּינקטלעכקייט.

אין בערלינער אוניווערזיטעט האָט ליובינסקי צו זיין גרוי=
סער פרייד באַגעגנט זייער פיל יידיש=רוסישע סטודענטן, וואָס
זענען אַהער נישט לאַנג געקומען און זענען געווען מייסטנס
סטודענטן פון מעדיצינישן פאַקולטעט. די צאָל פון אָט די סטודענטן
איז, ווי ליובינסקי האָט זיך באַלד דערוואוסט, געווען העכער פון
זעקס הונדערט. צום גרעסטן טייל זענען זיי געוועזענע ע.סטער=
נעס, וואָס האָבן זיך גאַנץ אייגנאַרטיק אַריינגעלעבט אין דער
נייער ראָלע פון בערלינער סטודענטן. זיי האָבן איצט אַלע
געטראָגן ווייסע מאַנישקעס, ברייטע, כמעט עלעגאַנטע דייטשע
פּאַלטנס אויף די פּלייצעס. אויף זייערע ליפּן האָט געקלונגען די
האַלב=אויסגעלערנטע דייטשע שפּראַך מיט אַ טשעקאַווען יידיש-

זאַפטיקן אַקצענט. אַ קליין ביסעלע איבערגענומענע דייטשע מאַנירלעכקייט האָט געצוימט און כלומרשט מאַסקירט די נאָך זודיקע עקסטערנישע צערודערטקייט. זיי האָבן זיך פּאַמעלעך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן. אין אַ קורצער צייט האָבן זיך אויסגעבילדעט צוויי מעכטיקע אָרגאַניזאַציעס („רעכטע״ און „לינקע״) פון יידיש־רוסישע סטודענטן.

אָט די געוועזענע עקסטערנעס, וואָס האָבן אַלע זייערע יאָרן זיך אַרומגעבלאָנקעט אין אומאָרגאַניזירטע מאַסן און ווי מענטשן־שטויב זיך געלאָזט טרעטן מיט די פיס, אָט די נאָר־וואָס צעפּאַטלטע עקסטערנעס, זענען מיטאַמאָל געוואָרן עלעגאַנטע בערלינער סטודענטן און שטאָלצע מיטגלידער פון אָרגאַניזירטע קאָלעקטיוון. ס׳האָט זיך אָבער נאָך אין יעדן באַהאַלטן געצאַפּלט די אייביקע עקסטערנישע זודיקייט, וואָס וועט אָט־אָט ביי דער ערשטער געלעגנהייט זיך פונסניי דורכרייסן ווי אַ פאַרצווייפלט מעכטיקער שטראָם.

ליובינסקי איז מיט לייב און לעבן אַריין אין מעדיצינישן שטודיום. נאָך פון די פריסטע קינדער־יאָרן האָט עס אים געצויגן צו דער מעדיצין. ער האָט תמיד געגלייבט און געפילט, אַז אין דעם מענטש גופא, אין אָט דער וואונדערלעכער קערפּער־נשמה־פאַרפלעכטונג, ליגט דער לעצטער סוד פון וועלט און לעבן. און גראַדע דער קראַנקער, דערליידנדיקער מענטש, ברענגט דעם פאָרשער נאָך נענטער צו אָט דעם לעצטן סוד. ליובינסקי האָט ליידנשאַפטלעך־טרוימעריש אידעאַליזירט די מעדיצינישע אַרבעט, וואָס האָט זיך אים אינטים געפילט ווי אַ געהיימע לעבנס־מיסיע. ביי דער אַרבעט אין אַנאַטאָמישן אינסטיטוט, אויף אַ לעקציע אָדער וואו ס׳איז אַנדערש ביים שטודיום — אומעטום האָט ער געפילט דאָס אומבאַשטימט נעפלהאַפטע און דאָך לחלוטין אַנטשיידנדיקע מיסיע־געפיל, וואָס באַגלייט אַזוי אָדער אַנדערש יעדע אינטימע פאַרכאַפּטקייט.

ערשט אויף דעם דריטן אוניווערזיטעט־יאָר הייבן אָן די סטודענטן אויפן מעדיצינישן פאַקולטעט (נאָך דער צוויי־יעריקער פאָרבערייטונג) צו גיין אין קליניקעס און אוניווערזיטעטישע

שפּיטעלער. דאָרט הייבט מען ערשט אָן סיסטעמאַטיש צו קומען אוממיטלבאַר אין מעדיצינישער באַרירונג מיטן קראַנקן. אַט ווי סאָלדאַטן נאָך אַ לאַנגער צייט פון מיליטערישע איבונג און סאָלדאַטישער מושטירונג הייבן ערשט אָן אויפן פראָנט אָדער מאַנעוורעס דערפילן און אַרויסווייזן מיליטערישן אימפּעט, אַזוי האָט ליובינסקי ערשט אין קליניק דערפילט און אַרויסגעוויזן דעם ברען פון מעדיצינישער אַרבעט. ער האָט זיך אַלץ מער צוגעבונדן צו דער קליניק און נישט דורכגעלאָזט קיין געלעגנהייט דאָרט צו זיין און צו אַרבעטן. אין די פרילינג־וואַקאַציעס, ווען די מייסטע סטודענטן פאָרן אַהיים, בלייבט ליובינסקי אין בערלין און אַרבעט ווי אַ פּראַקטיקאַנט אין דער קליניק. דאָרט אַרום די קראַנקן־בעטן פילט ליובינסקי אויף זיין שטייגער נאָך אַינערלעכער די שאַרפע ציעניש פון דער אַרומיקער פרילינג־בענקשאַפט.

אויף אַט דעם פערטן אוניווערזיטעט־יאָר איז אַט־וואָס פאָרגעקומען.

אין יענעם פרילינג האָט ליובינסקי געאַרבעט אין דער גרויסער כירורגישער קליניק, וואו ער איז דורך זיין באַגייסטערונג און פלייס געווען שטאַרק באַליבט צווישן די שוועסטער און דאָקטוירים. און ווייל ער איז געווען דאָרט דער איינציקער יידיש־רוסישער סטודענט, האָט ער אויך ווי אַ טשעקאַווער אויסלענדער אַרויסגערופן ביי די אַרומיקע אַ גוטמוטיקן אינטערעס. דער פּראָפעסאָר פון קליניק האָט מיט אַלץ גרעסערן פאַרטרויען אַריינגעצויגן אים, דער „רוסישן“ יונגנמאַן, אין דער אַרבעט.

אינמיטן אַפּריל, אין אַ העל־זוניקן פרימאָרגן, איז ליובינסקי ווי אַלע מאָל געקומען אַרום ניין אַ זייגער אין קליניק, וואו מ'האָט אָבער אויף אים היינט אומגעדולדיק געוואַרט. אייניקע שוועסטער האָבן אים מיט אַ פריילעכן ליאַרם באַגעגנט. די מעשה איז געווען אַזוי. מ'האָט אינדערפרי געבראַכט אין קליניק אַ רוסישן קראַנקן, וועלכער פאַרשטייט נישט איין וואָרט דייטש. ער איז ערשט נעכטן אָנגעקומען קיין בערלין, איז גלייך אַוועק ווי אַ פּאַציענט צום פּראָפעסאָר אַהיים און טאַקע אויף דעם פּראָפעסאָרס

אָנווייזונג איז ער אויפגענומען געוואָרן אין קליניק. דער באַגלייטער, וואָס האָט אים צוגעפירט, איז גלייך פאַרשוואונדן. ליגט ער. דער קראַנקער, ווי אַ שטומער, און מ׳קאָן זיך מיט אים גאָרנישט צונויפרעדן. שוין אַ שעה צייט, אַז ער שרייט און מאַכט עפּעס מיט די הענט, אָבער קיינער פאַרשטייט אים נישט. מ׳ווייסט נאָר, אַז ער ליידט פון אַ שווערער געלזוכט און אין דער נאָענטער וואָך וועט מען אים מסתּמא מאַכן אַן אָפּעראַציע אויף דער גאַל. בקיצור, מ׳וואַרט אויף ליובינסקין, ער זאָל זיך צונויפרעדן אויף רוסיש מיט זיין לאַנדסמאַן, זאָל צונויפשטעלן אַ קראַנקייטס-געשיכטע און ברענגען אַלץ אין אָרדנונג.

ס׳איז געווען אַ שטאַרק-זוניקער פרילינג-מאָרגן, וואָס האָט מונטער און שטיפעריש געבלישטשעט נישט נאָר אין די שניי-ווייסע כאַלאַטן פון שוועסטער און דאָקטוירים, נאָר אויך אין די ווייסע דעקן און ליילעכער אויף די קראַנקן-בעטן און אין די שטיקער שניי-ווייסער וואַטע און מאַרליע, וואָס האָבן דאָ און דאָרט אַרומגעוויקלט ביי די קראַנקע זייערע וואונדע גלידער. אין דער קליניק זענען גרויסע ברייטע פענסטער, דורך וועלכע ס׳פּלייצט אַריין אַזוי פיל ליכט און פרישע העלקייט, דאָס מענטשן פילן נישט דעם אייגנאַרטיק-ניואַנסירטן כלאָראָפאָרם-ריח אין דער קליניק. ליובינסקי האָט זיך אַ ווייל געווערטלט מיט די שוועסטער, האָט גלייך אָנגעטון זיין ווייסן כאַלאַט און צוזאַמען מיט דער בלאָנדער שוועסטער מאַרטע האָט ער זיך געלאָזט גיין צו יענעם קראַנקן, וואָס איז געלעגן אין אַ באַזונדער צימער.

ווי נאָר ליובינסקי האָט די טיר געעפנט, איז ער ווי אַ געפּלעפטער געבליבן שטיין אויף דער שוועל. אויפן בעט איז געלעגן האַלב-צונויפגעקאָרטשעט אַ מיטלוואוקסיקער מענטש אין שטאַרקער געלזוכט. דער גאַנצער קערפּער, דאָס געזיכט, אויך די ווייסלעך פון די אויגן זענען אויס שטאַרק געל. אויף דעם מאָגערן, אויסגעצויגענעם און געל-פאַרביקן פּנים האָבן זיך אויסגעטיילט געדיכטע שוואַרצע וואָנסעס און פאַנאַטיש-בלישטשענדיקע אויגן, וואָס האָבן איצט אויסגעדריקט קוים איינגעהאַלטענעם שמערץ און ווייטיק. ליובינסקי האָט זיך קוים באַהערשט. ער האָט

גלייך דערקענט גראַניעוויטשן, וועלכער האָט אָבער אים לחלוטין נישט דערקענט. דער געל־פאַרביקער קראַנקער זעט אויס אין זיינע ליידן אַזוי ווייט און אָפּגעטראָגן, גלייך ער וואָלט שוין פאַרלוירן יעדע פאַרבינדונג מיט דער אַרומיקער וועלט. איז ליובינסקי גלייך צו אים צוגעגאַנגען און אים באַגריסט אויף רוסיש.

— כ׳בין אַ רוסישער סטודענט פון בערלינער אוניווערזיטעט, כ׳פּראַקטיציר דאָ אין קליניק און בין גערן גרייט אייך צו באַדינען. זאָגט מיר נאָר, וואָס איר דאַרפט. פונוואַנען זענט איר?

דערהערט אַ רוסיש וואָרט, האָט גראַניעוויטש אויפגעלויכטן. ער האָט אויסגעשטרעקט די הענט צו ליובינסקין מיט דער פרייד פון אַ מענטש, וואָס האָט אין געפענגעניש פלוצים דערזעען אַן אייגענעם מענטש.

— כ׳דאַנק אייך, ליבער לאַנדסמאַן, איר ראַטעוועט מיך פשוט פון ביטערער איינזאַמקייט. אַלע האָבן מיר געראַטן פאָרן קיין בערלין צו מאַכן די נייטיקע אָפּעראַציע. האָט מיך מיין באַגלייטער פלוצלינג פאַרלאָזט און איך בין אַריין ווי אַ שטומער אין אַ פרעמדער קליניק. אַ גאַנצע צייט האָב איך זיך געוואָרפן אין שמערצן און האָב וועגן דער מינדסטער זאַך זיך בשום אופן נישט געקאָנט צונויפרעדן מיטן דאָקטאָר און שוועסטער... הערט נאָר, אַ גאַנצן אינדערפרי וויגט עס מיר ביז צום טויט דאָ אונטערן לעפעלע; זאָגט זיי, כ׳בעט אייך, מ׳זאָל מיר עפּעס דערצו געבן. אַ חוץ דעם וואָלט איך געבעטן, אַז...

ליובינסקי האָט פאַרמיטלט צווישן אים און דער שוועסטער, האָט געלאָזט ברענגען אַלעס נייטיקע, האָט אויף פאַרשידענע אופנים באַדינט און באַרויקט דעם קראַנקן. צום סוף האָט ליובינסקי גענומען מעשה־מעדיצינער אויספרעגן גראַניעוויטשן וועגן דער קראַנקהייט. האָט אויפגעשריבן די נייטיקע קראַנקהייט־געשיכטע און אויסגעפילט אייניקע ליסטעס. דאָס אַלץ האָט ליובינסקי געטון מיט גרויס געדולד און אַזאַ נאַטירלעכער איבערגעבנ־

קייט, דאָס גראַניעוויטש האָט גלייך באַקומען פּאַרטרויען און זיך דערפילט מיטאַמאָל ווי אינדערהיים.

אַרום צוועלף אַ זייגער איז די קליניק, ווי אַלע מאָל אין אָט דער צייט, געווען זייער אויפגערודערט. דער שעף פון דער קליניק, דער וועלט־באַרימטער כירורג, דער „געהיימראַט”, דער באַליבטער פּראָפעסאָר, האָט נאָר־וואָס געענדיקט זיין לעקציע פאַר סטודענטן און גייט איצט פון אודיטאָריע אין קליניק באַזוכן דאָרט די קראַנקע. ווי אַ שטילער שטורעם איז דורכגעגאַנגען איבער דער קליניק ; איבער אַלע קראַנקן־בעטן איז ווי אַ בליץ דורכגעלאָפן די בשורה.

— דער געהיימראַט גייט, ער גייט...

— ער גייט...

אַ הויכער, מיט גרויע האָר און גרויע וואָנסעס, האָט דער פּראָפעסאָר אויסגעזען זייער אימפּאָזאַנט. פון אונטער דעם הויכן ברייטן שטערן קוקן אַרויס שאַרף און ערלעך קלוגע, בלויע אויגן, וואָס צעגיסן אַ שטיל ליכט איבער דעם אייזן־פעסטן גלאַט־ראַזירטן פּנים.

אויף דעם וועג פון אודיטאָריע אין די זאַלן פון קליניק באַגלייט דעם פּראָפעסאָר אַ גאַנצע מחנה אָדער „סוויטע” פון יונגע און אַלטע אַסיסטענטן, דאָקטוירים, פּראַקטיצירנדיקע סטודענטן און שוועסטער. אַלע אין ווייסע כאַלאַטן, גייען זיי לאַנגזאַם, מיט גרויס אָפּשיי. אין די קראַנקן־זאַלן דערהערן זיך שוין פון ווייטן אָט די איינגעהאַלטענע טריט פון דער „סוויטע”. קראַנקע גלייכן זיך עטוואָס אויס אויף די בעטן און הייבן אויף מיט אָפּשיי זייערע בליקן. און ווען דער פּראָפעסאָר גייט אַריין, לויפט דורך איבער אַלעמען אַ שוידער פון פריידיקער אויפרעגונג. רירט זיך צו דער פּראָפעסאָר צו אַ קראַנקן, דערפילט יענער די געבענטשטע פינגער פון אַ וועלט־באַרימטן כירורג. איין בליק, איין וואָרט וועקט האָפענונג און בטחון..

ליובינסקי איז פריער אַריין צו גראַניעוויטשן אין צימער אים אָנזאָגן דעם פּראָפעסאָרס באַלדיק אָנקומען. דאָרט האָט שוין געוואַרט די בלאָנדע שוועסטער מאַרטאַ. טאַקע באַלד האָבן זיך

פון ווייטן דערהערט די פייערלעך-איינגעהאַלטענע טריט פון דער צוגייענדיקער „סוויטע“.

ווען דער פּראָפעסאָר איז אַריינגעקומען, האָט ביי גראַניעוויטשן פון אַנגסט און דרך-ארץ דאָס האַרץ אָנגעהויבן שטאַרקער קלאַפּן.

דער פּראָפעסאָר וועט עס איצט ענדגילטיק אַנטשיידן, אויב, ווען און ווי אַזוי זאָל ער מאַכן גראַניעוויטשן די אָפּעראַציע. ס'איז אַ לעבנס-וויכטיקער מאָמענט, האָט גראַניעוויטש איבערגעטריבן געקלערט, מ'טאָר קיין וואָרט נישט דורכלאָזן. און ווייל גראַניעוויטש פאַרשטייט לחלוטין נישט קיין דייטש, האָט ער מיט האָפנונג און פאַרטרויען געקוקט צו ליובינסקין, וועלכער האָט פאַרמיטלט צווישן אים און פּראָפעסאָר. און מיט דעם שאַרף-אָנגעשטרענגטן חוש פון אַ שווער-קראַנקן, האָט ער געפילט, אַז ליובינסקי פאַרמיטלט ערלעך און געטריי. און טאַקע איצט האָט ער דערפילט צו ליובינסקין די גאַנצע צוגעבונדנקייט פון אַ קראַנקן צום איינציק-נאָענטן און טרייען מענטש.

ערשט נאָך דעם פּראָפעסאָרס אַוועקגיין, האָט ליובינסקי געזאָגט גראַניעוויטשן, אַז מ'וועט אים אין עטלעכע טעג אַרום מאַכן די אָפּעראַציע. מיט דער סענטימענטאַלער אויפגערעגטקייט פון אַ קראַנקן, האָט גראַניעוויטש אַ נעם געטון ליובינסקין פאַר דער האַנט:

— אויב איר וועט נאָר זיין אַרום מיר, האָב איך פאַר גאָרנישט נישט מורא...

ווען אַן אָפיציר באַליידיקט אָדער שלאָגט אפילו ביז צום טויט אַ געוויינלעכן סאָלדאַט, קאָן דער סאָלדאַט אָפטמאָל שוין אויף אייביק נישט פאַרגעסן דעם אָפיציר און אָט די סצענע פון דער בלוטיקער דערנידערונג. אָבער דער אָפיציר קאָן אויף אַ נאַטירלעכן אופן שוין אויף מאָרגן פאַרגעסן די גאַנצע סצענע און דעם געשלאָגענעם סאָלדאַט, וואָס פאַרלירט זיך פאַר אים אין דער גרויער סאָלדאַטן-מאַסע. דאָס זעלבע קומט פאָר, האָט ליובינסקי געקלערט, ווען אַ גימנאַזיע-לערער באַליידיקט ביז צום טויט אַן איינפאַכן עקסטערן. אָט קאָן ליובינסקי בשום אופן נישט אַרויס=

רייסן פון דער נשמה די גיפטיק־שמערצפולע דערינערונגען וועגן דעם, ווי דער גימנאַזיע־לערער גראַניעוויטש האָט מיט עטלעכע יאָרן צוריק אים, דעם געוועזענעם עקסטערן ליובינסקין, בלוטיק באַליידיקט און אַרויסגעוואָרפן ווי אַ הונט פון שטוב. נאָר גראַניעוויטש האָט פאַרגעסן די גאַנצע סצענע און ליובינסקין אַליין, וועלכער פאַרלירט זיך פאַר גראַניעוויטשס זכרון אין דער גרויער עקסטערן־מאַסע.

אָבער וואָס פיינלעכער און גיפטיקער די שווערע דערינערונג, אַלץ נאַטירלעכער און טיפער איז ביי ליובינסקין דער דראַנג אַרויסצווייזן צערטלעכע איבערגעבנקייט צו דעם איצט קראַנקן גראַניעוויטשן. איז דאָס אַ מין ראַפינירט דערהויבענע נקמה, וואָס פאַרשיט אומברחמנותדיק דעם שונא מיט צערטלעכקייט און ליבע? ניין, די גיפטיקע דערינערונג פאַרגראָבט זיך ווייטיקלעך טיף אין דער נשמה און טאַקע דאָרט, אין די סאַמע טיפענישן, שטראַלט אַרויס ווי פון „יענער זייט" נשמה אַ מין אומבאַרעכנט זיסער דראַנג צו ליבן און צו העלפן. דאָס איז אינטימע צערטלעכקייט פון איבערגעווייטיקטע ליידן, די נאַטירלעך־פרישע גרויסמוטיקייט פון אַ גאָר יונגען העלד, וואָס דערזעט פלוצלינג דעם שונא אומבאַהאָלפן אויסגעשטרעקט.

אין די מאָרגן־שעהן, בשעת זיין אַרבעט־צייט אין דער קליניק, הערט נישט אויף ליובינסקי אַכטונג צו געבן אויף גראַניעוויטשן, באַזאָרגט אים יעדע קלייניקייט. פאַרנאַכט קומט ער ספּעציעל אין קליניק געוואויר ווערן גראַניעוויטשן, ברענגט אים אָפּט בלומען, לייענט אים פאָר אַ רוסישע צייטונג, רינגלט אים אַרום מיט כלערליי ליבלעכקייטן. דאָס אַלץ מאַכט ער מיט גרויס טאַקט אויף אַ נאַטירלעכן אופן, דאָס עס טראָגט דורכאויס דעם כאַראַקטער פון מענטשלעך פשוטער פריינדלעכקייט.

די נאַכט פאַר דער אָפּעראַציע האָט ליובינסקי געוועכטיקט אין קליניק. שוין זיין אָנוועזנהייט אַליין האָט קענטיק דערמוטיקט און באַרויקט גראַניעוויטשן. אויף מאָרגן אינדערפרי האָט ליובינסקי צוזאַמען מיט דער בלאָנדער שוועסטער מאַרטאַ געפירט גראַניעוויטשן אינם אָפּעראַציאָנס־חדר. ווען מ׳האָט גראַניעוויטשן

דערשיטערנדיקער איז געווען די היילונג, וואָס איז געקומען אומ־געריכט צוזאַמען מיט אייער זוניקער מענטשלעכקייט. צו זוניק, צו העל־בלענדנדיק, צו אומגעריכט איז עס געווען. כ׳בין צוערשט אַנטלאָפן פון אייך כמעט ווי מיט אַ קללה אויף די ליפן. ווי נאָר כ׳בין אַריבערגעגאַנגען די גרענעץ פונם שיינעם פרעמדן לאַנד, האָב איך שוין דאָ טאַקע ביים שרייבן פלוצלינג דערפילט, אַז אייער זוניקע מענטשלעכקייט גליט אויף אין מיר אַליין מיט אַ פרישן פייער פון נייער ליבע און נייעם גלויבן... כ׳שטרעק אויס צו אייך מיין האַנט און וויל אייך זאָגן, אַז... ניין, קיין איין וואָרט נישט מער. אונזערע בליקן באַגעגענען זיך אין אינערלעכער שטילקייט און כאָטש איך דריק אייך שטום די האַנט, פאַרשטייט איר מיך...

איר פאַרשטייט מיך..."

דערציילונגען

פון

פישל שניאורסאָן

1. **חיים גראַוויצער**

ערשטער טייל

די געשיכטע פון דעם געפאַלענעם

2. **חיים גראַוויצער**

צווייטער טייל

די ראַנגלענישן פון דעם געפאַלענעם

3. **קאַראַהאָד**

די פאַרבלאָנדזשענישן פון אברהם איצי דעם קירזשנער

4. **יידישע בקמה**

פון דער עקסטערן־וועלט.

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין, ווילנע